STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11887

MAYSELEKH

Eliezer Steinbarg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



הילע און אויבער־הילע פון סערדשיו סאנדולאָוויטש

מײַסעלעך

אליעזר שטײנבארג

מײַסעלעך

מיט 109 צײכענונגען פון ארטור קאלניק

מלוכה־פארלאג פאר ליטעראטור און קונסט — בוקארעשט

١.

דער קאַטער אַלדעסווייסער

דאָס מייסעלע ״בעט״ זיך: קינדערלעך, לייענט מיך! ווער ס'האָט א געלעכטערל ליב, וועט האָבן אף צו לאכן; ווער ס'האָט ליב א טרערעלע צו לאָזן, וועט האָבן אף צו וויינען; און ווער ס'האָט ליב צו זינגען, וועט א לידעלע האָבן. און דער איקער: עמעס! וואָס איך דערצייל איז עמעס. ווייל, פאַרשטייט איר מיך, א מייסעלע א שיינס קען ניט ניט־עמעס זיין. און נאָך עפּעס: מיך צו לייענען איז גרינג, זייער גרינג. די קאַפּיטעלעך מיינע ניט צעצויגן — קורץ און שאַרף, ווי איר האָט ליב.

ווילט איר מיך לייענען? יאָ? נו, איז גוט.

א הון מיט א האָן,
דאָס מייסעלע הייבט זיך אָן.

א

ווו דער יאַם האָט אַ ברעג, ווו די וועלט האָט אַן עק, ווו סע וואַקסט דער שוואַרצער פעפער און סע בליט דער רויטער מאָן — דאָרט אַמאָל געווען אַ הון מיט אַ האָן.

געוווינט האָבן זיי אין אַ שטיבעלע פון פימסנהאָלץ און דאָס שטיבעלע אויף הינערישע פיסעלעך איז דאָס געשטאַנען. פלעג זיך דער האָן אָפּן ווייסן מירמלשטיי־נערנעם קוימענדל פונעם גילדענעם דעכעלע אויף איין פוס שטעלן און זינגען:

קו קו רי קו!
שטיבעלע, שטיבעלע,
שפּרינג איבער גריבעלע,

טאנץ איבער בערגעלע —
וועל קרייען מיטן גערגעלע!

און אז דער האָן אזוי געזונגען — דאָס שטיבעלע גענומען שפּרינגען, טאנצן, איבער גריבעלעך, איבער טאָלן, איבער בערגעלעך, און אזוי גיך געשפּרונגען און אזוי לופטיק געטאנצט און געוואָרפן פיסעלעך בארג־ארויף, בארגאראָפּ, אז א פויגל ניט געקענט דעריאָגן, קיין פייל ניט שלאָגן. און אז דער האָן געטון א קריי:

קו קו ריי קו, קו קו ריי!
שטיי, מיין שטיבעלע, שטיי,
ס'האָט די הון געלייגט אן איי!

איז דאָס שטיבעלע שטיין געבליבן.

ב

איינמאָל דער הון פארגלוסט זיך אין דער ווייטער וועלט ארייַן זיך לאָזן, וואונדער זעען און זיך באווייזן. און דער האָן, כאָטש א שטרענגער און אביסעלע א בייזער — די הון ביי אים א גוט לעבן געהאט. און אז די הון זאָגט: ‚פאָרן!' שטעלט זיך דער האָן אפן דאך און קרייט: ‚קוקוריקו!' קוקוריקו קרייט ער און דאָס לידעלע, דאָס שפּראָכלידעלע, זינגט ער.

נעמט דאָס שטיבעלע פיסעלעך שטעלן.

דאָס שטיבעלע איבער בארג און טאָל לויפט עס, דער האָן אפן קוימענדל שטייט און גיט אכטונג און די הון זיצט זיך אינעווייניק ביים פענצטערל ביים אָפענעם און קוקט ארויס. דאָס איר גרעסטער פארגע־

ניגן ווען זי פּאָרט: ביים פענצטערל זיצן און אַרויסקוקן. ערשט דעמאָלט מיט אירע אייגענע אויגן זעט זי, אַז טאַקע עמעס וואָס קלוגע לייט זאָגן: ,די צייט לויפט און אַלצדינג לויפט איר נאָך'; בערג, ביימער, וואַסער — אַלצדינג איילט זיך ערגעץ. וווהין?

ג

די קלאָרע, ריינע טויבן וואָס מענטשן רופן זיי „פּוך־כמאַרעלעך" איינײנעם מיט דער גרויסער ליכטיקער טויב, וואָס מע רופט זי זון, זענען זיי אַוועק און דאָרטן אויפן גוזמע־גוזמאָעס גילדענע אייעלעך צעזייט און צעשפּרייט. און ביים סאַמע עק, טאַקע נאָר אַף אַראָפּצופאַלן — איין זילבערן איי אַ גרויס אַף העפקער איבערגעלאָזט און אַוועקגעפלויגן. קיין מאַמע אַף דער וועלט טוט עס ניט. און די שוואַרצע טויב וואָס מע רופט זי נאַכט, האָט זיך שטיל־שטיל אַף די יעסוימים אַראָפּגעלאָזט, אירע ווייכע שוואַרצע פליגל איבער זיי פאַרשפּרייט, ביז איינדערפרי זיך אָנידערגעזעצט, פון די גילדענע אייעלעך אַ ווייסן זומערטאָג אויסצוברי‌ען.

און זי וויינט, די פרומע טויב!

פאַר ראַכמאָנעס אַף די גילדענע יעסוימימלעך וויינט די פרומע טויב, די נאַכט. זי וויינט און אירע טרערן אַף דער גאָרער וועלט פאַלן. שטיל־שטיל פאַלן זיי.

די טרערן רופן מענטשן טוי.

און דאָס שטיבעלע וואַרפט די הינערישע פיסעלעך, וואַרפט, איינס אַליין גייט עס מיט די בערג. און די הון ביים פענצטערל זיצט זי און קוקט אַרויס. מוירע

האָבן האָט זי ניט. פאַר וועמען, אַז דער האָן אפן דעכעלע היט? און דאָס שטיבעלע, ווער קען עס דען דעריאָגן? אפילע קיין אָדלער ניט.

אָבער וואָס עמעס איז עמעס: אומעטיק איז, אזש טרערעלעך שטעלן זיך אין די אויגן איר; שטיל־שטיל קייקלען זיך די טרערעלעך ווי די טרערעלעך פון דער נאכט. די טרערעלעך קייקלען זיך און זי פילט ניט און זי ווייסט ניט...

ד

קוקוריקו!! די נאכט האָט דערפילט, פון די גילדענע אייעלעך הייבט זיך אָן עפּעס פּיקן, האָט זי אָנגעהויבן זיס און שטיל צו וואָרקען. דער האָן אפן דעכעלע גלייך דאָס דערהערט און הויך אף א קאָל אויסגערופן: ‚קוקו־ריקו!‘ — מאזלטאָוו הייסט עס — א נייער טאָג פּיקט זיך. און אָפּגעשטעלט דער האָן דאָס שטיבעלע אף א הויכן בארג; ביים סאמע שפּיץ האָט ער עס אָפּגע־שטעלט.

און דאָ אף דעם אָרט און דאָ אין דער שאָ דער האָן מיט דער הון וווּנדער געזען: בארג צופוסנס שפּרייט זיך אויס א טאָל; אין טאָל אקעגן בארג שטייט א פּאַ־לאַץ — א גרויסער, א ליכטיקער אזא; פאַרן פּאַלאַץ ציט זיך א וועג: א שמאָלער, א גלייכער, א לאנגער וועג ציט זיך אין דער וועלט אריין. פּלוצים אין טאָל אפן לאנגן וועג א שלאנג, א שלאנג א ריזיקע, מיט צווי גרויסע קיילעכדיקע ברענענדיקע אויגן.

זי לויפט און סאַפּעט די שלאנג און פון דער נאָז זעצט א רויך, א רויך ווי אויס א קוימען ארויס. די

שלאַנג אַ הילכיקן פּייף געטון, אזש דער באַרג שיר זיך ניט געשפּאַלטן, פאַרן פּאַלאַץ דעם באַלויכטענעם

זיך אָפּגעשטעלט. אויסן בויך אַרויס אַ גאַנצע וועלט מענטשן אויסגעשפּיגן; פונעם פּאַלאַץ אין אײַלעם אַרויס־געלאָפן, צו די מענטשן צו די אויסגעשפּיגענע זיך אַ וואָרף געטון — העלפן אָפּאָנעם געוואָלט, כאַפּן, באַהאַלטן זיי... טוט די שלאַנג דעם גאַנצן אײַלעם אַ שלונג אײַן, נאָר אַ קלײנער טײל באַוויזן זיך צו ראַטעווען, און נאָכ־אַמאָל טוט די שלאַנג אַ פּייף און — אַוועק־אַוועק.

„האָסט געזען?" פרעגט די הון דעם האָן און די פליגל ציטערן איר פאַר שרעק.

„געזען!" זאָגט דער האָן שטיל, „ס'איז דער וואַל־פיש".

„וואָס פאלט דיר איין? וואָלפיש? דער וואָלפיש איז דאָך גאָר אין יאם — ווי קומט ער אהער?"

„ער קומט שוין."

„וויאזוי?"

„א גאנצע מײַסע!"

„דערצייל זי מיר!"

„נאָכן עסן!"

האָט די הון געכאפּט גרייטן צו טיש גיך־גיך, גאָפּל־מעסער אזש פון דער האנט געפאלן — די מייסע שוין געוואָלט הערן.

ה

נאָכן עסן מאן־און־ווייב אינדרויסן ארויסגעגאנגען, פאר דער טיר זיך אנידערגעזעצט און דער האָן דער הון אין נאכטשטילקייט אזא מייסעלע דערציילט:

ו

דורך א האָן מיט א הון איז קיניגבארג כאָרעוו געוואָרן. אין שטאָט קיניגבארג אזא איינפיר געווען: האָט איינער געהאלטן א האָן מיט א הון אין שטוב און זיי ניט צו דער צייט עסן־טרינקען געגעבן, האָט ער געמוזט א זאק זויער־געזאלצענעם באָרשט אויסזופּן. און קוים איז דורכן זאק א טראָפּן דורכגערונען, האָט ער געמוזט אפן אָרט נאָך א זאק און נאָך א זאק אויס־זופּן. און ווען מע קומט צו אים און מע זאָגט אים: „נאר איינער, וואָס טויג דיר דער האָן מיט דער הון? פארטרײַב זיי און אויס זעק באָרשט!" וואָלט ער גע־ענטפערט: „איך וואָלט נאָכאמאָל און נאָכאמאָל אזויפיל

זופּ׳ און א האָן מיט א הון זאָל איך האָבן״. און דערפאר איז א ווערטל געבליבן: „איך וואָלט פאר אים קיין זאק באָרשט ניט אוועקגעגעבן״. דאָס הייסט, איך וועל זיך פון קיין זאק באָרשט ניט אָפּזאָגן און אים זאָל איך האָבן; ווייל טייער און כּאָשעוו איז ער מיר ווי א האָן אין קיניגנא־ג.

און דער האָן אין קיניגבארג, פארוואָס איז ער אזא כּאָשעוו געוועזן? ווייל די קיניגבארגער — אלע גוטע, פרומע און פלייסיקע לייט זענען זיי געוועזן און דער האָן זיי צו טוירע און ארבעט געוועקט.

„און די הון?״ פרעגט די קוקוריקעכע אראָפּלאָזנדיק די אויגן. „די הון״, זאָגט דער האָן, „האָבן זיי אויך ערלעך געהאלטן, ווייל זי, די הון האלט ערלעך דעם האָן. אז דער מאן זאָגט איר: „מיין ווייב, מאָרגן קויף איך דיר א מאנטל ביז די קניעס״, גלייבט זי אים אפן וואָרט. און מאָרגן, אז ער זאָגט איר: „זאָל זיך מיר מיין ספּאָדיקל פונעם קאָפּ אראָפּגליטשן, אויב איך קען און וויל דיר ניט קויפן״, גלייבט זי ווידער.

„גוט וואָס מיך דערמאָנט!״, טוט זיך פּלוצים א כאפּ די הון, „ווען טאקע קויפסטו מיר שוין?...״

אָבער דער האָן שלאָגט זי איבער: „האָסט דאָך דאכט זיך מיר, געוואָלט דאָס מייסעלע הערן, צי ניין?״

„דערצייל, דערצייל!״, בעט זיך די הון, „נו, דער־צייל שוין!״ און דער האָן דערציילט ווייטער.

ז

און אז א האָן מיט א הון זענען כּאָסן־קאַלע גע־וואָרן און די רעכטע צייט איז געקומען, כּאסענעצייט,

האָבן די קיניגבארגער זיי אָף די הענט צו דער כופּע געטראָגן, האוודאָלעס געלויכטן, קלעזמער געשפּילט — פידלען און צימבלען און קעסלפּויקן און טאצן.

און אונטער דער אייגענער כופּע האָבן די קיניג־בארגער זייערע אייגענע קינדער אויסגעגעבן און זיי געבענטשט און געווונטשעוועט: „איר זאָלט די ווערט זיין ביי זיין ליבן נאָמען און איר זאָלט זיך לעבן ווי א האָן מיט א הון, אָמיין!“

אזוי זאָל זיין, אזוי געוועזן,
ביז א מייסע איז געשען.

ח

איינמאָל איז אין קיניגבארג א סימכע געוועזן:

א פּויק, א טרומייט,
סע לויפט קינד־און־קייט.
און צימבל און פלייט,
און פידל און באס —
סע הילכט די גאס!
און לעקעך א קופּע,
און קוילעטש מיט מאָן,
מע פירט צו דער כופּע
א הון מיט א האָן!

און אינמיטן דערינען — אן אומגליק: א פּאָלק סאָלדאטן גייט! קלעזמער פּאָרויס און שפּילן, און סאָל־דאטן שפּאנען און זינגען:

שורא, מורא — הורא!
הויכע מענער זענען מיר,

3182 — 2

רויטע קליידער טראָגן מיר,
מיט די אויגן ברענען מיר,
מיט די שפּיזן שלאָגן מיר!
פון די שוואכע לאכן מיר,
פון די שטארקע מאכן מיר
שורא, מורא — הורא,
שורא, מורא —הוררא!! . . .

„הערט אויף צו רימפּלען:“, האָט א סאָלדאט פּלו־צים א מעריקע געטון אף די כאסענע־קלעזמער, „דורך

אייער געזעמל הערט מען ניט אונדזער געפּילדער. הערט אויף, זאָגט מען אייך!“

„הערט א י ר אויף!“, האָבן די מעכוטאָנים געטיי־נעט, „ביי אונדז איז א כאסענע! ווי קען דאָס זיין א

כאסענע אָן קלעזמער? איר ווילט אונדז די כאסענע פארשטערן?"

"אוואדע ווילן מיר!", האָבן די סאָלדאטן געשריגן, "אף דעם זענען מיר דאָך סאָלדאטן, כאסענעס צו פאר־שטערן! גיט אהער די כאָסן־קאלע! ווו זענען כאָסן־קאלע? מיר זענען הונגעריק אף טויט: וועלן מיר דעם כאָסן עסן מיט ברויט, די קאלע מיט כאלע!"

און די סאָלדאטן האָבן זיך א וואָרף געטון אף די מעכוטאָנים מיט די בלויזע שווערדן און אויסגעכאפט די כאָסן־קאלע.

ט

אויסגעכאפט די כאָסן־קאלע,
דאָס ביי זיי איזא נאטור,
וואָלט געווען אוואדע ביטער
ווען ניטאָ דאָרט בור־דור־מור.
"ווער איז דאָס אזוינס בור־דור־מור?"

"הער, ועסטו וויסן! — געווען אין קיניגבארג א דיז; געשפרונגען איז ער אף א מייל, געשלאָגן אף צוויי

און געהייסן האָט ער בור־דור־מור. האָט ער א ברום געטון ווי א בער: בוררר! זענען אלע סאָלדאטן גע־פאלן פּאָנעם צו דרערד און די ציין זיך אויסגעשלאָגן; האָט ער א גאָגער געטון ווי א אינדיק: אלדוררר! האָבן זיי געטון ווידער א שפּרונג אויף און געבליבן שטיין פארהילצערט ווי די דעמבעס; האָט ער א מורקע געטון ווי א קאַץ: מוררר! האָבן זיי געשטעקט די פינגער אין די אויערן, אנטלאָפן, און די פיס פארלוירן.

און די קלעזמער האָבן א זעץ געטון א פריילעכס און געפירט די כאָסן־קאלע צו דער כופּע.

מאזלטאָוו, מאזלטאָוו!
פרייט זיך ניט, נאָך ווייט צום סאָף!

ל

א סאָלדאט געלאָפן, געלאָפן, ביז צום קייסער געטראָפן. צום קייסער געטראָפן, און די גאנצע מייסע אים דערציילט. האָט דער קייסער א טרייסל געטון מיטן קאָפּ, אז דער גילדענער קאם — ביי אים הייסט ער קרוין — איז אים אראָפּ צו די פיס. און געשווירן האָט ער:

זאָל ליגן מיין קאָפּ ווי מיין קרוין,
אויב קיניגבארג שניידט ניט זיין לוין!

וואָס־זשע האָט ער געטון? שוין געהייסן שפּאנען דעם רייטוואָגן צו זעכציק הירשן, זיך אויפגעזעצט און אוועק צום אָדלער קאכקדאך. דער אָדלער קאכקדאך וווּ ווינט ער?

ביים טייך פּראָס
שטייט א קרישטאָלענער שלאָס

מיט א שטאָלענעם דאך.
דאָרטן שוין יאָרן און יאָרן אסאך
ווינט דער אָדלער קאכקדאך.

פון לאנג אָן צווישן אים און אָדלער א גרויסע פריינדשאפט געווען.



געקומען צום אָדלער, זאָגט ער: „אדוני אָדלער, אזוי און אזוי געשען, אזוי און אזוי געשווירן, און נאָר דו איינער קענסט מיר העלפן.“ פייל אויסן בויגן דער אָדלער געפלויגן; געפלויגן, געקומען אין טאָל איימעק־סידים, ווו סע קומען זיך צונויף די שלענג אף יארידים. דאָרטן ווינט די גרויסע וואָלפשלאנג וואָס שלינגט וועלף זיבן אין איין טאָג.

זאָגט דער אָדלער צו דער וואָלפשלאנג:

„הונדערט וועלף פיק איך די אויגן אויס און פארנאר זיי צו דיר. ווילסט?“

„און דו וואָס ווילסטו ביי מיר דערפאַר?"
„א ביס טון זאָלסטו מיר דעם ריז בור־דור־מור!"



„אָך, האָסט ביי מיר געפּויע..." „געפּויעלט", האָט די וואָלפשלאַנג געמיינט צו זאָגן, אָבער נאָך איידער זי האָט אַרויסגעזאָגט, איז זי שוין אויסגעווען די צייט.

א בליץ שלענגלט זיך און א שלאַנג שלענגלט זיך; אָבער אז א שלאַנג צו בייזן איילט זיך, בלייבט דער בליץ אַרונטער.

יא

ביים ברעג יאַם איז בור־דור־מור נאַקעט געזעסן און זיך די פיס געוואַשן. פּלוצים א שאַרפן ביס דערפילט: פון הינטן די וואָלפשלאַנג אָנגעלאָפן און טיף אין נאַקעט־לייב די ציין אַריינגעשטעקט.

בור־דור־מור גיך מיטן פוס א שטויס געטון, האָט זיך די וואָלפשלאַנג אין יאַם אַרײַנגעקײַקלט. די וואָלפּ־שלאַנג אין יאַם זיך אַרײַנגעקײַקלט און בור־דור־מור אפן ברעג טויט געבליבן.

אַז בור־דור־מור טויט געבליבן, דער קייסער זיינע סאָלדאַטן קיין קיניגבארג געשיקט.

די סאָלדאַטן קיין קיניגבארג געקומען, האָבן זיי אַלע הענער געכאַפּט, זיי אָפּגעפּאַרבט רויט, צו די פליגל שטרויענע האָזאַקלעס צוגעבונדן, די האָזאַקלעס אָנגעצונדן און אָפּגעלאָזט. אַף יעדן דאַך א רויטן האָן אָפּגעלאָזט.

און געהייסן קלעזמער שפּילן און קינד־און־קייט זאָלן טאַנצן — ניט, שיסט מען.

נו, איז שוין א כאַסענע געווען! פון גאַנץ קיניגבארג א בארג אַש געוואָרן.

יב

און די וואָלפשלאַנג אַז זי איז אריין אין יאַם, איז זי שוין אַזוי גיך פון דאָרט ניט ארויס; פון דער וואָלפשלאַנג א וואָלפיש געוואָרן; א פיש, כאָטש זייגן, זייגט ער די קינדערלעך ווי א כאַיע.

און ביז היינטיקן טאָג קען זיך דער וואָלפיש אונטן צווישן די פיש קיין סאַך ניט האַלטן — אָטעם פארפעלט אים דאָרט. וויל ער זיך בייזערן, שעלטן, עפנט א מויל — נעמט ער א פול מויל מיט וואַסער אָן; מוז ער שוין שטימען ווי א פיש. ער שלינגט אַראָפּ און שווייגט. אָבער שווייגן לאַנג קען ער ניט — סע קאָכט אין אים, סע זידט אין אים. ער עפנט ווידער א פּיסק — פארשטאָפּט אים דער יאַם ווידער מיט א כוואַליע. לערנט עס אים אַלץ ניט אָן, ער וויל דעם יאַם צעבייסן, די ווילדע כוואַליעס ווי די וועלף איינשלינגען, שלינגט ער און פארכלינעט זיך, ער ווערט אָקאָרשט ניט דערשטיקט.

שווימט ער ארויף, אַף די פּלייצעס פונעם יאַם וואַרפט ער זיך, אָטעם וויל ער כאַפּן — באַפאַלט אים א שרעק; בור־דור־מור גייט, ער רייט אַף די כוואַליעס,

ער ווארפט מיט שפּיזן; קעגן דער זון ווארפט ער די שפּיזן, פייערדיקע, שארפע.

אין יאם אָטעם ניטאָ, אפּן יאם א מוירע — איז שוין דער וואָלפיש צעמישט. פאָכט ער מיט די זייטן, זעצט אים דאָס הארץ, שטיקט אים אין האלדז, גייט אים אויף דאָס וואסער פונעם בויך, זעצט עס דורך דער נאָז ווי א רויך ארויס.

קאטשעט זיך דער יאם פאר געלעכטער; שלאָגט אים דער וואָלפיש, פאטשט אים מיטן עק.

יג

בייז איז דער וואָלפיש אפּן יאם; ער פאטשט אים, ער בייסט אים; אָבער זיך אויסרייסן פון אים — דאָס ניט.



פארשאָלטן איז דער וואָלפיש. בור־דור־מור האָט אים פארשאָלטן. פארן טויט האָט בור־דור־מור אים פארשאָלטן:

פארשאָלטן זאָלסטו זיין פון יאם און פון יאבאָשע,
און צו דער ערד זאָל זיין דיין גליסטונג,
אוז דער יאם זאָל איבער דיר געוועלטיקן!

נאָר אז סע קומט די נאכט און איך קריי אויס די בייזע שאָ, די שאָ, וואָס שלעכטע מענטשן האָבן דע־מאָלט די שיינע שטאָט קיניגבארג פארברענט; דעם קאם — ביי מענטשן הייסט עס די קרוין — פון אלע שטעט פארברענט, דעמאָלט באקומט ער, דער וואָלפיש, א קויעך א שטארקערן פונעם יאם. ער שטארקט זיך איבער זיך און איבער די וואכערן און ער טוט מיט זיך א וואָרף



אף דער טרוקעניש. און מעשוגענערווייז לויפט ער איין דער וועלט אריין, כאפט מענטשן און שלינגט זיי איין און שפייט זיי אויס, ביז ער כאפט די סאמע שלעכטסטע, די וואָס הויכע מענער זענען זיי און מיט די אויגן ברע־נען זיי, שלינגט ער זיי איין, לויפט צוריק צום יאם, שפרינגט אריין און שפייט זיי דאָרטן אויס.

„מי־יאָ!!!“ האָט זיך פלוצים דערהערט א קאָל אין דער פינצטער. דער האָן מיט דער הון האָבן א ציטער געטון, זיך ארומגעקוקט, ערשט — א קאָטער מיט גרויסע וואָנצעס, מיט גרינע ברילן אף די אויגן, און אונטער די ברילן א גרין שפּאָטיש געלעכטערל ברענט.

יד

ווען דער האָן זיך גענומען ווין מייסעלע דערציילן, איז דער קאָטער אונטערגעקומען, זיך שטיל אנידערגעזעצט און אויסגעהערט.

„מי־יאָ"... פאָנפעט ער און די אויגן שמייכלען אונטער די גרינע ברילן.

„וואָס־זשע פאָנפעט איר, פעטער?", פרעגט דער האָן בייז, „ווער זענט איר?"

„איך בין דער קאָטער אלדעסווייסער!..." זאָגט דער קאָטער און דרייט זיך די וואָנצעס מיט גאדלעס.

„וואָס־זשע ווייסט איר אזוינס?"

„איך ווייס, אז איר ווייסט ניט. איך ווייס, אז אייער וואָלפיש איז ניט קיין וואָלפיש נאָר א וואלפיש."

„וואָס הייסט דאָס?"

„דאָס הייסט: א פיש וואָס האָט דאָס רעכט צו וויילן און אויסגעווילט צו ווערן אין פארלאמענט פון די פיש."

„אין פארלאמענט? וואָס הייסט דאָס?"

„דאָס איז אזא מין הויז וו פיש שפילן זיך אין קאץ און מויז."

„אזוי! און וואָס נאָך ווייסטו?"

„איך ווייס, אז אייער וואָלפשלאנג אזוי א וואָלפשלאנג, ווי איר א קאָטער."

„וואָס־זשע דען איז דאָס?"

„ס'איז א באן!", שרייט אויס „אלדעסווייסער" הויך דעם האָן גלייך אין די אויגן אריין, „א באן איז דאָס, א באן!"

„וואָס הייסט א באַן ?"
„א באַן הייסט א צוג !"
„וואָס־זשע הייסט א צוג ?"



„א צוג הייסט אזעלכע מינים גרויסע מייז, גרויסע ווי די העלפאנטן. זיי שטייען אויסגעשטעלט, אין א שע־רענגע שטייען זיי, איינס הינטערן אנדערן, און יעדער איינער האלט זיך אָן מיט די ציין אין אנדערנס עק. און פאָרויס פאר אלע א גרויסער קאָטער גייט; א קאָטער מיט צוויי גרויסע אויגן וואָס זיי ברענען, ווי געוויינטלעך ביי א קאָטער, אין דער פינצטער. לאָקאָמאָטיוו הייסט ער, דער קאָטער. טראָגט ער אפן קאָפּ א גרויסן איבער־געקערטן צילינדער; אין צילינדער זיצט א קארליקל,

פּיפּקעט א ליולקע־ציבעק און קלינגט מיט א גלעקעלע. די לעצטע מויז, די וואָס הינטערן קאָטער, האלט זיך אָן אין קאָטערס עק. און אז דאָס קארליקל טוט א קלינג מיטן גלעקעלע, טוט דער קאָטער א מיאָקע און הייבט אָן צו לויפן; שלעפּט ער מיט זיך מיט דעם גאנצן צוג. און אפן צוג זעצן זיך מענטשן אויף און מע פאָרט.

דאָס איז ניט קיין פלאפלעריי, ניט קיין פלוידער־מייסעלע — דאָס איז די ווּיסנשאפט, דער צוג פון דער ווּיסנשאפט!"

„קוקוריקו!!!" שרייט אויס דער האָן און פּאטשט מיט די פליגל.

„קוקוריקו!!!" האָט די הון זיך אויך צעקרייט אף א קאָל.

„שא", שרייט זיך אף איר אויס דער האָן, „זי קרייט אויך! שא! לאָז רעדן א וואָרט!... זאָגט מיר נאָר, ליבער הער קאָטער, פונוואנען ווייסט איר דאָס?"

„פון די ביכער!" זאָגט דער קאָטער און דרייט זיך ווידער די וואָנצעס.

„אהא — ביכער — געהערט. פון ביכער ווערט מען קלוג. פאראן אסאך פון דעם מין?"

„אָן א שיר! מער וויפל מייז!"

„און מיט וואָס עסט מען דאָס?"

„איר ווייסט אפילע ניט מיט וואָס מע עסט דאָס? מיט די ציין, מיט די ציין עסט מען דאָס! אָבער ניט פאר אייערע ציין — כ'מיין, ניט פאר אייערע שנע־בעלעך!"

„פארוואָס?"

„ווייל ביכער דארף מען ווּיסן ווי אזוי צו עסן. די גרויסע ביכערפרעסער — די מייז, א שטייגער — וואָס

סע קומט זיי אין מויל אריין איז געקייט. דאָס איז א גרויסע נארישקייט. מ׳־יאָ, ביכער פאראן א וועלט — און וויפל איר זאָלט ניט עסן, זאט ווערט איר ניט; ווייל ביכער דארפט איר וויסן, איז א טרוקן, זער א טרוקן מייכל.״

„איז וואָס־זשע טוט איר?״ פאָרשט דער האָן.

„איך — איך לאָז די מייז, די אייביקע ביכערפרע־סער, זיך מיט די ביכער פריער גוט אָנעסן — זאָל זיי וויל באקומען! — און דערנאָך ערשט, אז זיי האָבן אלצדינג גוט צעקייט, אראָפּגעשלונגען, פארדייעט, איינ־געזאפּט אין זיך, נעם איך איבער פון זיי דאָס סאמע פעטע, דעם איקער, דאָס סאמע וויכטיקסטע. און איך מאך עס אזוי, אז סע ווערט מיין אייגנס, אייגן בלוט־און־פלייש. אזוי איז אי באקוועמער, אי געשמאקער.״

„וויאזוי־זשע מאכט איר דאָס?״

דער קאָטער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן. אינדעם האָט זיך אָבער א מייזל דורכגעשמוגלט און דער קאָטער האָט זיך נאָך אים א לאָז געטון . . .

זאָגט־זשע קינדערלעך:

א קאץ מיט א מויז —
דאָס מייסעלע איז אויס.

פאַרוואָס די קאַץ שפּײַט דעם הונט אין פּאָנעם אַרײַן.

די פוקסעכע, אָדער ווי מען רופט זי דאָרט אין וואלד — די מאדאם טשונטשו־פונטשו — איז געבליבן אָן א דינסט.

שיקט זי רופן דעם הונט. דער הונט — ווו איז ער ניט פול? ווו מע פארווייעט אים ניט, דאָרט וואקסט ער אויס: אין וואלד, אין דאָרף, אין שטאָט; ווו ערגעץ א ווינקעלע, שמעקט ער. זאָל ער איר, דער מאדאם טשונטשו־פונטשו, א דינסט אָנשמעקן. זי האָט אים דערפאר סכאר־טערכע צוגעזאָגט: א מארכביין און צוויי אויערלעך פון א האָז.

אף מאָרגן גאנצפרי — ער איז דאָ דער הונט; א דינסט האָט ער געבראכט צופירן, א דינסט מיט אלע מיילעס — די קאַץ.

זי אין קיך איז אויסגעוואקסן,
דאָרט זיך אויסגעלערנט קאָכן,
ניט געווען קיין שאָדנווינקל
און קיין טעפל ניט צעבראָכן
— כאָטש געווען א רירעוודיקע —
אף די גלייכע ווענט געקראָכן!

ליב ארום זיך ריין צו גיין,
האלט זיך שטענדיק אין איין וואשן,
און א קאַשערע, א פרומע,
פיינט פון טעפּעלע צו נאשן.

שטעלט זיך די קאַץ פאר א דינסט ביי דער פוקסעכע. קאָכט זי אָפּ אָנבייסן — געשמאַקע, געפעפערטע פיש און דערלאַנגט צום טיש. עסט מען אויף איינגאַנצן און דער דינסט גיט מען גאָרניט.

גייט ארויס די קאַץ אינדרויסן, זעצט זיך אף דער פריספּע, מיאַקעט און וויינט:

מיאָ! מיאָ! מיאָ! פיש
האָב איך היינט דערלאַנגט צום טיש —
עסן האָט געמעגט דער קייסער.
אף דער פישיויך, אף דער הייסער
אומגעשווומען אייגעלעך,
אייגעלעך פון פייגעלעך,
און די פיש מיט נעגעלעך,
און מיט צימרינג זיס געשמעקט,
מ׳האָט זיך אזש ביים טיש באלעקט.
העט איינגאַנצן אויפגעגעסן —
און די דינסט, אוי וויי, פארגעסן!
איר געלאָזט דיביינדעלעך —
וויי צו מיינע ציינדעלעך!

דערהערט דאָס די באלעבאָסטע, ווערט איר א בושע: זאָלן כאָטש די שכיינים ניט הערן.

„שאַ", זאָגט זי, „וואָס וויינסטו? שאַ! אז דו ביסט א נארעלע, ווער איז דיר שולדיק? פארוואָס האָסטו דיר אליין ניט גענומען? איך בין דען, כאָלילע, ווי אנדערע

באַלעבאָסטעס, צוטיילן דער דינסט דעם ביסן? ביי מיר א דינסט נעמט זיך אליין. דאָס ערשטע נעמט זי זיך, און דערנאָכדעם דערלאנגט זי צום טיש!"

"מיאָ? אזוי גאָר?...", זאָגט די קאַץ, "לאנג לעבן זאָלט איר, באַלעבאָסטעניו!"

אויף מאָרגן קאָכט אַפּ די דינסט א יויך, נעמט זי זיך אראָפּ דאָס ערשטע, דאָס אייבערשטע פון דער יויך, און דאָס איבעריקע דערלאנגט זי צום טיש.

„וואָס איז דאָס?", פרעגט די באַלעבאָסטע, „פארוואָס איז די יויך אזוי מאָגער?"

„איר האָט דאָך אליין געזאָגט, באַלעבאָסטע־לעבן: „ס'ערשטע דיר, און דערנאָך צום טיש."

„האָסטו דיר אראָפּגענומען דאָס ערשטע, דאָס פעטע?"

„מיאָ! מיאָ!"

„שיין! זייער שיין, בענעמאָנעס! ניטאָ ווער סע זאָל לאכן. דאָס אנדערע מאָל זאָלסטו שוין וויסן! ס'אייבערשטע צום טיש, ס'אונטערשטע דיר. הערסט!"

„כ'הער, וואָס דען? כ'בין טויב, כאָלילע?"

„נו, גיי!"

אויף מאָרגן קאָכט די קאַץ באָבקעלעך אין האָניק; קאָכט און זינגט!

אפן גאניק
שטייט א פעסעלע מיט האָניק.
האָניק פונעם פעסעלע,
קום צו מיר אין קעסעלע,
קעסעלע אין אויוון,
קעסעלע קאָכט באָבקעלעך
מיר און אלע קרויווים,

פעטינקע פון אונטן,
טרוקענע פון אויבן!

פארטיק געוואָרן, נעמט אראָפּ די קאַץ די אייבערשטע־די טרוקענע און דערלאנגט צום טיש, און די אונטערשטע, די פעטינקע, די גוט אויסגעפּרעגלטע אין האָניק, נעמט זי זיך.

„וואָס איז דאָס?“ פרעגט די באלעבאָסטע ברויגעס.

„וואָס זאָל זיין? ס'איז דאָס וואָס איר האָט געהייסן:
„ס'אייבערשטע צום טיש, ס'אונטערשטע דיר!...“

„האָסטו דיר גענומען די אונטערשטע, די אויס־געפּרעגלטע אין האָניק, און צום טיש די טרוקענע?“

„מיאָ, מיאָ!“ זאָגט די קאַץ, „אז איר האָט געהייסן... געזונט און שטארק זאָלט איר מיר זיין! מיאָ! מיאָ! אזא געטרייַע באלעבאָסטע! מיאָ! מיאָ!“

„וואָס מיאָקעסטו מיר?“, שרייט די באלעבאָסטע, א שיין דערלאנגען צום טיש! א גליק וואָס קיין געסט זענען ניט געווען! הער וואָס איך זאָג דיר אָן: קאָכסטו פליישיקס — א יויך, א שטייגער — איז דאָס אייבערשטע צום טיש; ניט קיין פליישיקס — ווי היינט א שטייגער — איז דיר דאָס אייבערשטע, ס'אונטערשטע צום טיש. הערסט?“

„כ'הער, כ'הער! אף וואָס דען האָב איך אויערן?“

„אף דעם, אז דו וועסט פארגעסן, זאָל מען זיי דיר אָנדרייען! גיי!“

אף מאָרגן שלאָגט אויס די קאַץ פּוטער, שלאָגט זי די פּוטער און זינגט:

מילעך איז א מוטער
און איר טעכטערל איז פּוטער
מיאָ־מיאָ־מיאָ, מיאָמעלע —
אז איך שלאָג דאָס מאמעלע,

קומט ארויס דאָס טעכטערל,
מאך איך א געלעכטערל,
טו א זאָג איר מאזלטאָוו,
און איך כאַפּ און עס זי אויף.

עסט די קאַץ אויף די פּוטער, דערלאנגט צום טיש די מאסלינקע.

„נו, און די פּוטער? ווו איז די פּוטער?" פרעגט די באלעבאָסטע מיט קאס, „האָסט זי עפשער אויפגעגעסן?"

„מיאָ, מיאָ", זאָגט די קאַץ.

„צו דיין נאר! וואָס רעדסטו? אויפגעפרעסן?"

„מיאָ! איר האָט דאָך געזאָגט: ,אז ניט קיין פליישיקס איז דאָס אייבערשטע דיר.' עפשער איז פּוטער פליישיק? וואָס?"

„וואָס ס'האָט זיך מיר ניט געכאָלעמט ניט די נאכט, ניט יענע נאכט!... דו פרעסערן! דו זויפערן! דו אזוינע, דו אזעלכע! זאָגן דארף מען איר!... לערנען דארף מען זי! אזא גוילעם! אליין קען זי ניט וויסן!"

„וואָס, באלעבאָסטע־לעבן?"

„איינמאָל פאר אלעמאָל וויסן זאָלסטו:
וואָס ס'איז גוט, געשמאק און פריש —
דאָס צום טיש;
וואָס איז מאָגער און געמיין —
פרעס אליין."

„אזוי? אזוי גאָר?!... טפו!..." האָט אויסגעשפּיגן די קאַץ און אוועק. פון דעמאָלט אָן, אז די קאַץ באגעגנט זיך מיטן הונט, טוט זי אים א שפּיי אין פּאָנעם: „טפו, א גליק נארייעט! טפו אף דיר און אף דיין באלעבאָסטע! טפו ו ו!!!"

דער הונט
און די קאַץ



ז א קאַץ באגעגנט זיך מיט א הונט, טוט זי זיך א שטעל אָפּ, א צי אויס, קוקט אים גלייך אין די אויגן און מאכט:

„ט ט פ פ ו !“

פארוואָס ?

וועגן דעם אסאך מייסעלעך דערציילט מען אף דער וועלט. דריי פון זיי האָב איך געהערט:

איינס אין פוילן,
איינס אין רייסן,
איינס אין ליטע.

האָב איך שוין אמאָל צוויי דערציילט:

איינס א ייִנגעלע א ווילן,
איינס א מיידעלע א ווייסן.

אייך דערצייל איך היינט דאָס דריטע!

הערט!

אמאָל האָט א גרויסע טשאטשע הינט אָנגעטראָפן

דעם הינטשלעגער ערגעץ אין א העק, אין א פארוואָרפן ווינקל, און דער הינטשלעגער איז גראָד דעמאָלט געווען מיט ליידיקע הענט, אָן א שטעקן, אָן א שטריק.

די הינט אים נאָר דערשמעקט, האָבן זיי זיך ראפּטאָם א לאָז געטון נאָך אים מיט א געביל, א האווקעריי, א געזעמל:

„ווו? ווו? ווו? ווו איז ער?"

„וועלכער? וועלכער?"

„דער אזוינער! דער אזעלכער!"

„לאָמיר אים צערייסן!"

„ווו? ווו? ווו? ווו איז ער?"

„דער רעצייעך?"

„רויטער גאזלען? בייזער רועך?"

„לאָמיר אים צעבייסן!"

און אוי, אז מע טוט אים א נעם! אז מע רייסט, מע ציפּט פון אלע זייטן! די ביינער אים שיר ניט צעטראָגן!

כ'וועל שוין מער ניט! כ'וועל שוין מער ניט!" שרייט דער הינטשלעגער.

„ער וועט שוין מער ניט! איר הערט? גלייבט אים ניט דעם הולטיי!" האווקעט אן אלטער קיילעוו און בייסט אָפּ דעם הינטשלעגער א שטיק ליטקע.

„געוואלד! וואָס ווילט איר, קלאָווים! אז איך זאָג: שוין! מער ניט!" וויינט דער הינטשלעגער און שרייט ניט מיט זיין קאָל. דערווייל פאלט ער אף א סייכל: כאפּט אראָפּ פון די לענדן דעם לעדערנעם רימעט.

דערזען א רימעט, ווערן די הינט שוין ווייכער און מע רעדט אנדערע ווערטער:

„ער וועט שוין מער ניט!... פאַרוואָס זאָלן מיר דיר גלייבן? עפּשער אפֿן וואָרט? ביי הינט גייט ניט אָן קיין וואָרט! א הונט גלייבט ניט אפֿן וואָרט! ניט קיין הינט און ניט קיין מענטשן; א מענטשן אוואדע ניט! שווער זיך! הינט האָבן ליב מע זאָל זיך פאַר זיי שווערן!"

„שווערן! יאָ, יאָ, זאָל ער שווערן!"

„ניין! א שריפֿט זאָל ער אונדז ארויסגעבן, א קסאוו!"

„א קסאוו מיט א כסימע!"

העלפֿט ניט. ניטאָ קיין ברייִרע. ער איינער צווישן אזויפֿיל הינט. געמוזט נעבעך דער הינטשלעגער ארויסגעבן די הינט א קסאוו מיט א כסימע, אז פֿון היינט אָן רירט ער קיין הונט מער ניט אָן.

וועמען־זשע גיט מען דאָס קסאוו צו באַהאַלטן? דער פֿרומער קאַץ.

שפּרינגט די קאַץ אפן דאך, לאָזט אראָפּ דאָס קסאוו אין קוימען, ווערט דאָס קסאוו פארברענט. און דער דאך איז געווען — אף צולעהאכעס — דאווקע איבערן הינט־שלעגערס שטוב.

האָט דער הינטשלעגער געזען וואָס די פרומע קאַץ האָט געטון, האָט ער איר א פעט שטיקל פלייש צוגעוואָרפן און אליין פאר פרייד א פלאש בראָנפן געטון א גאָרגל אויס, א האָמענטאש פארביסן, דעם גראָבן שטעקן גענומען און אוועק צו די הינט. צו די הינט שפאנט ער, א לידעלע זינגט ער זיך אונטער:

אלצדינג רויך פון קוימען,
אלצדינג רויך און אש!

פרעגט דעם קיניג שלוימען,
פרעגט די פולע פלאש!
גיי איך מיר אין שענקל,
גערגעלע איך וואש,
לויף צום פעטער יענקל
כאפּ א האָמענטאש.

דערזען די הינט האָמען גייט, דער גאזלען מיטן גראָבן שטעקן, לויפט מען צו דער קאַץ:
„דאָס קסאוו!!! געוואלד! ווו איז דאָס קסאוו? ווו? ווו?"

טוט זיך די פרומע קאַץ א צי אויס ווי לאנג זי איז, קוקט די הינט גלייך אין די אויגן און שפּייט אין פּאָנעם.
„טטפּפּוו!! דאָס קסאוו?... וואָס קסאוו?... וועז קסאוו? אף מיינע סאָנעמס קעפּ! טטפּפּוו!!"

★

פון דעמאָלט אָן, אז א הונט באגעגנט זיך מיט א קאַץ, טוט ער באלד א פרעג:
„דאָס קסאוו?! קסא־א־א־וו?!"

און די קאַץ גלאָצט אף אים אויס די גרינע, פרומע אויגן און ענפערט:
„טטפּפּו! א זלידנע! טשעפּעט זיך! וואָס וויל ער פון מיר האָבן?! טטפּפּו־ו־ו!!"

אַ מײַסעלע מיט אַ ציגעלע, אַ וועלפּעלע און אַ וואָלף

א. דאָס וועלפּעלע גייט אין שול אַרײַן.

אַ מאָל איז געווען א וואָלף. האָט דער וואָלף געהאַט א וועלפּעלע. האָט ער דאָס וועלפּעלע אין שול אריין געשיקט. האָט דער לערער דאָס וועלפּעלע א לידעלע אויסגעלערנט:

אלעף, בייס, גימל —
פינצטער איז דער הימל;
דאלעד, היי, וואָוו —
לויפט א וועלפּעלע צו די שאָף
זאיען, חעס, טעס —
ניטע, וואָלף, די שאָף ניט עס!
יוד, כאָף, כאָף —
גאָטס ראכמאָנעס אף די שאָף!

קומט דאָס וועלפּעלע אהיים פון דער שול, פרעגט עס דער טאטע:

„וואָס האָסטו געלערנט, זון?“
„א לידעלע.“
„א לידעלע? לאָמיך עס הערן!“

זינגט דאָס וועלפּעלע דאָס לידעלע דעם טאטן. שמייכלט דער טאטע.

„א וויל לידעלע!" זאָגט ער, „איך אויך אמאָל אזוינע לידעלעך געזונגען — קינדווייז."

די מאמע דערלאנגט דעם קינד אָנבייסן א פעט לונג־און־לעבערל מיט א פּופּיקל. „נא עס", זאָגט זי, „מיין קינד און זאָל דיר וויל באקומען! זיך אָנגעהאָרע־וועט נעבעך! דעם ערשטן טאָג אין שול און שוין א גאנץ לידעלע אַף אויסנווייניק! מיר פאר דיין קעפּעלע!"

און זי קושט איר זון אין קעפּעלע.

ב. דאָס ציגעלע אין וואַלד.

פּעט ביינאכט גייט דער וואָלף אין ווילדן וואלד שפּאצירן. גייט ער, גייט אין אונטער דער נאָז ברומט ער זיך:

אלעף, אלעף, אלעף,
אלעף, אלעף, בייס —
איך א לידל ווייס...

און א לידעלע, דעם זונדלס לידעלע, זינגט ער זיך. בלאָנדזעט אין וואלד א פּיצעלע ציגעלע. פון דער היים נאָך מיטן ווייסן טאָג פארגאנגען און איצט שוין פינצטערע נאכט. זוכט עס אין ליידעניש, זוכט, אהין, אהער, בלאָנ־דזעט עס — דעם וועג אהיים געפינט עס ניט.

ערשט — מע זינגט. שטעלט עס זיך אָפּ, די אויער־לעך שפּיצט עס אויף, הערט זיך איין — א לידעלע, א לידעלע זינגט מען! אזא הארציק לידעלע:

זאיען, חעס, טעס —
ניטע, וואָלף, די שאָף ניט עס!
יוד, כּאָף, כאָף —
גאָטס ראכמאָנעס אף די שאָף!

טראכט זיך דאָס ציגעלע: ווער זינגט עס אזא גוט און פרום לידעלע — א גוטער און פרימער.

גייט עס, דאָס ציגעלע, נעענטער נאָכן קאָל גייט עס — צום וואָלף גייט עס צו; די הערנערלעך צו דרערד בייגט עס, מיטן רעכטן פיסעלע דריי מאָל שארט עס, ווי די מאמע געלערנט, און סע זאָגט:

„גוטנאָוונט!"

„גוטנאָוונט, גוט יאָר! וואָס וויל א באָכערל זאָגן?"

„קען איך ניט ביי אייך איבערנעכטיקן? כ'האָב פארבלאָנדזעט."

„א שיילע דאָס איז!" זאָגט דער וואָלף, „אפילע זאָלסט ניט וועלן מוזטו ביי מיר איבערנעכטיקן! ווי קען מען דען אזא ווערוריקל ווי דו לאָזן ביינאכט אליין אין וואלד בלאָנדזען?"

„א שיינעם דאנק!" זאָגט דאָס ציגעלע, „ווו ווינט איר? ווייט פונדאנען? איך בין אזוי מיד!"

„נישקאָשע ניט, איך וועל דיך טראָגן!" זאָגט דער וואָלף.

„אף די פּלייצעס?" פרעגט דאָס ציגעלע.

„וואָס גאָר אף די פּלייצעס, נאריש קינד וואָס דו ביסט! פון די פּלייצעס קענסטו דאָך, כאָלילע, נאָך אראָפּפאלן, די הערנערלעך צעברעכן."

„ווו־זשע דען?"

„אין בויך!" זאָגט דער וואָלף, „ביי מיר אין בויך וועל איך דיך טראָגן!"

„אין בויך?“ דערפרייט זיך דאָס ציגעלע, „אין בויך ווי די מאמע? די מאמע זאָגט: איידער מיך געבוירן, זי מיך אין בויך געטראָגן; אינערגעץ ניט אזוי גוט ווי ביי א מאמען אין בויך.“

„אזוי די מאמע דיר דערציילט?“

„יאָ, די מאמע!“

„ע, ביי מיר אין בויך אביסעלע בעסער — וועסט שוין זען. דיר זיך ניט גלוסטן ארויסצוגיין. נא, קריך!“ זאָגט דער וואָלף און עפנט ברייט דאָס מויל. „קריך“, זאָגט ער, „נאָר פאמעלעך, זאָלסט מיט די קאָפּעטקעלעך די ציין מיר ניט אויסשלאָגן — דו שקאָץ איינער וואָס דו ביסט!“

לאָזן מיר דעם וואָלף שטיין און ווארטן, זאָל ער ווארטן ביז דאָס ציגעלע אליין צו אים אין פּיסק, אין אָפענעם קריכן; נישקאָשע ניט, ער מעג אביסעלע ווארטן, און מיר וועלן דערווייל צום אלטן אייכנבוים גיין.

דער אלטער אייכנבוים, וואָס איז ער אזוינס?

א הויכער, א ברייטער,
אינמיטן וואלד שטייט ער;
פונדרויסן ווי קויל
און אינעווייניק הויל,

און ווער וווינט אין אלטן אייכנבוים? די רויטע אלעפלעך. ווער־זשע זענען אזוינס די רויטע אלעפלעך? וועל איך אייך דערציילן.

ג. די רויטע אלעפּלעך.

אף דער וועלט שרעטעלעך פּיצעלעך פאראן; אזוינע פּיצינקעלעך ווי די יודעלעך וואָס אין ביכעלעך אין קליינע. און רויטינקע ווי פייער זענען זיי, די שרעטעלעך. וויאזוי־זשע רופט מען זיי? רויטע יידע־לעך. האָבן זיי, די רויטע יידעלעך, קליינע רויטע פער־דעלעך. כאפּן זיך די רויטע יידעלעך אף די רויטע פערדעלעך ארויף און, שטייענדיק, ווי פלינקע רייטערלעך אף די פערדעלעך זיי פליען. און אז די יידעלעך אף די פערדעלעך שטייענדיק פליען, איז דעמאָלט פונדערווייטנס די רויטע יידעלעך אינייִנעם מיט די רויטע פערדעלעך, ווי רויטע אלעפלעך זעען זיי אויס.

אָט דאָס זענען זיי, די רויטע אלעפלעך; די רויטע אלעפלעך, וואָס אין אלטן, אין הוילן אייכנבוים, אינמיטן וואלד אין ווילדן וווינען זיי.

איז דער וואָלף פארביי דעם אלטן אייכנבוים געגאנ־גען און געברומט:

אלעף, אלעף, אלעף,
אלעף, אלעף, בייס...

זאָגט איין אלעפל צום צווייטן: „זע נאַר, מע רופט.“ און ארויס אינדרויסן איז עס זען ווער סע רופט.

זעט דאָס רויטע רייטערל: דער וואָלף גייט און א לידעלע זינגט ער זיך. געפעלט אים, דעם רייטערל; דעם וואָלפס לידעלע געפעלט אים. אויסלערנען וויל עס זיך —

פֿאָרט עס נאָך; דעם וואָלף פֿוסטריט פֿאָרט עס נאָך. דער וואָלף זינגט, דאָס רייטערל זינגט אונטער.

פֿלוצים — א ציגעלע!

„גוטנאָוונט!"

„גוט יאָר!"

„קען איך ניט ביי אייך איבערנעכטיקן?"

„אָך, פֿאַרוואָס ניט? קריך צו מיר אין בויך!..."

און דער וואָלף עפֿנט א פּיסק.

זעט דאָס רויטע יידעלע, ס'איז שלעכט: דאָס ציגעלע צום וואָלף אין בויך אריין קריכט — טוט דאָס רויטע יידעלע א געשריי:

„געוואלד, אנטלויף!" דערשרעקט זיך דאָס ציגעלע, די פּיסעלעך אף די פּלייצעס כאַפּט עס און — צוואַליאָם־צוואַליאָם!

וויל דער וואָלף נאָכלויפֿן, באלד דאָס יידעלע פֿונעם פֿערדעלע א שפּרונג און — גלייך צום וואָלף אין אויג אריין.

נעמט דער וואָלף טאַנצן; אף איין אָרט טענצלט ער זיך און ער זאָגט:

טפֿו, טפֿו, טפֿו!
ווינטעלע, ווינטעלע,
טרייב ארויס פֿון אויג דאָס פּינטעלע!

דער וואָלף אף איין אָרט טענצלט זיך און דאָס ציגעלע לויפֿט, ארונטער קוקט עס ניט. לויפֿט עס, לויפֿט עס, ביז סע קומט פֿון ווילדן וואלד ארויס; פֿון ווילדן וואלד ארויס, אף גלייכן וועג ארויף; אף גלייכן וועג ארויף — איבער קרומען בריקעלע געשפּרונגען, איבער טיפֿן טייכעלע געשווומען, צו דער מאמעשי געקומען.

פרעגט די מאמעשי:
„וווּ ביסטו געווען?“
„אין ווילדן וואַלד.“
„וואָס האָסטו געזען?“
„גרינע בלעטער.“
„און וואָס נאָך?“
„א פרומען פעטער.“
„וואָס האָט ער געטון?“
„מיטן צינגעלע געקלונגען —
א לידעלע געזונגען.“
„סאַרא לידעלע?“
„זאַיען, חעס, טעס —
ניטע, וואָלף, די שאָף ניט עס!...“
„אַזא גוטער! אַזא ווילער! פאַרוואָס צו גאַסט אים ניט גערופן?“
„פאַרן שרעטעלע דערשראָקן.“
„סאַרא שרעטעלע?“
„פונעם פייער־רויטן שטעטעלע.
ס'האָט ווי פייער רויטע לאָקן,
אויף די פיסלעך שיך־און־זאָקן,
אויפן קאָפּ א רויטע פּעס;
טוט עס מיט דער באָרד א טרעס,
שפרינגט ארויס פון איר א אלעף,
פון דער אלעף ווערט א כאַלעף,
אוי, א כאַלעף מיט צוויי קלינגען!
נעמט ער אינדערלופטן שפרינגען
און ער שניידט אויף לינקס, אויף רעכטס.
האָב געזען איך, אַז ס'איז שלעכטס —
און געפאלן אויף אן אייצע:

גיך געכאפּט די פיס אף פּלייצע
און געלאָפן, און געלאָפן —
צו דער מאמען איך געטראָפן.״

„טפו! טפו! טפו!״ שפּייט די מאמע אויס; איר קינדעלע באלעקט זי, אין וויגעלע דאָס לייגט זי, מיטן פּעלצעלע פארדעקט זי, שלעפּט עס איין און זינגט אים צו.

שלאָף, מיין טייער ציגעלע!
לעבן דיין קליין וויגעלע
שטייט א הערש מיט הערנער קרומע,
און דאָס פּעטערל דאָס פרומע;
ביז גאנצפרי פארבלייבן זיי,
שרעטעלעך פארטרייבן זיי,
פון די שטאלן, פון די שטיבער,
אין די היילן, אין די גריבער,
אין די ווייטע פּוסטע שטעט
וווּ קיין פיסעלע ניט טרעט,
וווּ קיין גרעזעלע ניט גרינט,
וווּ קיין וואסערל ניט רינט.
שלאָף מיין פּיצעלע, מיין קינד!

שלאָפט איין דאָס ציגעלע — שא, שטיל. דערפאר מאָרגן, אז סע וועט זיך אויפכאפּן געזונט און שטארק און פריילעך, וואָס זיך אים געכאָלעמט, וועט עס אייך דערציילן. ש־ש!...

ד. נאַך אַ לידעלע וואָס די מאַמע פאַרוויגט מיט אים דאָס ציגעלע.



לעף, בייס, גימל —
אף מיין זון אַ זיסן דרימל;
דאַלעד, היי, וואָוו —
אף מיין זון אַ זיסער שלאָף;
זאַיען, חעס, טעס —
טאָג און נאַכט איז אַ מעסלעס;
יוד, כּאָף, כאָף —
קומט די נאַכט, קומט אָן דער שלאָף;
לאַמעד, מעם, נון —
קומט דער טאָג, גייט אויף די זון;
סאַמעך, עיען, פּיי —
טוט דאָס הענדעלע אַ קריי;
פיי, צאַדיק, קוף —
צו דער אַרבעט טוט אַ רוף;
רייש, שין, תאָוו —
שלאָף, מיין כאַיעס, שלאָף!

ה. דעם ציגעלעס כאַלעם.

ומט גאַנצפרי,
זינגען פייגעלעך: „פּי־פּי“;
„זוזי, זוזי“, זינגט אַ פליגעלע —
כאַפּט זיך אויף דאָס ציגעלע.

3182 -- 4

סע כאַפּט זיך אויף און סע שפּרינגט און סע שרייט:
„מע, זוזי! ווו ביסטו, זוזי? מע!"
„וואָס איז מיט דיר, קינד?" פרעגט אים די מאַמע.
„זוזי — ווו איז ער? האָסט ניט געזען זוזין?"
„וואָס פאַר א זוזי?"
„זוזי — דער וואָס דאָס רויטע פאַסטעכל אים אָפּגע־בראָטן."
„ניט דאָ געדאַכט! ניט היינט געדאַכט! אַלע בייזע כאַלוימעס, אַף אַלע פּוסטע פעלדער, אַף אַלע וויסטע וועלדער!" זאָגט די מאַמע און דעם שלאָף פון איר קינדס אייגעלעך מיט דער צונג לעקט זי אויס.
ווערט דעם ציגעלע אין די אייגעלעך ליכטיק, שפּרינגט עס אונטער לעבעדיק און פריילעך, און סע מעקעט:
„מאַ־מע, מאַ־מע־ניו, האָב איך געזען!..."
„וואָס? וואָס געזען? דערצייל, קינד, דערצייל!" זאָגט די מאַמע און זי הויערט אפּן גראָז.
„דעם פעטער! געזען דעם פעטער!" שרייט דאָס ציגעלע אונטערטאַנצנדיק, און לעבן דער מאַמען לעגט זיך עס.
„דעם פעטער? דעם גוטן פרומען פעטער?"
„יאָ!"
„נו?"
„דער פעטער מיך געפרעגט: „ציגעלע־מיגעלע, ווילסט צו מיר?"
„וואָס־זשע דו געזאָגט אים?"
„געזאָגט: „יאָ, איך וויל."
„נו?"

„געזאָגט דער פעטער: ‚לויפן קענסטו?‘ זאָג איך: ‚יאָ, אפילע שפּרינגען.‘ זאָגט דער פעטער: ‚לויף מיר נאָך!‘ לויפט דער פעטער פאָרויס און איך נאָך און נאָך. טוען מיך די פיסעלעך ווײ, שרײַ איך: פעטער, פעטערל, איך קען ניט — די פיסעלעך ברעכן!‘ זאָגט דאָס פעטערל: ‚איך וועל דיך טראָגן!‘ פרעג איך: ‚אף די פלײצעס?‘ זאָגט ער: ‚ווּעסט אראָפּפאַלן, די הערנערלעך צעברעכן!‘ פרעג איך: ‚ווו־זשע דען וועסטו מיך טראָגן?‘ זאָגט ער: ‚אין בויך.‘"

„אף מײַנע סאָנים׳ס קעפּ!“ טוט זיך די מאמע א כאפּ, „וואָס רעדסטו? אין בויך גאָר? ווער טראָגט עס אין בויך?“

„אזוי?“ זאָגט דאָס ציגעלע, „און דו ניט געטראָגן דען אין בויך מיך? שוין פארגעסן? אויך אין בויך געטראָגן מיך!“

„איך, א מאמע — א מאמע איז עפּעס אנדערש!“

„און דאָס פעטערל זאָגט, בײַ אים אין בויך נאָך בעסער.“

„בעסער ווי בײַ דער מאמען אין בויך, נאריש קינד! נו, דערצײל שוין, דערצײל! ביסטו עפּשער צום פעטער אין בויך געקראָכן?“

„געקראָכן!“ זאָגט דאָס ציגעלע, „דאָס פעטערל א עפן אויף דאָס מויל, און איך — א שפּרונג, א שפּרונג! און ארײַן!“

„ניט די נאכט, ניט יענע נאכט“, שרײַט די מאמע אויס, „אף הארטע שטײנער! אף הינטישע בײנער; נו, וואָס־זשע... וואָס־זשע איז געווען? לאָמיך שוין הערן!“

„אז דו שלאָגסט מיר אלעמאָל איבער!“ ברויגעסט זיך דאָס ציגעלע, „כ׳האָב ניט ליב אז מע שלאָגט מיר איבער.“

„מע־מע־מע! מיין צוציקל א מוציקל געוואָרן! שלאָג אים ניט איבער! האָסטו געזען! דו וועוריק איינער! די מאמע שלאָגט דיר איבער? געפעלט דיר ניט? שטייט דיר ניט אָן? נו, איז ניט, איז ניט איבערגעשלאָגן! אָבער דורכשלאָגן מעג א מאמע? אָט אזוי־אָ דורכשלאָגן מיט די הערנערלעך מעג איך?“ זאָגט די מאמע און זי דוצקעט קלוימערשט איר ציגעלע מיט די הערנער, אזש צו קיצלען הייבט אים אָן.

„שוין, שוין!“ בעט זיך דאָס ציגעלע און קייקלט זיך פאר געלעכטער, „איך וועל שוין דערציילן! איך דערצייל!... טו איך א שפרונג צום פעטער אין...“

„דאָס האָב איך שוין געהערט“, לאָזט אים די מאמע ניט אויסרעדן, „ווייטער! דערצייל וואָס ווייטער געווען!“

„קום איך אריין“, זאָגט דאָס ציגעלע, „אין בויך — אוי, א בויך! א לאָנקע, א גאנצע לאָנקע! אף דער לאָנקע — שעפעלעך; שעפעלעך פאסען זיך, און לעמעלעך, און ציגעלעך — אסאך, אסאך. און אלע אזוינע קליינינקע, אזוינע פיצקעלעך ווי די היישעריקלעך. צעלאך איך זיך; פרעגט מיך א ציגעלע: ‚וואָס לאכסטו?‘ זאָג איך: ‚אז איר זענט אזוינע פיצקעלעך! אף מיין לעבן! זינט איך לעב, האָב איך נאָך אזוינע פיצקעלעך ניט געזען.‘ זאָגן זיי: ‚אזוי! דו ביסט דען גרעסער? אנו לאָמיר זיך צומעסטן!‘ מעסט איך זיך צו — אוי־ווי, איך בין א היישעריק!“

„א היישעריקל?“

„ניין ניט קיין היישעריקל — א ציגעלע, אָבער א קליינס אזא — א היישעריקל!“ זאָג איך: ‚אָבער ערשט בין איך דאָך א גרויסער געווען, גרעסער פון אייך!‘ זאָגן זיי: ‚מיר אויך גרויסע געווען אמאָל, איידער דורכן פעטערס ביינערדיקע פלויטן מיר זענען דורכגעגאנגען.

וער דורכן פעטערס ביינערדיקע פלויטן ער גייט דורך, ווערט ער קליין ווי מיר, נאָך גוט וואָס קיין קאטשקעלעך ניט געוואָרן ווי זוזי.' פרעג איך: ,ווער איז זוזי?' זאָגן זיי: ,קום וועסטו זעען.' נעמט מען לויפן. לויף איך אויך. לויפן מיר, לויפן מיר, זע איך: א טייכעלע, א רויט טיי־כעלע; אין טייכעלע א קאטשקעלע שווימט, א פּיצעלע אזא, ווי א זומערפייגעלע. זאָגן די ציגעלעך: ,זעסט, דאָס איז זוזי! אויך א ציגעלע געווען, א קלוגס, א פריילעכס און א שיינס; א קלאָרס אזא — ווייס ווי דער מאמעס מילעך. אלע מיר עס ליב געהאט! ווי דאָס לעבן! איינ־מאָל ביינאכט, זוזי כאפּט זיך אויף און וויינט: ,מע־מע, איך וויל אהיים; צו דער מאמען וויל איך, מע־ע!' אזוי געמעקעט, אזוי געוויינט — אזש אלע אויגן פון דער נאכט זיך צעוויינט, טרערן אף אלע גרעזעלעך געפאלן די נאכט געוויינט, זוזי געוויינט און אלע ציגעלעך געוויינט: ,מע־ע, מיר בענקען! מע־ע, מיר ווילן אהיים! מע־ע!' קומט דאָס פּאסטעכל צולויפן, דאָס פּאסטעכל מיטן לאנגן בערדעלע, מיטן געלן טאָרבעלע, מיטן גראָבן שטעקעלע, דאָס פּאסטעכל דאָס רויטע. אוי, האָבן די ציגעלעך פאר אים מוירע! וויי, אז ער האָט געטון א הוק: ,וואָס פאר א מעקען, וואָס?... שטומט כאזיירים!' אלע ציגעלעך אנטשוויגן געוואָרן, שא! נאָר איין זוזי ניט ער שווייגט; דאָס פּאסטעכל שרייט, שא!' און זוזי — ,מע!' און ,מע!' כאפּט עס, דאָס פּאסטעכל, און מיטן גראָבן שטעקעלע זוזין איבערן קעפּעלע איינס און צוויי. טוט פון זוזיס קעפּעלע דאָס רויטע וואסערל א שפּריץ, ווערט פון וואסערל א טייכעלע א רויטס, און זוזי — א קאטשקעלע ווערט; שווימט דאָס ווייסע קאטשקעלע אין רויטן טייכעלע."

„טפו! טפו!“ שפּייט אויס די מאמע, „צו אלדי בייזע הינט, צום ווילדן ווינט און ניט צו מיין קינד!“

„הער־זשע, מאמע, הער!...“ זאָגט דאָס ציגעלע, „ווי מיר שטיין אזוי — דאָס פּאסטעכל גייט, דאָס פּאסטעכל מיטן טאָרבעלע, מיטן שטעקעלע און א הינטעלע לויפט אים נאָך — א שווארץ הינטעלע, א קליינס ווי א מייזעלע, נאָר א בייזס אזא; ס׳רויטע צינגעלע פונעם מויל ארויס הענגט אים, און די אייגעלעך, ווי ביי דער קאץ ביינאכט זיי ברענען, יאָ־יאָ! פאלן מיר צו דרערד. לייגן מיר זיך אויס — שא שטיל, ניטאָ אונדז. ערשט — דאָס פּאסטעכל די רויטע אייגעלעך סע קערט איבער, דערנאָך מיטן גראָבן שטעקעלע א קלאַפּ טוט עס און א געשריי: „אלעף!“ קומט צו פליען אן אלעף און אף דער ערד זי שטעלט זיך; טוט עס נאָכאמאָל מיטן שטעקן א קלאַפּ, נאָכאמאָל א געשריי: ‚אלעף‘ — נאָכאמאָל אן אלעף פליט, שטעלט זיך אויך אנידער. קעגן יענער אלעף שטעלט זי זיך: אלעף קעגן אלעף. נאָכאמאָל דאָס פּאס־טעכל א געשריי: ‚לאנגע נון!‘ קומט צופליען א לאנגע נון, אףביידע אלעפן זי שטרעקט זיך אויס — אפן ערשטן אלעפל דאָס קעפּעלע, אפן אנדערן די פיסעלעך; איז דאָס ווי ביים האָלצהעקער: א דרענגעלע האָלץ, אף אונטערשטעלערלעך צוויי. שרייט דאָס פּאסטעכל ווידער: ‚זאיען!‘ פליט א זאיען. כאַפּט דאָס פּאסטעכל די זאיען ביים קעפּעלע אָן, פון דער זאיען א זעגעלע ווערט; נעמט דאָס פּאסטעכל און מיטן זעגעלע דאָס דרענגעלע האָלץ זעגט עס. דינע שייטעלעך אָנגעזעגט, לייגט ער צונויף זיי — ווערט א פייערל. דערנאָך דאָס פּאסטעכל צום טייכעלע צום רויטן א שפּרונג, זוזין א כאַפּ און אפן פייערל א וואָרף. אוי, האָט זוזי געשריגן: ‚מאמע!

מאמע!' און מיר אזוי געוויינט! נאָר, מע — מוירע געהאַט צו שרייען."

„שרייען?" זאָגט די מאמע, „שרייען?"

שרייען זאָלן זיך די וועלף
פון גרויס ביז קליין —
ווער אפן קעפּעלע,
ווער אף די ציין!
זאָג, מיין קינד, אָמיין!

„אָמיין!" זאָגט דאָס ציגעלע און דערציילט ווייטער, „דאָס פּאסטעכל א געשריי: ,חעס!' — א בענקעלע פליט; א בענקעלע א קליינס אף פיסעלעך צוויי ווי א חעס; לעבן פייערל שטעלט זיך עס; זעצט זיך דאָס פּאסטעכל אפן בענקעלע אנידער, נעמט דאָס ליולקע־ציבעקל ארויס, פאררייכערט, און זינגט זיך א לידעלע:

אפן פייערל, אפן פייערל
בראָט איך מיר א קאטשקעלע;
עסן וועל איך דאָס אליין,
ווייב און קינד — א מאטשקעלע!

„וואָס־זשע טוט ציגעלע־מיגעלע? רוק איך זיך אונטער שטיל־שטיל, דאָס זעגעלע כאַפּ איך, און פונעם חעסעלע א הייעלע מאך איך; פאלט דאָס בענקעלע אום, קערט זיך דאָס פּאסטעכל איבער — פאלט אריין אין טייכעלע; טוט דאָס טייכעלע א שפּריץ, לעשט דאָס פייערל אויס. כאַפּט זיך דאָס קאטשקעלע אויף; קומט א ווינטעלע, טוט א בלאָז, בלאָזט די פארסמאלעטע פעדער־לעך אראָפּ. זוזי פון די פעדערלעך ארויס: אויס קאטש־קעלע — ווידער א ציגעלע. שריי איך: ,זוזי, אנטלויף! לאָמיר אנטלויפן!...' לויפן מירביידע — איך און זוזי —

איך פאָרויס, זוזי נאָך. קומען מיר צו ביינערדיקע פּלויטן — סטאָפּ! איך מיט די הערנערלעך א קלאפּ, די פּלויטן צעברעך איך און צוואליאָם־צוואליאָם. קום איך אהיים, טו א קוק — ניטאָ זוזי. שריי איך:

„זוזי, זוזי, ווו ביסטו? . . . מאמע, ווו איז זוזי?"

„אהיימגעלאָפן!"

„אהיים? צו דער מאמען?"

„נו, פארשטייט זיך! אז אזוי האָט ער געבענקט!" זאָגט די מאמע, און צום הארץ איר זונדעלע טוליעט זי, „אזא מאזיקל, אזא ברען!" שמייכלט זי, „דאָס זעגעלע א כאפּ, איינס־צוויי פון דער חעס א היי און דאָס פּאס־טעכל אין טייך אריין — כליאָפּ... נו, צי וואָלטן דאָס געקענט די אלטע שאָף?"

און זי פארגעסט גאָר — איר ציגעלע אויך געקענט דאָס נאָר ביינאכט אין שלאָף.

.II

מיכעלע מיטן ביכעלע

א

מיכעלע
עפנט אויף דאָס ביכעלע
און זי זאָגט צום טעקעלע:
„ברעקעלע,
ווערסט אינמיטן שטוב די וואָך
פונקט א יאָר מיט עפּעס נאָך.
דארפסט שוין לערנען, בובי, ווייס:
דאָס אן אלעף, דאָס א בייס!
קוק אהערצו, זע נאָר דאָ:
קאָמעץ אלעף — אָ.
וועסט געדענקען, יאָ?
בובי, פע, דו קוקסט ארויס!
ניטע, טאָכטער, הער מיך אויס:
זעסט אדאָס אָ ווי א שטעקעלע?
ס'איז א וואָוו! געדענק־זשע, ברעקעלע!
און א נון איז ווי א זעקעלע,
און א גימל ווי א שיכעלע.
גיב א קוש אין ביכעלע!
אז דו וועסט געדענקען —
איך אן עפּעלע דיר שענקען.

איצט געגוג, בובי! דו אביסעלע שפּילן גיין, איך דערווייל אין שטיבעלע צוראָמען."

לאָזט מיכעלע בובין אָפּ און נעמט זיך איר מעבל אין שטיבעלע אויסשטעלן: דאָס קיילעכדיקע טישעלע מיט די בענקעלעך, דאָס בעטעלע, דאָס קאַמאָדעלע און דעם קלאוויר — אַלע זאַכן אַזוי קונציק, אַזוי שיין ווי עמעסע טאַקע. און אַלצדינג מיט אייגענע הענטעלעך מיכעלע אויסגעאַרבעט אין קינדערגאָרטן. נאָכדעם מיכעלע די אַרבעלעך פאַרקאַטשעט זי, נעמט דאָס באַלקעלע און בוביס העמדעלעך און קליידעלעך שטעלט זי זיך וואַשן. איבערגעוואַשן, ציט זי אָפּ צוויי קליינע סלופּיקלעך אַ שטריקעלע אויס, אָפּן שטריקעלע דאָס וועש אָפּ צו טרוקענען הענגט זי. אויסגעהאָנגען, ווידער בובין צום לערנען נעמט זי. עפנט דאָס ביכעלע און זאָגט:

„געדענק־זשע, בובי:

צאַדיק — ציגעלע,
קוף — קריגעלע,
רייש — רעקעלע,
שין — שטעקעלע,
תּאָוו — גיי שלאָף!"

ציט מיכעלע פון בובין דאָס קליידעלע אַראָפּ, טוט איר די שיך־און זעקעלעך אויס, לייגט זי אין וויגעלע אַריין, דעקט זי איין, וויגט דאָס וויגעלע און זינגט:

אונטער בוביס וויגעלע
שטייט א קלאָר־ווייס ציגעלע,
ס'ציגעלע איז געפאָרן האנדלען
ראָזשינקעס מיט מאנדלען,
און בובי איז געפאָרן
קויפן לאנגע יאָרן.
לאנגע יאָרן ווי פארקויפט מען?
צו דעם שמיד רעב זוסיע לויפט מען,
האָט ער הערשעלעך א פּאָר:
איינס איז ווייס און איינס איז קלאָר
און זיי שמידן לאנגע יאָר.

פארמאכט בובי די אייגעלעך — ווערט אנטשלאָפן; כאָלעמט זיך איר א כאָלעם אזא: בובי לויפט און לויפט, אף א ווייס סטעזשקעלע לויפט זי, א ווייס ווי די מילעך וואָס איר מאמע מיכעלע אלע פרימאָרגן טרינקט. (די מאמע מיכעלע בעט זי, בובין, זי זאָל אויך טרינקען. דאָס גלעזעלע צו איר פּיסקעלע טראָגט זי צו: „נא טרינק, בובי!" נאָר בובי האלט דאָס פּיסקעלע פארשלאָסן. ניט ליב בובי קיין מילעך. אָבער קלאָר און ווייס די מילעך, קלאָר און ווייס ווי מיכעלעס העמדעלע). לויפט זי, בובי, אפן סטעזשקעלע אפן ווייסן ווי מילעך, אפן קלאָרן ווי דאָס העמדעלע מיכעלעס. דאָס סטעזשקעלע איז שמאָל, און פירן פירט עס אין א טאָל. קומט זי, בובי, אין א טאָל

אראָפּ. שטייט א רויטע קוזניצע דאָרט. ביי דער טיר פון דער קוזניצע א ייִנגעלע שטייט: א ייִנגעלע מיט קוטשערלעך רויטע, אין רויטע שיך־און־זעקעלעך, אין א בלאָ העמדעלע אָנגעטון, אין שווארצע הייזעלעך אויסגעפּוצט, מיט א שווארץ פארטעכל אָנגעגערט, און א גילדן רייפעלע סע בייגט. און אין קוזניצע צוויי הערשעלעך שטייען, איינס א ווייס און איינס א קלאָרס, און זיי קלאפּן; מיט גילדענע העמערלעך אף קרישטאָלענע קאָוואדלעס קלאפּן זיי; ניין, ניט זיי קלאפּן, נאָר זיי קלינגען, זיי שפּילן; אזוי שיין! נאָך שענער אפילע פונעם ועקווייגער, וואָ: אינדערהיים אפן שרייבטיש אלע דריי שאָ א מארש קלינגט ער אויס און נאָכדעם דריי שאָ דורכאנאנד אין איין בארימען האלט ער זיך: „איך שפּיל שיין! איך שפּיל שיין! איך שפּיל שיין!‘ די הערשעלעך שפּילן; מיט די ליכטיקע העמערלעך אף די קרישטאָלענע קאָוואדלעס קלינגען זיי, און פינקעלעך אלערליי ווי זומערפייגעלעך טאנצן, שפּרינגען.

שטייט זי, בובי, פונדערווייטנס, קוקט זיך צו, הערט זיך איין — פארגעסן גאָר נאָך וואָס זי איז געקומען. פּלוצים — דאָס ייִנגעלע דאָס ליכטיקע צו איר א דריי זיך אויס און טוט א פרעג:

„וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן, מיידעלע?“

„דאָ ווינט דער שמיד רעב זוסיע?“

„דאָ.“

„ווו־זשע איז ער? קען איך מיט אים רעדן?“

„דו רעדסט דאָך טאקע מיט אים; דאָס בין איך דאָך טאקע דער שמיד רעב זוסיע.“

„זייער אָנגענעם! האָט ניט קיין פאריבל וואָס איך שטער אייך — איך הייס בובי, מיין מאמע הייסט מיכעלע,

מיכעלע די שיינע, די קלוגע; האָט זי מיך געשיקט צו אייך, לאנגע יאָר ביי אייך צו קויפן.“

„מיכעלע?“ זאָגט דער שמיד רעב זוסיע, „איך קען זי. עמעס, א שיינע, א ווילע, און א קלוגע, און א בעריעטע דערצו. אָבער לאנגע יאָר פארקויף איך נאָר פארן גאנײדנעפּעלע. האָסטו דאָס גאנײדנעפּעלע געבראכט?“

„ניין“, זאָגט בובי טרויערריק, „זאָגט מיר ווו סע וואקסט, לויף איך באלד און ברענג עס.“

„דאָס גאנײדנעפּעלע, אין גאנײדן וואקסט עס!“ זאָגט רעב זוסיע און ער שמייכלט.

„וואָס־זשע הייסט גאנײדן און ווו איז ער, דער גאנײדן?“

„קלוגע! ווען איך ווייס ווו, דארף איך דאָך דיך ניט שיקן, גיי אליין איך און איך נעם. דאָס איז דאָך די צאָרע, וואָס איך ווייס ניט.“

„אז דו ווייסט ניט, פונוואנעט־זשע זאָל איך דאָס וויסן? עפּשער ווייסט דאָס מיכעלע? זי ווייסט אזויפיל זאכן: אלצדינג ווייסט זי.“

שמייכלט רעב זוסיע: „אלצדינג, מאָל דיר, ווייסט זי באָך ניט: נאָר ווו דער גאנײדן איז, ווייסט זי. זי איז דאָך איצט דאָרטן.“

„אין גאנײדן? פונוואנעט ווייסטו?“

„דאָס הער איך אין קלינגען פון די העמערלעך: איך פארשטיי דאָס לאָשן פון די העמערלעך.“

„גוט!“ שרייט בובי פריילעך, „וועט שוין מיכעלע דאָס עפּעלע אָפּרייסן, וועט עס אהיימברענגען און דיר עס שיקן.“

„ניין“, זאָגט רעב זוסיע דער שמיד, אָפּרייסן דאָס עפּעלע קען ניט מיכעלע.“

זי קען ניט? פארוואָס? אלצדינג קען זי, די מאמע מיכעלע!

„אלצדינג עפשער יאָ און עפשער ניט, אָבער דאָס אוואדע ניט. מיכעלע — זאָל זי מיר מויכל זיין — זי איז טאקע א ווילע, א שיינע און א קלוגינקע, אָבער רעדן רעדט זי מיר צופיל, און אָפּרייסן דאָס עפּעלע קען נאָר דער וואָס שוויגט.“

„וואָס עמעס איז עמעס“ — טראכט זיך בובי — „די מאמע מיכעלע האָט ליב אסאך צו רעדן.“

בובי לאָזט אראָפּ דאָס קעפּעלע און טוט א זיפץ. און רעב זוסיע, צו דער ארבעט נעמט ער זיך צוריק, דאָס רייפּעלע בייגט ער, און די הערשעלעך מיט די העמערלעך קלאַפּן; און בוביס הערצעלע קלאַפּט, קלאַפּט מיט זיי מיט. זאָגט בובי: „וואָס וועט זיין פונעם שטיין? בעסער וועל איך לויפן און שרייען: ‚מיכעלע, מיכעלע!‘ וועט מיכעלע דערהערן, וועט זי שרייען: ‚בובי, בובי!‘ וועל איך נאָך מיכעלעס קאָל נאָכגיין, ביז איך וועל אין גאניידן קומען.“

ב

לויפט זי, בובי, ווי א שטורעם,
שלאָגט דער זייגער אפן טורעם.
שלאָגט ער זעקס און שלאָגט ער זיבן,
שלאָג־זשע, זייגער, שלאָג!
אפן ווייסן טאָג
גאָט א בריוועלע געשריבן,

איז געקומען שטילער ווינט,
אויסגעגאָסן אים די טינט,
איז געוואָרן נאכט —
שלאָגט דער זייגער אכט.

און מיטאמאָל איז זי צוגעפאלן, די נאכט: מיטאמאָל, גלייך ווי מע וואָלט אין א ליכטיקער שטוב אינמיטן העלן טאָג געטון די לאָדן א פארהאק און — גייט לייגט זיך שלאָפן! ס'הייבט אָן בליצן — עמיץ אין דער פינצטערניש שוועבעלעך רייבט דאָרט, ווילן זיך אָבער די שוועבעלעך ניט צעברענען; א רייב, א צינד — און פארלאָשן, א צינד — און פארלאָשן; פארלאָשן און פינצטער.

און בובי' אין איין אָטעם זי לויפט: לויפט און ניט קיין שטעג און ניט קיין וועג זי זעט. אָבער בעסער אזוי; בעסער וואָס זי זעט ניט. פארוואָס? אז ס'איז ליכטיק, קען מען ערשט רעכט בלאָנדזען אף פרעמדע וועגן. איר ווייסט ניט דערפון? מע הייבט זיך אָן צו דרייען אהין — אהער, אהער — אהין, טאָמער דאָ, עפשער דאָרט, און צום סאָף — מע שטייט אף דעם אייגענעם אָרט. אנדערש אז

3182 — 5

ס'איז פינצטער: דעמאָלט העלפט ניט קיין זוכן; מע מוז לויפן, לויפן ווייטער, ווייטער, און גאָרניט פרעגן און ניט זיך ארומקוקן — סיווויסיי מע זעט ניט גאָרניט.

פארמאכט בובי די אייגעלעך און זי זאָגט: „גוטע נאכט, שטילע נאכט, הארציקע נאכט! איך גיב זיך איבער דיר! פיר מיך און פארפיר מיך ניט! פיר מיך און פארליר מיך ניט!"

און זי לויפט, לויפט און שרייט: „מיכעלע! מיכעלע! מיכעלע!!!" פלוצים א קאָל — מע רופט: „בובי, בובי!" בלייבט בובי שטיין, הערט זיך איין — ניין, ניט מיכעלעס קאָל. לויפט זי ווייטער, הערט זי ווידער שרייען: „בובי! בובי!" ווידער בלייבט זי שטיין, עפנט די אייגעלעך אויף, טוט א בליק אז זי מוז פארשליסן זיי צוריק. נאָר די אייגעלעך פארשלאָסן ווידער: „בובי! בובי!" עפנט זי ווידער די אייגעלעך, ווידער א בליק, ווידער פארשלאָסן, ווידער מע שרייט — ביז די אייגעלעך צום בליק זיך צוגעוויינט. ערשט א ווייס ציגעלע, מיט שטראלנדיקע הערנערלעך, און פון די הערנערלעך בליצעלעך ליכטיקע סע פליען.

דערשראָקן זיך בובי.

„שרעק זיך ניט, מיידעלע!" זאָגט דאָס ציגעלע, „דאָס גאנײדנפייגעלע רופט."

„דאָס גאנײדנפייגעלע? ווו, ווו איז דאָס?"

„אפן ליכטיקן בוים."

„און ווו איז דער ליכטיקער בוים?"

„אף יענער זייט טייך."

„און דער טייך?"

„אף יענער זייט בארג."

„וויאזוי־זשע קומט מען אהין?"

„זעץ זיך אף מיר ארויף, נעם זיך פאר מײנע הערנערלעך אָן!“

זעצט זיך בובי אפן ציגעלע ארויף, כאפּט זיך פאר די הערנערלעך אָן. טוט דאָס ציגעלע א שפּרונג — איז דאָס פון יענער זייט טייך; נאָך א שפּרונג — איז דאָס פון יענער זייט בארג.

ג

און פון יענער זייט בארג איז דאָ א גאָרטן; א גאָרטן מיט א גרויסן פּארקן ארומגעצוימט; איז דער פּארקן גאָלע דראָטארבעט, פון ליכטיקן זילבערדראָט אלעפּלעך אויס־געארבעט; ליכטיקע אלעפּלעך — ליכטיקע ווי מיכעלעס אייגעלעך. און דער טויער ווי צוויי גילדענע טעסן איז ער, גרויסע טעסן — א טעס קעגן א טעס. און פון אינעווייניק הערט זיך: בובי! בו־בי־בי!“

קלאפּט דאָס ציגעלע מיט די הערנערלעך אין טויער:

טויער, טויער, טויערל!
ס׳קלאָרע ציגעלע איז דאָ!
עפן אויף זיך, עפן אויף זיך
אין א שיינער, ריינער שאָ!

קוים־קוים ווי פאַרכאַלעמט רירן זיך די טויערן. וואַרט דאָס ציגעלע, וואַרט, ביז די טויערן ברייט צעעפּענען זיך. פּאָרט עס אַריין, דאָס ציגעלע, און בובי אויף אים רייטנדיק.

אַריינגעקומען, בלייבט דאָס ציגעלע אויפן אָרט שטיין; פאַרמאַכן זיך די טויערן הינטער אים. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך פאַרמאַכן זיי זיך, פּונקט ווי זיי האָבן זיך געעפנט; און בובי — בובי, וואָס איר זיס פּיסקעלע ווי אויף אַ שלעסעלע טאָמיד האַלט זי — פּלוצים אַ מויל ברייט געעפנט, טאַקע נאָר ווי מיכעלע, ווען מיטאַמאָל עפּעס אַזוינס דערזעט זי,

וואָס זיך איר אַפילו אין כאָלעם קיינמאָל ניט געדאַכט. און וואָס אַזוינס בובי דערזען? אַ גאָרטן, און אין גאָרטן —

ווי אין אלע גערטנער, בלימעלעך. אָבער וואָס פאר א בלימעלעך! ניט קיין בלימעלעך, נאָר אויסיעס גאָר; יעדעס בלימעלע — אן אָס, יעדעס אָס — א בלימעלע; און יעדעס זיין פארב האָט זיך; זיין פארב און זיין גערוך; זיין גערוך און זיין קאָל; איין פארב פון דער אנדערער ליכטיקער; איין גערוך פונעם אנדערן געשמאקער; און איין קאָל פונעם אנדערן זיסער. און אויסגעשטעלט זענען זיי די בלימעלעך! אזוי אויסגעשטעלט, אז פון די אויסיעס ווערטער ווערן, פון די ווערטער — שורעלעך און פון די שורעלעך — לידעלעך. און די לידעלעך זינגען זיך; אליין פון זיך זינגען זיי זיך, די לידעלעך, און זינגענדיק שמעקן זיי, און שמעקנדיק אין אלערליי פארבן גיסן זיי זיך איבער.

און אינמיטן גאָרטן א בוים, א הויכער, א גלייכער. און פון דעם בוים צווייגן ציען זיך, גלייכע צווייגן ארויף, ארויף ציען זיך. און פון יעדער צווייג דריי קליינע צווייגעלעך צעגייען זיך ווי א שין, און אף יעדער שין דריי גילדענע עפּעלעך; א גילדן כיינעפּעלע אף א צווייגעלע. און פון די עפּעלעך ליכטיקע שטראַלעכלעך גיסן זיך ווי פון דער ליכטיקער זון. און אפן סאמע שפּיץ בוים — די סאמע ליכטיקסטע שין; און אפן רעכטן צווייגעלע פון דער שין — א פייגעלע, א רויט פייערדיק פייגעלע מיט א לאַנג־דינעם עק ווי א בליץ. און דאָס פייגעלע קלינגט און קנאקט, קנאקט און קלינגט: "בר־בי! בר־בי־בי!" און א ווינטעלע צווישן די צווייגן בלאָזט. און די שינען שושען: „ש־ש־ש, ש־ש־ש, ש־ש־ש!"

און די בלימעלעך זינגען: שטיל־שטיל זינגען זיי. און וואָס שטילער זיי זינגען, אלץ בעסער הערט מען.

און צווישן די בלימעלעך וואָס שפּאַצירט זיך? מיכעלע. אין הוילן העמדעלע, באָרוועס, מיט פאַרמאַכטע אייגעלעך גייט זי. גייט און זינגט. זינגט מיט אַלע בלימעלעך אינאיינעם. ווײַל בובי אַ געשריי טון: „מיכעלע!" הערט זי, דער בוים שושעט און זאָגט: „ש־ש־ש!" שווייגט זי.

פירט דאָס ציגעלע בובין צום ליכטיקן בוים צו, רעדט דאָס פייגעלע און זאָגט צו איר: „בובי, איך וויל דיך אַ רעטעניש פרעגן — זאָל איך?" שאָקלט בובי מיטן קעפּעלע אף יאָ. פרעגט דאָס פייגעלע:

קליינע מיכעלע
האָט אַ שיכעלע
ניט צו טראָגן אפן פיסל;
ז'האָט אַ זעקעלע
ניט געהאַקלט מיט אַ שפּיסל;
ז'האָט אַ שטעקעלע
ניט צום פּאַכן, ניט צו שלאָגן,
נאָר צו רעדן, עמעס זאָגן.

ווײַל בובי ענפערן, הערט זי דער בוים שושעט: „ש־ש־ש!" ווייסט זי ניט וואָס צו טון; זאָל זי שווייגן, הייסט עס זי' ווייסט ניט; זאָל זי זאָגן, הייסט דער בוים שווייגן. פאַלט זי אף אַ סייכל: שפּרינגט אַראָפּ פונעם ציגעלע, שפּאַצירט זיך צווישן די בלימעלעך, זוכט אָפּ אַ בלימעלע ווי אַ גימל און ווייזט דערויף מיטן פינגערל; זוכט אָפּ אַ נון און ווייזט דערויף מיטן פינגערל; זוכט אָפּ אַ וואָוו און ווייזט דערויף מיטן פינגערל. און נאָכדעם גייט זי צו צום בוים, שטעלט זיך אונטער אים אַנידער און בייגט אַראָפּ דאָס קעפּעלע. הערט זי, דאָס פייגעלע זאָגט: „געטראָפן!" באַלד דערויף בייגט זיך אָן אַ צווייג

ביז אראָפּ צו בובין, נעמט בובי און א גילדן עפּעלע רייסט זי אָפּ. אָפּגעריסן דאָס עפּעלע, טראָגט זי דאָס צו מיכעלען צו. טוט מיכעלע א שמעק, עפנט זי די אייגעלעך די בלאָע, צעלאכט זיך, כאַפּט בובין ארום און נעמט זי קושן. קומט צו דאָס ציגעלע און זאָגט: „נעמט זיך אָן פאר מיינע הערנערלעך. מיכעלע ביי איינעם, בובי ביים צווייטן!" לאָזן זיי זיך ניט לאנג בעטן, ביים ציגעלעס הערנערלעך נעמען זיי זיך אָן — מיכעלע ביים רעכטן, בובי ביים לינקן. טוט דאָס ציגעלע א שפּרונג, זענען זיי שוין אף יענער זייט בארג, נאָך א שפּרונג — ביי דער רויטער קוזיניצע זענען זיי שוין.

שטייט דער שמיד רעב זוסיע אין אלץ דאָס גילדענע רייפּעלע בייגט ער. ער בייגט און בייגט און די עקן ניט זיי קומען זיך צונויף. און די הערשעלעך קלאַפּן מיט די העמערלעך און פינקעלעך שפּריצן.

פרעגט רעב זוסיע: „נו, דאָס גאניידנעפּעלע איז דאָ?" דערלאנגט אים בובי דאָס גילדענע עפּעלע. דערפרייט זיך דער שמיד. „זיצט", זאָגט ער, „דאָ אפן גראָז, באלד אלדינגס פארטיק!"

גיט ער דאָס עפּעלע דאָס גילדענע די הערשעלעך אוועק, נעמען זיי, לייגן עס אפן פייערל; בלאָזן מיטן בלאָזאק. ווערט פונעם עפּעלע א קיילעכל א פייערדיקס. לייגן זיי דאָס קיילעכל דאָס פייערדיקע אף דער קאָוואדלע דער קרישטאָלענער און מיט די גילדענע העמערלעך נעמען זיי קלאַפּן. קלינגען די העמערלעך און א לידעלע שפּילן זיי אויס; א לידעלע וואָס מיכעלע אין גאָרטן געזונגען.

אין אלערליי פונקעלעך שפּריצן. ניין, ניט פונקעלעך — אויסיעס. די העמערלעך שלאָגן און אויסיעס, גאניידנ־

בלימעלעך, פון אונטער די העמערלעך פליען; ווי פּיצעלעך פייגעלעך פילפּארביקע, פייערדיקע פון דער קוזניצע פליען זיי ארויס. פון דער קוזניצע פליען זיי, איבער שמיד רעב זוסיעס קאָפּ טאנצן זיי, אין א ראָד א פארביק־פייער־דיקן טאנצן זיי, לעבעדיק־פריילעך זינגען זיי:

אלעפבייסן הייסן מיר,
וואָס דו ווילסט, דאָס ווייסן מיר,
צווייאונצוואנציק זענען מיר,
וואָס דו ווילסט דאָס קענען מיר.

זאָגט דער שמיד רעב זוסיע: „אז איר קענט יאָ וואָס איך וויל, וויל איך טאקע, אז איר זאָלט מיר אָט דאָס רייפעלע צונויפפירן, עק צו עק.״

טרעטן ארויס די נון און די וואָוו און זיי פרעגן: „נאָכוואָס?״

זאָגט רעב זוסיע: ווייל איין עק הייסט „לאנג״, דער צווייטער „לעבן״. אז עק צו עק וועט איר געבן, וועט ווערן „לאנג לעבן.״

שפּרינגט ארויס דאָס סאמעכל און טוט א זאָג צום רייפעלע:

רייפעלע, רייפעלע, הערסטו,
אהין, אהער זיך קערסטו,
א גילדן סאמעכל ווערסטו;
פון סייפערל דאָס ערשטע
און לאנגע יאָר באשערסטו.

טוט זיך דאָס רייפעלע א קער, אהין און אהער — א גילדן סאמעכל א ווער.

„פארטיק!" שרייט אויס רעב זוסיע פריילעך און מיכעלען אפן קאָפּ דאָס גילדענע סאמעכל טוט ער אָן.

פליען אלע אויסיעס און אפן סאמעכל זעצן זיי זיך אויס; ווי א קראנץ פארביקע פייגעלעך־בלימעלעך ארום און ארום זיצן זיי.



שיינט מיכעלעס קעפּעלע ווי דאָס פייער וואָס שפּיגלט זיך אין קרישטאָל.

גייט צו דער שמיד רעב זוסיע און טוט מיכעלען א קוש אין שטערן.

„א דאנק" זאָגט בובי.

קושט רעב זוסיע בובין אין בעקעלע.

„א דאנק!" שרייט אויס מיכעלע.

אוןביידע, מיכעלע און בובי, פארן ציגעלעס הער־נערלעך ווידער נעמען זיי זיך אָן; מיכעלע פארן רעכטן, בובי פארן לינקן און:

„זייט געזונט, שמיד רעב זוסיע!"

„פאָרט געזונט! געדענקט צו גוטן!"

טוט דאָס ציגעלע דעם דריטן שפּרונג, זענען זיי שוין, מיכעלע און בובי, אינדערהיים.

אָנגעקומען אהיים זענען זיי מיטן טאָג שוין, איידער אין מיכעלעס שלאָפצימער די לאָדן מע עפנט. אז די לאָדן מע האָט געעפנט, שוין מיכעלע און בובי צוריק אף זייערע געלעגערלעך געווען; די פרימאָרגנזון איבער זיי געשיינט, און א גילדן סאמעכל מיכעלעס שטערנדל ארומגענומען. א י י ן בובי געוווסט פונוואנען דאָס סאמעכל נעמט זיך, א י י ן בובי דאָס סאמעכל געזען; א י י ן בובי — און ווייטער קיינער ניט.

האָט בובי א שמייכל געטון צו מיכעלען, איז מיכעלע פון איר געלעגערל צו בוביס וויגעלע צוגעלאָפן, בובין צו זיך גענומען, זי צום הערצעלע געטוליעט.

אז מיכעלעס מאמע אריינגעקומען, האָט בובי, ווי איר שטייגער איז, געשוויגן. נאָר מיכעלע ניט אויסגעהאלטן. אלצדינג אויסגעפּלאפּלט, אלצדינג דערציילט.

מיכעלע האָט דערציילט איר מאמען,
מיכעלעס מאמע מיר דערציילט
און איך דערצייל דאָס אייך.

און דערצו ווייס איך נאָך עפּעס צו דערציילן: א
גרויסע און א קלוגע מיכעלע אויסגעוואקסן;
לידעלעך שיינע געשריבן,
די לידעלעך זינגט מען ביז היינט;
א ליכטיקע קרוין און א בראָכע
אף מיכעלעס קעפּעלע שיינט.

דאָס מײַסעלע מיט דער קוף

א



גאָט פון די אויסיעס — ווייסט איר ווער ער איז? דאָס איז דאָך דער גאָט דער שטאָלענער, דער שטארקער, וואָס אין שווארצן יאם באָדט ער זיך, אין יאם, וואָס „טינטנפאס“ רופט מען אים. ער גייט אריין אין יאם, טויוולט זיך אָפּ, קומט ארויס, שפּאצירט זיך איבערן ווייסקלאָרן הימל און שאפּט אויסיעס מיט א מאך פון זיין מויל — פעדער איז זיין ליבער נאָמען.

איינמאָל שטעלט זיך אנידער די קוף פארן גאָט פון די אויסיעס און טרערן פינקלען אין אירע אויגן.

פרעגט זי גאָט:

„וואָס איז דיר טאָכטער?“

שפּרינגט אונטער די קוף דריי מאָל און זאָגט:

„קאָדויש, קאָדויש, קאָדויש! האר פון אלע צוויי־און־צוואנציק אויסיעס! דו מיט דיין כאָכמע האָסטו מיך באשאפן, און דו, אז דו ווילסט, פון דער ווייסער וועלט מעקסטו מיך אָפּ, און נאָר איין שווארצער זייכער בלייבט פון מיר. מיין לעבן און מיין טויט אין דיין מויל — בעט

איך דיך, הייליקער באַשעפער, זיי צו מיר גוט און שענק מיר קויעך און קראַפט איבער דער גאָרער וועלט צו פליען. אַף דער וועלט וויל איך אַ קוק טון. צי קען זיך דען אַ קוף אָן קוקן באַגיין? אין קוק איז דאָך מיין קויעך! אין קוק בין איך דאָך אינצווייען שטאַרקער! זאָל איך איינמאָל אַף דער גאָרער וועלט אַ קוק טון און דערנאָך — עק מיך, מעק מיך, קלעק מיך, טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט, און געלויבט זאָל זיין דיין הייליקער נאָמען!"

האָט גאָט געזען, אַז קלוג רעדט די קוף, האָט זי כיין געקריגן אין זיינע לייטזעליקע אויגן און ער האָט איר אַ האַלדז און אַ קעפּעלע פון אַ פויגל געשענקט, אַ קעפּעלע מיט אַ גרויסן שנאָבל. איז פון דער קוף אַ ביסיק געוואָרן, אַ ביסיק אַף איין פיסעלע.

אָט אַזאַ:



האָט דער ביסיק אַ פלי געטון. איין פלי — איז ער פאַרפלויגן קיין בויבעריק אַזש. אַכּן שפּיץ פונעם הויכן קלויסטער שטיין געבליבן און קוקט, קוקט אַרום און אַרום.

און בויבעריק ווו איז? איבער שווארצע זומפּן, איבער געזאלצענע יאמען און איבער הויכע שפּיצעכיקע בערג.

טוט דער ביסיק נאָך א פלי — איז ער שוין אין קליינבירג.

און קליינבירג ווו איז? דאָרט, ווו די שווארצע פעפערלעך וואקסן.

שיין זענען די פעלדער, ווו די שווארצע פעפערלעך וואקסן:

ווייטע, ברייטע, טונקל בלאָע,
ווי ביינאכט דער הימל;
ווי א שטערנדל, א גינגאָלד
שיינט דאָרט יעדעס בלימל.

און אין די בעכערלעך פון די גילדענע בלימעלעך די שווארצע פעפערלעך שלאָפן. און אין יעדן פעפערל א כאָלעם ליגט באהאלטן.

די פעלדער קערן צום אלטן קיניג „טרוים־טרוים.“ ער איז אויך דער קיניג פון קליינבירג.

און אפן שפּיץ פון א הויכן באַרג א גילדן מילעכל שטייט. דרייט זיך דאָס מילעכל טאָג ווי נאכט, אליין פון זיך דרייט זיך עס און די פעפערלעך מאָלט עס.

און א זיפּעלע א קליינס האָט ער, דער קיניג „טרוים־טרוים“, פון דינע דראָטעלעך, לעוואָנעשטראלן, געפלאָכטן און מיט אלערליי דימענטן און פערל באשפּרענקלט.

נאכט אף נאכט גייט דער קיניג „טרוים־טרוים“ אפן שפּיץ בארג ארויף. מיטן זיפּעלע אין דער האנט קומט ער און דאָס מעל פון די שווארצע פעפערלעך שטילער־הייט זיפּט ער. קומען גרינגע ווינטעלעך צופליען, און דאָס מעל אף אלע עקן וועלט צעטראָגן זיי.

דערפון אלע גוטע כאלוימעס נעמען זיך. סע טרעפט זיך אמאָל, א גוט ווינטעלע כאפט אויף א פעפערל, א פּיצעלע, א ניטצעמאָלענס. פארטראָגט עס צו אונדז און קלעפּט עס אָן אין שמעקנדיקן בעקעלע פון א קלוג כיינעוודיק מיידעלע. איז דאָס עמעס שיין. א פּינטעלע נאכט, א כאָלעמל אף א רויט־ליכטיק בעקעלע, א כיינ־פעפערל.

און אין קליינבירג אלצדינג קליין און כיינעוודיק. די שטיבעלעך — ווי קעסטעלעך שוועבעלעך, די מענטשן — ווי די פינגערלעך פון זויגקינדערלעך, א שטוב ווי א גאסלאמטערן די גרייס — א פירשטאָקיקע מויער הייסט זי שוין דאָרט. דעם קאָפּ רעכט פאררייסן מוז מען שוין, פון אונטן ארויף צו קוקן.

מיט אזעלכע מינע לופטמאשינדעלעך הייבט מען זיך אפן פערטן שטאָק פון יענער מויער ארויף.

איינמאָל, זאָגט מען, איז אין קליינבירג א ריז געבוירן געוואָרן — לאנגע נון האָט מען אים גערופן. דערציילט מען וועגן אים כידושים ביז היינטיקן טאָג.

אמאָל א פויער א וואָגן היי געפירט. א פולן, אָנגע־שפּיגעוועטן וואָגן מיט א הויכן ווערעך ביזן דאך. דער וואָגן צו פיר אָקסן געשפּאנט און אויוונאָן, אפן הויכן ווערעך, זיצט דער פויער, און די אָקסן מיט א לאנגער קנאקנדיקער בייטש טרייבט ער.

פלוצים — סטאָפּ! די אָקסן שטייען, ניט צו רירן זיך פונעם אָרט. דער פויער פייפט, קנאקט מיט דער לאנגער בייטש, א נעם זיך אָן מיט קויכעס, א צי און א גיב צוריק. וואָס זאָל דאָס הייסן? ציילעמט זיך דער פויער, שפייט, ערשט — א אוילעם זיך צונויפגעלאָפן און מע לאכט, מע האלט זיך פאר די זייטן. ווערט ער

שוין בייז, דער פּויער, קריכט אראָפּ פונעם הויכן זיץ —
אהא, לאנגע נון! פון אונטן מיט איין האנט א ראָד
פונעם וואָגן אָנגעכאפּט, און גיי פאָר!

איר מוזט אָבער וויסן, אז אי דעם וואָגן, אי די אָקסן, אי דעם פּויער מיטן גיבער אינײנעם, וואָלט איינער פון אייך אין איין קעשענע געקענט באהאלטן.

און נאָך עפּעס דערציילט מען: אמאָל אפן ווייטן פעלד אין אייזנבאַן זיך אָפּגעשטעלט. עפּעס א שרייפל צעבראָכן, א רעדל געפּלאצט, צי וואָס סע מאכט זיך. און דאָ איז ווינטער, אינמיטן פעלד, א זאווערוכע אף אומ־צוקומען. די וואגאָנעס געפּאקט: אלט און יונג, פרויען און פּיצלעך קינדער. סע פאלט צו די נאכט, דער פראָסט טוט א נעם שטארקער, און נאָך שטארקער. מע מיינט — אן עק! מע מיינט — מע כאלעשט! העלפט גאָט — קומט אָן לאנגע נון אָנגעטון זומערדיק, לופטיק, מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס; איבער די ברייטע ווייסע פעלדער שפּאצירט ער זיך, אין ווייסן טיפן שניי. מיט די לאנגע פיס בראָדזעט ער, און א ווייס שניילידל זינגט ער זיך:

עך, עך, עך! עך, עך, עך!
ווייסן שוועבל, ווייסן פּעך
שיט א ווייסע וואלדמאכשייפּע —
ברענט א גרויסע, ווייסע סרייפּע!
ווייסע ביימער ברענען, קנאקן,
ווייסע העקערס ווייסקייט האקן —
רויט ווי פּייער מיינע באקן!

און אזוי זינגענדיק צום צוג קומט ער צו. קומט צו און טוט א פרעג:

„וואָס וואַרט מען דאָ?"

דערציילט מען אים: אזוי און אזוי. זאָגט ער גאָרניט, כאפּט אראָפּ פון זיך דעם רימעטענעם גארטל. שפּאנט זיך איין מיט אים אין צוג, טוט א פייף אף טויב צו הערן און נעמט זיך לויפן.

אלע צוגן אין יענעם טאָג מאכמעס די גרויסע שניי־שטורעמס פארשפּעטיקט האָבן זיי. נאָר לאנגע נון מיט זיין צוג פּונקט צו דער צייט אָנגעקומען.

אָבער דעם גאנצן צוג מיט אלע פּארשוינען און מיט אלע די קאָנדוקטאָרן וואָלט איר אפּן שרייבטיש פאר א שפּילעכל, א צאַצקעלע געקענט אנידערשטעלן. ווייל קליין איז קליינבירג און אלצדינג דאָרט איז קליין: די הייכע בערג ווי עפּעלעך, די געוואלדיקע דעמבעס ווי געגנדזענע פעדערן, די פייגל ווי די פליגן, און דער אָדלער — ווי די בין.

ב

קומט די קוף קיין קליינבירג צופליען און אף א דאך פון א הויכער מויער שטעלט זי זיך אָפּ.

געווען דאָס גראָד אָנהייב פרילינגצייט, ווען ביסי־קעס באווייזן זיך. האָט זיך אף יענעם דאך א פּאָרפּאָלק באזעצט, צוויי ביסיקעס, א „ער" און א „זי".

זעט די קוף, דער ביסיק אף איין פיסל שטייט און די ביסיקיכע זיצט. זאָגט די קוף צום ביסיק: „אין אן אלט סייפערל פון אן אלטן כאָכעם שטייט געשריבן: ,פוילע זיצן, פלייסיקע ווי בליצן'; קומט, איר ווילט ווי א בליץ א פלי טון?"

טוט זיך א רוף אָן די ביסיקיכע:

„סקאָצל קומט! ווער נאָך אייך געשיקט?"

און צום מאן זאָגט זי בייז: „שטייט ווי א דראָנג
ביים ברונעם, מאכט מיטן קאָפּ ארויף אין אראָפּ און
שווייגט! א מאזל וואָס איך האָב ביי אים! טאָג ווי
נאכט אף די אייעלעך זיץ איך, ווארעם זיי, ביסיקלעך



פיר איך אים אויס, און ער — ער הערט מע באליידיקט
מיך און סע זאָל אים גאָר אָנגיין!"
און זי צעוויינט זיך, די ביסיקיכע.
זאָגט דער ביסיק צו דער קוף: „האָט מיר קיין
פאריבל ניט, איר זעט דאָך: „מיינע" אף דער צייט, אף
אייעלעך זיצט זי; איז זי, פארשטייט איר מיך, אביסל
אויפגערעגט, קען קיין געסט ניט אויפנעמען. אן אנדערס
מאָל אז איר וועט קומען — מיט פארגעניגן; איצט מוזט
איר אונדז מוחל זיין! מיר נייטיקן זיך אין רו!..."

„אָך!" זאָגט די קוף און טוט זיך א דריי אפֿן פּיסל, איך פֿלי! וואָס האָב איך דאָ צו טון? כ'האָב אייך נאָר געוואָלט עפּעס בעטן..."

„אדעראבעו!" זאָגט דער ביסיק.

„אָבער קורץ!" גיט צו די ביסיקיכע.

„איך וויל אייך בעטן, איר זאָלט מיר זאָגן, אף וואָס זיצט איר דאָרטן?"

„איך זיץ אף וואָס איך דארף!" ענפֿערט די ביסי־קיכע אָנגעלאָדן, „גייט אייך געזונטערהייט!"

„אף אייעלעך, דאכט זיך, האָט איר ערשט געזאָגט", זאָגט די קוף.

„נו, פֿארשטייט זיך, אף אייעלעך, פֿארשטייט זיך! אף וואָס דען זיצט מען, אז ניט אף אייעלעך?" שמייכלט דער ביסיק.

„וואָס־זשע וועט זיין פֿון דעם זיצן?" פֿאָרשט ווייטער די קוף.

„טפֿו! זיך אָנגעטשעפּעט!" בייזערט זיך די ביסיקיכע, שיסט אפֿן ביסיק א בייזן קוק, און דרייט זיך אוועק, די קוף ניט אָנצוקוקן.

און דער ביסיק זאָגט צום גאסט:

„אין א פּאָר טעג ארום, אז איר וועט קומען, וועט איר שוין זען, וואָס סע וועט זיין. איצטער בעט איך אייך..." און ער ווייזט אים מיט די פֿליגל אין דער לופֿט אריין.

„אויב איך האָב ניט פֿארהערט", זאָגט די קוף, „האָט אייערע, מיר דאכט, ערשט געזאָגט אז ביסיקלעך..."

„ביסיקלעך! ביסיקלעך!" שלאָגט איר איבער דער ביסיק און ווייזט איר אליין מיטן פֿליגל אין דער וועלט אריין.

לאָזט זיך שוין די קוף מער ניט בעטן און פליט אוועק.

ג

גראָד אין יענער שאָ די קינדערלעך אין קליינבירג פון די שולן געגאנגען. יונגווארג... פרילינג... איז מען לעבעדיק־פריילעך ווי די ציגעלעך אפן פעלד. די ביכערענצעלעך אף די פלייצעלעך טראָגן זיי, און היל־כיק זינגען זיי:

אפן בערגל,
אפן גראָז,
שטייט א ביסיק
מיט א נאָז!



פלוצים — אוי וויי! א ביסיק אף א מיידעלע אָנגע־פאלן, מיטן שנאָבל איר אין דער נאָז א פּיק; דאָס קינד שיר אף טויט זיך דערשראָקן, צו דרערד געפאלן, די

ביכעלעך צעשיט; דער ביסיק צו א ביכעלע צוגעפלויגן, א בלעטעלע אויסגעריסן און — ניטאָ מיך!

און דאָס אלצדינג אין איין אויגנבליק זיך אָפּגעטון. און איידער וואָס־ווען, דער ביסיק אַף א הויכן דאך פון א דרייַשטאָקיקער מויער שטייט ער, און גיי שיט אים זאלץ אפן עק.

און דער דאָזיקער ביסיק, וואָס די דאָזיקע שיינע מייסע האָט ער אָפּגעטון, איז ניט קיין אנדערער, נאָר די קוף. רויק אפן דאך שטייט זי זיך, און מיטן שנאָבל פּיקט זי. וואָס פּיקט זי דאָרט? די „היי״עלעך פונעם בלעטעלע; פונעם בלעטעלע וואָס פון ביכעלע אויסגעפליקט. ווו זי דערזעט דאָרט א „היי״עלע — איז אויסגעפּיקט.

אויסגעפּיקט אלע „היי״עלעך זעצט זי זיך אַף זיי אנידער. (אין יענע קאנטן — פון ביסיקלאנד ביז בויבעריק, און פון בויבעריק ביז קליינבירג — „היי״ ווי איי רעדט מען אויס. האָט די קוף אייעלעך אַף „היי״עלעך פארביטן).

זיצט זי, די קוף, און אלעמאָל א הייב זיך און א קוק ארונטער: שוין? שוין דאָ? שוין דאָ ביסיקלעך?

א טאָג און צוויי — קיין ביסיקלעך ניטאָ. הייבט זי זיך אויף, פליט צום ביסיק מיט דער ביסיקיכע, א קוק טון וואָס טוט זיך עפּעס ביי זיי.

שטייט דער ביסיק אפן קוימען. דערזעט ער זי פונדערווייטנס, רופט ער זיך אָן צו דער ביסיקיכע:

„מיין ווייב, א בסורע זאָג איך דיר אָן — א גאסט, א גאסט פליט צו אונדז!״

„ווער? עפּשער יענע פריצע, וואָס קען אפן אָרט ניט זיצן און פליט ווי די בליצן?... איך בעט דיך: מאך מיט איר וויניקער טיינעס! אזא נודניצע!״

אינדעם קומט אָן די קוף.

„גוט מאָרגן!“

„גוט מאָרגן, גוט יאָר! וואָס ווילט איר עפּעס זאָגן?“

„געקומען זען וואָס הערט זיך ביי אייך. שוין אויס־געזעסן?“

„א לויב צום הימל! אז מע זיצט, זיצט מען זיך אויס. וואָס דען פון אומפליען ווערט עפּעס?“ זאָגט די ביסיקיכע.

„און איך, מיינט איר. בין אומגעפלויגן? אויך געזעסן! די גאנצע צייט אף „היי“עלעך געזעסן!“

„נו?“

„גאָרניט! אומזיסט געזעסן!“

„אזוי גאָר? וואָס־זשע האָט איר קיין צייט ניט? א טאָג צוויי געזעסן און — שוין! שוין מיד געוואָרן!... אף וועמען־זשע האָט איר די אייעלעך געלאָזט? זיי קענען זיך דאָך, כאָלילע, פארקילן! פליט־זשע, זייט מויכל, שוין אהיים און זעצט זיך צוריק!“

„וואָס? צוריקזעצן? וויפל־זשע דארף איך נאָך זיצן?“

„אסאך מער וויפל איר זענט געזעסן! איר ווייסט ניט? דער שיר פון זיצן איז געוויינטלעך דריי וואָכן.“

„דריי וואָכן?“

„וואָס כידעשט איר זיך אזוי? פונוואנען קומט איר? פון א שטיין געבוירן, צי וואָס? פליט, זייט מויכל, גיכער אהיים! איר וועט דאָ שטיין און פּלאפּלען, און דאָרטן קען זיך א ליאדע קאץ אייערע אייעלעך אויפ־פרעסן!“

„וואָס רעדט איר? א קאץ?... אויפפרעסן?... דאָ עסן קעץ „היי“עלעך?! איך פלי! אָט פלי איך!“ זאָגט די קוף און לאָזט זיך פליען.

אָבער באַלד איז זי דאָ צוריק.

„וואָס עפּעסווידער?“ פרעגט מען זי.

„האָט מיר קיין פאַריבל ניט“, בעט זי, „קען איך עפּשער אייערע ביסיקלעך אָנקוקן?“

בלאָזט זיך די מאמע:

„מע קען ניט... זיי שלאָפן.“

„נו, איז וואָס־זשע אז זיי שלאָפן? וועל איך זיי דען מיטן קוק אויפוועקן? זאָל מיר דאָס שאַטן!... נאָר איין קוק!... מיט איין אויג!...“

וויל מען זי פּאַטערן, פירט מען זי פּאַמעלעך צו דער נעסט צו, און פונדערווייטנס צוויי ביסיקלעך ווייזט מען איר, געלע ביסיקלעך מיט רויטע שנעבעלעך, א כאַיעס אָנצוקוקן!

„אוי! קיין בייז אויג! אַזוינע טייערינקע! איך וועל אויך אַזוינע האָבן?“ טאַנצט אונטער די קוף און ציטערט פאַר פרייד.

„אוואַדע!“ זאָגט דער ביסיק, „אוואַדע! אַז איר וועט נאָר ניט אומפּליען... די צייט אויסזיצן...“

„א דאַנק!... א גוטן!...“ שרייט די קוף גליקלעך און פליט אוועק.

„ניט אַזא שלעכטער, ווי א נאַרעלע“, זאָגט די ביסיקיכע.

„א פאַרשלעפּטע קרענק!“

„א ווילדע זאַך!“

„הערסטו!...“ רופט זיך אָן די ביסיקיכע צום ביסיק אין א מינוט אַרום, „עפּעס איז מיר דאָ קאַשע. איך פאַרשטיי ניט איר מאַן. וווּ איז ער? פאַרוואָס זעט מען אים ניט?“

„ווער ווייסט?“ ענפערט דער ביסיק טרויעריק, „עפּשער אַן אומגליק? זאָל גאָרניט געשען, וואָס סע קען

זיך טרעפן: א יונג פּאָרפּאָלק... נאָרוואָס אינצווייען אַף דער וועלט ארויס... אים א בייזע פייל אָנגעיאָגט... זי, נעבעך עלנט... אין דער פרעמד... איינע אליין, אָן א באשיצער... אָן טאטע־מאמע... א וויסטע אלמאָנע... א יוגנט... ווייסט ניט פונדאנען אהין... אוי, אוי! א פּרייע, א גרויסע וועלט, א ליכטיקע וועלט, א גאניידן — אָבער ניט פאר יעדן!"

די ביסיקיכע זיפצט, טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן.

„נעבעך!" זאָגט זי, „איצט פארשטיי איך שוין פאר־וואָס סע וויל זיך איר אזוי ביסיקלעך האָבן; א טרייסט אין איר עלנטקייט!..."

„און מיר", קרעכצט דער ביסיק, „און מיר צו איר אזוי שלעכט געווען... געטריבן... א גוט וואָרט ניט געזאָגט..."

די ביסיקיכע פארטראכט זיך אביסל.

„ווייסטו וואָס", זאָגט זי, „לאָמיר איר א וויזיט מאכן!"

„איך האָב שוין אויך דאָס געטראכט!" כאפּט אונ־טער דער ביסיק פריילעך, „איך ווייס אפילע וווּ זי וווינט: אין דער צווייטער גאס אפן רויטן דאך. טאָמיד זע איך זי פון דאָרטן אָנקומען."

„איז אויב אזוי", זאָגט די ביסיקיכע, „טר־זשע טאקע שוין א פלי צום שאָכן און בעט אים, אז ביז מיר וועלן צוריקקומען, זאָל ער אזוי גוט זיין, אַף אונדזער דאך שטיין און אכטונג געבן. מיר וועלן זיך ניט זאמען. וועסט מיר גלייבן: איך קען שוין ניט איינזיצן, סע ציט מיך אהין צום רויטן דאך, וואָס אַף דער צווייטער גאס... ביים הארץ פארקלעמט!"

ד

קומט דאָס פּאָרפּאָלק, דער ביסיק מיט דער ביסי־קיכע, אפן רויטן דאך צופליען, טרעפט מען די אלמאָנע אף אירע „היי"עלעך זיצן.

„געסט! געסט!" שרייט אויס די קוף פריילעך און זי וויל זיך אויפהייבן די געסט אקעגנצולויפן.

„זיצט! זיצט! הייבט זיך ניט!" בארויקן זי די געסט, „וואָס טוט איר עפּעס? געקומען א קוק טון... מיר זענען דאָך שכיינים..."

„לאנג לעבן זאָלט איר!" זאָגט די קוף, „גלייך האָט איר געטון! אזוי אומעטיק אליין צו זיצן..."

„דערפאר", טרייסט די ביסיקיכע, „דערפאר וועט נאָכדעם פריילעך זיין — ווען דאָס קליינווארג וועט זיך צעפּיפּטשען!"

„ווי האלט איך שוין דערביי! אוי, איך זאָל שוין מיט די פּאָר וואָכן עלטער זיין!... עפּעס אָן א סאָף ציען זיי זיך!"

„אזוי אי'דאָס, מיין פריינד!" פילאָזאָפירט דער ביסיק, „די פּאָר וואָכן ציען זיך ניט מער, ניט ווייניקער, ווי א פּאָר וואָכן קענען זיך ציען. נאָר ווייל מע וויל זיי זאָלן זיך ציען ווייניקער, דאכט זיך, זיי ציען זיך מערער..."

„איר רעדט אזוי קלוג!" זאָגט די קוף, „איר וועט מיר גלייבן: א טאָג מיט א נאכט וואָלט איך ניט מיד געוואָרן אייך צו הערן!"

„א גוטן טאָג!" רופט זיך פלוצים אָן די ביסיקיכע, און אויסדרייענדיק זיך צום ביסיק: „קום! גייסט?"

„וואָס איילט איר זיך אזוי?" וווּנדערט זיך די קוף.

„נעמט ניט פאר אומגוט, געלאָזט די קינדערלעך אליין, נאָר א קוק טון געקומען", פארענפערט זיך די ביסיקיכע.

„עפשער ווילט איר פארן אוועקגיין, מיינע „היי"־ עלעך אָנקוקן?" פרעגט די קוף, זיך אויפהייבנדיק.

„נאָכוואָס? מע דארף ניט! זיצט!... זעט איר, שפּע־ טער, אז גאָט וועט העלפן... דעמאָלט, אז ס'וועט זיין שוין וואָס צו זען, דעמאָלט... אָך! אָבער איצט — זיצט! דאָס בעסטע איז זיצן!"

„אָבער, אז איר זענט שוין דאָ, וואָס ארט אייך? טוט א קוק!"

„אז איר ווילט דאווקע", גיט איר נאָך די ביסיקיכע, „פארוואָס ניט?"



טוט זיך די קוף א הייב אויף, און די געסט גייען צו נענטער, בייגן זיך אָן, קוקן זיך צו, קוקן זיך איבער, גייען צו נאָך נענטער, גלאָצן די אויגן און זיי שמועסן זיך איבער:

„דו זעסט עפּעס?"

„און דו?"

„גאָרניט!"

„איך אויך ניט!"

„וואָס הייסט גאָרניט?" טוט זיך א כאַפּ די קוף, „אָט האָט איר דאָך!..."

„וואָס האָבן מיר?"

„היי"עלעך!"

„אייעלעך? ווו?"

„ווו? אָט דאָ־אָ! צוואנציק „היי"עלעך!"

„צוואנציק!"

„געווען מער, האָט דער ווינט אוועקגעטראָגן."

„וואָס? נאָכמער פון צוואנציק?"

„עפּשער צופיל? באדארפט זיך אף ווייניקער זעצן?"

„וואָס הייסט צופיל? וואָס הייסט באדארפט? וויפל מע לייגט, אף אזויפיל זיצט מען!"

„נו, זעט איר דאָך! האָב איך גענומען און צוואנציק געלייגט... אָט ליגן זיי!"

„ווו?" שרייט די ביסיקיכע אויסער זיך, און דער ביסיק פארווארפט דעם קאָפּ, טוט זיך א פארקלער און זאָגט:

„הערסט, מיין ווייב, וואָס איך וועל דיר זאָגן? איך מיין: וואָס מער אייעלעך מע לייגט, אלץ קלענער זענען זיי. און אז מע לייגט צוואנציק אייעלעך מיטאמאָל, קיין בייז אויג..."

„מער ווי צוואנציק!" פארריכט די קוף.

„... זענען זיי", פּירט אויס דער ביסיק, „מינעסטאם אזוי קליין, אז נאָר דער מאמעס אויג אליין קען זיי כאַפּן..."

„סע לייגט זיך אפן געדאנק!“ איז מאסקים די בי־סיקיכע, „אויב אזוי, זייט־זשע מיר געזונט און האָט ניט קיין יעסורים, ניט פאר אונדזערע אויגן דערווייל.“

„אָבער!... אום גאָטעס ווילן! איך פארשטיי ניט. קוקט זיך נאָר גוט צו!... עפשער... פאָרט!“

„מיר האָבן זיך שוין צוגעקוקט!“ פארזיכערט דער ביסיק, „סע מאכט ניט אויס! מע זאָגט: די מענטשן אזוינע מינע גלעזעלעך צוגעטראכט, טוען זיי די גלעזעלעך אף די אויגן אָן — די קלענסטע קלייניקייטן זעען זיי.“

„יאָ, נו!“ דערפרייט זיך די קוף, אסאך מאָל אף מיר אליין דורך אזוינע גלעזעלעך געקוקט...“

„אף אייך אליין?... זעט איר שוין?“ כאפט אויף דער ביסיק, „און מיר דאַרפֿן אייך אָן אויגנגלעזעלעך זעען מיר. ווען נאָך די אויגנגלעזעלעך האָבן מיר, וואָלטן מיר אייערע אייעלעך אויך געזען...“

„זיכער! געוויס!...“ האלט אונטער די ביסיקיכע, „ערגערט אייך ניט! אבי נאָר אויסזיצן געזונטערהייט. ווען מיר שוין זען! אלע וועלן זען! מיט גאָטס הילף! א גוטן טאָג! זיצט נאָר אפן אָרט און היט פון א קעלט און פון א בייז אויג! אזוינע פיצעלעך! א וווּנדער, ווי איך לעב! א וווּנדער! זייט מיר געזונט!“

„א דאנק! גייט געזונטערהייט און קומט אָפּט! אזוי אומעטיק! איינע אליין!“

ה

דער ביסיק מיט דער ביסיקיכע אוועק, און באלד איבער אלע נעסטן די בשורה האָבן זיי צעטראָגן: „עפּעס איינע א ווילדפרעמדע, א וויסטע אלמאָנע געקומען...

צווייאונצוואנציק אייעלעך מיטאמאָל געלייגט! אזוינע פּיצעלעך, קוים־קוים מיטן אויג צו כאפּן!"

פליען קינד־און־קייט פון אלע נעסטן דעם וואונדער צו זען; זען די אייעלעך, וואָס מע זעט זיי ניט. און גראָב קען מען דאָך ניט זיין, אָפּזאָגן פּאסט ניט. הייבט זיך, נעבעך, די קוף אלעמאָל, הייבט זיך און זיפצט. זי שרעקט זיך, דאָס הארץ פאלט איר ארויס: טאָמער כאָלילע, ניט די שאָ זאָל עס זיין, א ווינטעלע א צי געגעבן! א שלעכט אויג א קוק געטון!...

און פון טאָג צו טאָג וואקסט די מוירע. און ניט אומזיסט: וואָס געדויערט אזוי?

און גוטע לייט טרייסטן: „גאָט א פּאָטער! מע מוז געדולד האָבן! זיצן און ווארטן! זיצן און אויסווארעמען! ביז ס'וועט זיך אויספּיקן!"

און די קוף זיצט און ווארט, ווארט און ווארעמט. און סע נעמט גאָר קיין סאָף ניט, ניין!

און געניטע, קלוגע לייט זאָגן: „שוין אזויפיל געזעסן און געווארט, דארף מען ווייטער זיצן! מע טאָר ניט איבעררייסן! א שאָד! א נעוויירע!... דאָס געדולד טאָר ניט פּלאצן! ווער ווייסט: עפּשער אָט, אָט, אָ!"

און מע מוז איר קאָוועד אָפּגעבן, דער מאמע־קוף. א וואָך נאָך א וואָך, שוין די דריטע וואָך, און איר געדולד ניט געפּלאצט! כאסוועשאָלעם!

און גוטע פריינד פארלאָזן ניט, געבן צו מוט: „מינעסטאם נאָך ניט די רעכטע צייט... פון קיין אייעלעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס... ביז מע ווארעמט א וואונדער אויס, מוז מען זיך געגנוג אָנזיצן. דער איקער: זיצן! זיצן און ניט רירן זיך פונעם אָרט! זיצן און גאָרניט

טון! פון זיך וועט זיך טון... זאָל נאָר די רעגע קומען, וועט שוין אויספּיקן!..."

אָבער סע פּיקט ניט!

אזוי לאנג, און אזוי ברייט, ביז איינמאָל ביינאכט, ווען סע האָט געדונערט און געבליצט, איז אף די פליגל

פונעם ווינט דער גאָט פון די אויסיעס געקומען צופליען און אויסגעשריגן: „ביז־ז־ז וו־וו־ווען?!! שוין גענוג, טאָכטער, געזעסן! שטיי אויף! הייב זיך אויף! וואָס

זיצסטו? אף וואָס וואַרטסטו?! אז אף טויטע אויסיעס זיצט מען — צי קען מען דען עפּעס אויסזיצן? צי קען מען זיך אף עפּעס דערוואַרטן? אז טויטע אויסיעס וואַרעמט מען — צי וועט אמאָל עפּעס אויספּיקן?... גענוג!"

און מאָרגן אינדערפרי, אז דער ביסיק מיט דער ביסיקיכע אפן רויטן דאך זיך באַוויזן, געקומען זען, וואָס הערט זיך — האָבן זיי שוין דאָרטן קיינעם אין גאָרניט ניט געטראָפן.

*

אָט דאָס איז דער סאָף פון דער מייסע. ניט א פריילעכער! אָבער וואָס אַרט דאָס אייך? סיזוויסיי אַן אויסגעטראַכט מייסעלע! וועט איר דאָך פרעגן: „אז אַן אויסגעטראַכטע זאַך נאָכוואָס־זשע דערציילט?" וועל איך אייך זאָגן: „ווייסט איר וואָס? טוט מיר אָפּ — טראַכט איר אויך א מייסעלע אויס און דערציילט עס מיר!

וועט עס זיין צום לאַכן,
גיב איך זיסע זאַכן;
וועט מען לאָזן טרערן,
קוש איך אייך אין שטערן!"

דאָס צאַדיקל

אף א בערגעלע שטייט א שטיבעלע; א קליין שטיבעלע ווי א בייס. אין שטיבעלע א צאדיקל וווינט; א צאדיקל א פּיצעלע, א צאדיקל ווי אין ביכעלע און סע הייסט רעב איכעלע. האָט דאָס צאדיקל א טעכטערל — איינס און א שיינס. די אייגעלעך ווי ביי פּייגעלעך, די בעקעלעך ווי ביי טעקעלעך, דאָס קעלעכל ווי גלעקעלעך, קוטשעראָווע הערעלעך, דאָס פּיסקעלע שיט פּערעלעך. דארף קיין ווערטעלע ניט זוכן, קיין צינגעלע ניט לייען — און אינגאנצן איז דאָס ווי א זאיען.



איינמאָל נעמט דאָס טעכטערל און ווערט קראנק, מעסוקן קראנק. זעט דאָס צאדיקל ס'איז שלעכט, שטייט עס אויף גאנצפרי, נעמט דאָס קלימיקל אף די פּלייצעס און לאָזט זיך אין דער וועלט אריין — פאר זיין טעכ־טערל, פאר זיין איינאונאיינציק טעכטערל, א רעפוע זוכן.

גייט עס, גייט עס וואלדאיין וואלדאויס ביז סע ווערט מיד. זעצט זיך דאָס צאדיקל אף דער ערד אנידער, אונטער א ביימעלע אָפּרוען זעצט זיך עס. קומט צולויפן

שיינדעלע־הענדעלע, אפֿן קעפּעלע א קריינדעלע, א קריינ־
דעלע ווי א שין, א פֿליגעלע ווי סאמעט, שטעלט זיך
אף איין פֿיסעלע ווי א לאמעד, און סע זאָגט:



קו קו רי קו!
פֿונעם הימל
פֿליט א גימל —
גימל גילדן שיכעלע,
טוט עס אָן רעב איכעלע
אפֿן רעכטן פֿיסעלע
און ער טוט א ניסעלע,
פֿליט ער איבער בארג און טאָל,
טויזנט מיילן מיטאמאָל,
ביז צום טויער פֿון שטאָט רוים,
דאָרטן שטייט אן אלטער בוים,
אפֿן בוים א פֿייגעלע,
ליכטיק ווי מיין אייגעלע.
יידל־לידל הייסט עס
און רעפֿועס ווייסט עס.

טוט דאָס צאדיקל צום הימל א קוק, ערשט —
א גילדן שיכעלע פֿליט, א שיכעלע ווי א גימל. כאפּט

3182 — 7

דאָס צאַדיקל דאָס שיכעלע, טוט עס אַפן פיסעלע אָן. ער טוט עס אָן אַפן פיסעלע, און מיטן נעזעלע א ניסעלע, מיטן אייגעלע א פינטעלע, ווערט א ווינטעלע. הייבט עס אָן, דאָס צאַדיקל, צו לויפן און דאָס ווינטעלע טראָגט עס, טראָגט עס. לויפט עס איבער באַרג און טאָל, טויזנט



מײלן מיטאַמאָל, קומט עס צו א הויכער מויער, האָט די מויער א ווייסן טויער. אַפן טויער א פענדעלע, אַפן פענדעלע א הענדעלע — אַפן קעפּעלע א קריינדעלע, א קריינדעלע — א כיינדעלע, א קריינדעלע ווי א שין.

קרייט דאָס הענדעלע: „קו קו רי קו! קוק אהין!“

פרעגט דאָס צאַדיקל: „וואהין?“

„ווו דאָס בערגעלע גרין.“

טוט דאָס צאַדיקל א קוק, זעט עס א גרין בערגעלע. אַפן בערגעלע א בוים; אַן אַלטער בוים, אַלט ווי די אַלטע געשיכטע. מיט צווייגן געדיכטע. זענען די צווייגן מיט רויטע עפּעלעך אָנגעזעצט, אונטער די עפּעלעך די צווייגן אַזש צו דר ערד בייגן זיך. און אַפן בוים ביים סאַמע שפּיץ א בלאָ־גרין־רויט אַלעפּל פינקלט.

קרייט דאָס הענדעלע: „קו קו רי קו! קוק זיך צו!“

קוקט זיך דאָס צאַדיקל צו, ערשט — דאָס אַלעפּל גאָר קיין אַלעף ניט. וואָס־זשע דען איז דאָס? אַ גרין צווייגעלע; אַף איין עק צוויגעלע, אויבן, אַ פּיצעלע בלאָ פייגעלע און פון צווייטן עק, אונטן, אַ רויט עפּעלע הענגט אַראָפּ.



זינגט דאָס פייגעלע:

בין איך מיר אַ וועכטערל
היט איך אָפּ דאָס עפּעלע
פאַרן שענסטן טעכטערל
מיטן רויטן קעפּעלע.

אָפּגעזונגען, טוט דאָס פייגעלע מיטן פּיסקעלע אַ פּיק, דאָס עפּעלע פון צווייגעלע אַראָפּ, גלייך אין צאַ־

דיקלס הענטעלע. כאפּט דאָס צאַדיקל דאָס עפּעלע און הייט אהיים. און אינדערהיים דאָס טעכטערל אין בעטעלע ליגט. אין בעטעלע ליגט עס, דאָס קעפּעלע פאַרבונדן, דאָס העלדזעלע פאַרוויקלט און סע קרעכצט. א טרונק וויל דאָס טעכטערל, אראָפּשלינגען קען עס ניט — אין העלדזעלע ווארגט. און די מאמע אפן עק בעטעלע זיצט, טרערן אין די אויגן, און די הענט די קלאָרע ברעכט זי.

אינדעם די טיר זיך א עפן — דאָס צאַדיקל איז דאָ. לויפט צום טעכטערל צו; אין קעפּעלע קושט ער זי, דאָס עפּעלע דערלאנגט ער איר: „נא, טעכטערל, דיר א רעפּוע געבראכט."

נעמט דאָס טעכטערל:

בייסט זי איין דאָס עפּעלע —
טוט ניט וויי דאָס קעפּעלע;
בייסט זי אָפּ א ברעקעלע —
ווערט איר רויט דאָס בעקעלע.
שלינגט אראָפּ — געזונט און שטארק
און סע טוט אין האלדז קיין ווארג.
שוין אוועק די בייזע קרענק
צו די שלעק און צו די שלענג,
איז א פרייד אף טיש און בענק.
גרויס די וועלט, די פרייד איז גרעסער,
זיי איז גוט און אונדז איז בעסער,
עס'מיר האָניק
מיטן פּאָלאָניק
און זייי לעקן פון שפּיץ מעסער.

ווי אַזוי די פייגעלעך האָבן געלערנט כומעש

דאָס ערשטע קאַפּיטל.

אין דעם קאַפּיטל דערציילט דאָס ביכעלע, פאַרוואָס די קראָ שרייט: „קרא, קרא“, ווער ס'לערנט מיט די פייגעלעך כומעש, פון וואָס פאַר אַ ביכעלעך די פייגעלעך לערנען, מיט וואָס פאַר אַ אויסיעס די ביכעלעך זענען געשריבן. און נאָך ווערט דאָ דערמאָנט, וואָס הייסט אַזוינס „פּלעקערשריפט“.

ראַ, קראַ, קראַ!

„ווער מאַכט אַזוי?“

„די קראָ“.

„און פאַרוואָס שרייט די קראָ: ‚קראַ, קראַ‘? דאָס ווייסטו ניט, קינד? נו, וועל איך דיר דערציילן. קראַ, קראַ איז אויף פויגל־לשון, ווי קראָ, קראָ אויף לאַשנקוידעש: ליין, ליין, הייסט דאָס.“

„און פאַרוואָס שרייט די קראָ: ‚ליין, ליין‘?“

„ווייל די קראָ איז דער רעבע פון די פייגעלעך“. שרייט דער רעבע: ‚קראָ, קראָ‘, ליין, פייגעלע, ליין!“

„און דערפאַר רופט מען די קראָ — ראָב, ווייל ראָב הייסט רעבע?“

„יאָ, יאָ!“

„און האָבן דען די פייגעלעך ביכעלעך?“

„אוואדע, נאָך וואָס פאר א ביכעלעך! איעדער בוים, איעדעסביימעלע איז א ביכעלע... א ביכעלע מיט בלעטעלעך..."

„מיט גרינע בלעטעלעך?"

„עמעס!"

„און האָבן דען די בלעטעלעך אויסיעס?"

„אוואדע, זאָלסטו טאקע וויסן! נעם א בלעטעלע, קינד, א גרין בלעטעלע פון א ביימעלע און קוק זיך צו, וועסטו זען שטריכעלעך און פּאסעקלעך, דינע פּאסעקלעך."

„טאקע, טאקע!"

„נו, אָט! זענען די שטריכעלעך ניט גלאט אזוי שטריכעלעך און די פּאסעקלעך ניט גלאט אזוי פּאסעקלעך, פון יענע פּאסעקלעך און דריידעלעך, וואָס דו טענטלסט צומאָל אזוי זיך מיט דער פּען. ניין, נאָר אויסיעס איז דאָס גאָר! עמעסע אויסיעס! אמאָל האָבן מענטשן אויך אזוינע אויסיעס געשריבן. „פלעקערקסאוו" פלעגן זיי די אויסיעס רופן".

„נו, האָבן זיי דעמאָלט אויך דאָס קסאוו פון די גרינע בלעטעלעך געקענט לייענען?"

„ניין, קינד! דאָס קסאוו פון די גרינע ביימעלעך איז גאָר א באזונדער „פלעקערקסאוו". מע זאָגט, ווער ס'איז גוט און פרום ווי א פייגעלע, קומט אים ביינאכט א מאלעכל צוכאָלעם, א פּיצעלע מאלעכל, ווי א פייגעלע די גרייס. „קרוווו" רופט מען עס, דאָס מאלעכל, און סע לערנט אים אויס דאָס קסאוו פון די גרינע בלע־טעלעך צו לייענען".

„טאקע?"

„אזוי זאָגט מען. און ווער סע קען די שריפט פון די גרינע בלעטעלעך לייענען, אסאך סוידעס און גוטע זאכן

ווייסט ער צו דערציילן, זאכן און סוידעס, וואָס נאָר די פייגעלעך ווייסן.״

„נאָר די פייגעלעך?״

„נאָר פייגעלעך! און עפשער נאָך פיצעלעך קינדער־לעך, וואָס זייגן דער מאמעס מילעך און לאכן פונעם שלאָף...

און אזא מענטש, וואָס די פייגלשריפט קען ער לייענען, אז ער שרייבט, איז — כאָטש מיט אונדזערע אויסיעס שרייבט ער, קומט ביי אים אלץ ווי ביי די פייגעלעך ארויס: קורצע שורעלעך, פאסעקלעך און שטריכעלעך און פינטעלעך...״

„ביי מיר אין ביכעלע האָב איך טאקע אזוינע לידעלעך געזען.״

„און איך אין אן אלט סייפערל האָב אזא מייסעלע געלייענט.״

„וויל איך עס הערן?״

„און אז דו וועסט הערן, וועל איך דערציילן:

דאָס צווייטע קאפיטל.

אין דעם קאפיטל דערציילט דאָס ביכעלע. וויאזוי די פייגעלעך זענען געקומען אין כיידער אריין, וויאזוי דער רעבע האָט זיי דערציילט וועגן דעם אלטן פויגל כויל, וואָס ער ציילט די שטערן, און וועגן אן אלטן ביסיק, וואָס האָט א שיין מייסעלע געהערט. און נאָך דער־ציילט דאָ דאָס ביכעלע וויאזוי די פייגעלעך זענען מעכאדעש די לעוואָנע.

אמאָל האָט דער ראָב, דער רעבע פון די פייגעלעך א געשריי געטון: „קרא, קרא!״ באלד האָבן זיך די

פייגעלעך ארום אים אויף די צווייגן פון אן אקאציעבוים ארומגעזעצט און דער רעבע האָט צו די פּיצעלעך טאַל־מידימלעך אזוי געזאָגט: „איצט, מיינע פייגעלעך, וועלן מיר אָנהייבן כומעש!“

„כומעש, כומעש, כומעש!“ האָבן די פייגעלעך געשריגן, און פאר פרייד מיט די פליגעלעך געפּאטשט.

„איך וועל אייך דערציילן וויאזוי די וועלט איז באשאפן געוואָרן, וועט איר זיך דערקוויקן.“

„קוויק, קוויק, קוויק, דערקוויקן!“ האָבן אלע פייגעלעך מיטאמאָל געקוויקעט.

און דער ראָב האָט דריי מאָל א פּיק אין צווייג געטון, דעם זיסן אקאציערייעך געשמעקט, און פּאמעלעך, געלאסן אזוי אָנגעהויבן:

„מיין זיידע, זיכרוינע ליבראָכע, האָט מיר דערציילט, אז ער האָט געהערט פון זיין עלטערזיידן, וואָס אן אלטער ביסיק האָט אים אמאָל דערציילט.

דער אלטער ביסיק איז אמאָל אין א וואלד נעבן טייך כידעקל געוועזן: דאָרטן ווו דער פויגל כויל זיצט

אף א הויכן צעדערבוים און ציילט די שטערן. ווען ער וועט די שטערן איבערציילן, וועט ער וויסן וויפל יאָר ער איז אלט...״

„כויל? כויל? וואָס הייסט אזוינס כויל?״

„איך זאָג דאָך אייך: דאָס איז אזא פויגל וואָס לעבט אייביק; וואקסט ער, וואקסט, ביז ער וואקסט צוריק. און אז ער ווערט שוין גאָר קליין, גייט פון זיין נעסט א פייערל ארויס און פארברענט אים אף אש. בלייבט פון אים א קליין אייעלע. פונעם אייעלע פיקט זיך אויס א נייער כויל; און אזוי אָן א סאָף און אָן אן עק...״

„פי, פי, פי!״ שרייען אויס די פייגעלעך, „נו, נו, וואָס־זשע האָט ער, דער כויל, דערציילט?״

דער ראָב טוט ווידער דריי פּיק אין צווייג, שמעקט דריי מאָל דעם געשמאקן אקאציעווייעך און זאָגט: „איר ווייסט? די לעוואָנע און דער פויגל כויל זענען שוועסטער־און־ברודער. די לעוואָנע לעבט אויכעט אייביק, וואקסט און וואקסט, און אז זי וואקסט שוין גאָר אויס, וואקסט זי פאמעלעך צוריק, און ווערט קלענער, קלענער,

ביז א פייערל גייט פון איר נעסט ארויס און פארברענט זי אף אש. אויס לעוואָנע! נאָר ניין! אן אייעלע איז גע־בליבן. פּיקט זיך פונעם אייעלע ווידער א לעוואָנע אויס, א יונגע, א שפּאָגלנייע לעוואָנע! זענען זי די פייגעלעך מעכא־דעש, שפרינגען און טאנצן קעגן איר און זיי זינגען:

ציר, ציר, ציר! ציר, ציר, ציר!
נייע לעוואָנע, קום צו מיר.
ציף, ציף, ציף! ציף, ציף, ציף!
כ'האָב אין הארץ א לידל טיף.
קוויר, קוויר, קוויר! קוויר, קוויר, קוויר!
כ'וועל דאָס לידל זינגען דיר.

כאפּן אונטער אלע פייגעלעך.

„און זי ווערט אויכעט פארברענט," כאפּט אונטער דער ראָב.

„און ווידעראמאָל: פּיק, פּיק, פּיק!" זינגט א פייגעלע טאנצנדיק, „ווידער א נייע לעוואָנע פּיקט זיך אויס!..."

„ווי, פי, פי! ווי, פי, פי! וויפל נייע לעוואָנעס האָט שוין די וועלט מעכאדעש געווען!" זינגט א פייגעלע.

„נייע, נייע און אלץ די אייגענע אלטע", זאָגט דער ראָב, „אָט פארברענט, אָט ווידער צוריק."

„טשעריק, טשעריק, טשעריק! טשעריק, טשעריק, טשעריק!" פּלאפּלען אלע פייגעלעך פריילעך.

דער ראָב פארטראכט זיך אביסל און הייבט אָן וויטער: „א שווייגער איז ער, דער כויל, א גרויסער שווייגער, ווייל אלט איז ער ווי דער וואלד, און אסאך האָט ער זיך אָנגעהערט, און אסאך האָט ער זיך אָנגעזען, און אלצדינג ווייסט ער, און ווער סע ווייסט אלצדינג — דער שווייגט. נאָר ווען די פייגל זענען א נייע לעוואָנע

מעכאדעש, איז אפן כויל א גוטע שאָ. דעמאָלט נעמען זיך צו אים אלע פייגעלעך פונעם וואלד צונויף, און ביי דער שיין פון דער יונגער לעוואָנע שיינע מייסעלעך דערציילט ער זיי. איינמאָל — און דער אלטער ביסיק איז דערביי געווען — האָט ער אזא מייסעלע דערציילט..."

„ציפ, ציפ, שטיפ! שטיפ זיך ניט!" ברויגעסט זיך פלוצים איין פייגעלע אפן אנדערן, וואָס האָט זיך נעבנטער צוגעטוליעט.

„זיי ניט ברויגעס, ברודערל, איך וויל אויכעט הערן..."

„פי, פי, פע!" שרייען אנדערע, „וואָס שלאָגט איר איבער?"

„קריגט אייך ניט פייגעלעך!" זאָגט דער ראָב ווייך, „רוקט זיך צו! נעבנטער! אָט אזוי! גוט, גוט! נו הערט:

דאָס דריטע קאַפּיטל.

אין דעם קאפּיטל דערציילט דאָס ביכעלע א מייסע מיט מענטשן וואָס האָבן זיך אוועקגעלאָזט מיט א שיף איבערן גרויסן יאם, און וועגן א האק פון א האָלצהעקער. און נאָך דערציילט דאָ דאָס ביכעלע, וויאזוי די פייגעלעך האָבן געלאכט, ווען מע באדארף גאָר וויינען, און דערפאר האָט אף זיי דער רעבע אָנגעשריגן.

אמאָל זענען מענטשן אף א שיף איבערן גרויסן יאם געפאָרן. פלוצים האָבן זיי א פויגל דערזען. דער קאָפּ אין הימל, די פיס אין יאם און דאָס וואסער ביז די קנעכל. האָבן זיי געוואָלט פון דער שיף שפּרינגען, באָדן זיך

פארגלוסט זיי; געמיינט, ניט טיף, קנעכלוואסער. פּלוצים האָבן זיי א באסקאָל דערהערט:

„היט אייך! מיט זיבן יאָר צוריק האָט א האָלצהעקער דאָ האָלץ געהאקט, איז דאָס האקאייזן אין וואסער אראָפּ; פאלט עס, פאלט, און אדהאיעם ביז צום גרונט ניט דערגאנגען."

„טיף, טיף, טיף!" גאפן די פייגעלעך, „אזוי טיף?"

„אזוי טיף!" זאָגט דער ראָב.

„אזוי טיף, אין קוים ביז די קנעכל?" וווּנדערט זיך איינס.

„וואָס דער כידעש?" ענפערט דער רעבע, „יענער פויגל איז באר־יויכנע געווען! באר־יויכנע — געלויבט איז ער און געלויבט איז זיין נאָמען — באר־יויכנע, וואָס די טיפּסטע טיפענישן מיט די קנעכל פון זיינע פיס מעסט ער אויס."

„און דאָס האָט ער פון אויוון: ‚היט אייך! היט אייך!' צו די מענטשן געשריגן?"

„ער!" זאָגט דער ראָב, „ער! געוואָרנט זיי, ניט געהייסן..."

„טער־ר־ר!!" קנאקן אויס אלע פייגעלעך מיטאמאָל, „א גוטער איז ער באר־יויכנע, א גוטער־ר־ר!"

און איין פייגעלע א לעבעדיקס, א פריילעכס, טאנצט אף איין פיסעלע אונטער, און זינגט זיך:

יויכ־יויכ־יויכנע!
זיסער, גוטער!
היט מיין טאטן,
בענטש מיין מוטער!"

„ט־ר־ר־ר!“ כאפּן די פייגעלעך ווידעראמאָל אונטער.
און דער ראָב זאָגט:

„יאָ, א גוטער איז ער באר־יויכנע, און אף גוטן
האָט ער די מענטשן געראָטן, נאָר

וואָס טויג דאָס זיסע ווייצעלע?
ניטאָ ווער זאָל עס קלויבן!
וואָס טויג דאָס קלוגע אייצעלע?
ניטאָ ווער זאָל עס לויבן!

א גוטער איז ער באר־יויכנע, און אף גוטן האָט ער
די מענטשן געראָטן, האָבן זיי אָבער ניט געפאָלגט...“

„ניט געפאָלגט? פארוואָס?“

„ווייל פון די גרויסע שווימערס זענען זיי געווען.
און ווו א שווימער איז ער א בארימער, ווי די
קאטשקע.

האָבן זיי, די שווימערס זיך בארימט:

,מיר׳ן זיך‘, זאָגן זיי, ,אין די טיפע טיפענישן אראָפּלאָזן,
די האק ארויסבאקומען, און מיט איר זיך אין באר־יויכנע
פארמעסטן! וועל׳מיר זיך א נאָמען אף דער וועלט
מאכן!...‘

געזאָגט און אין יאם אריינגעשפּרונגען. באלד איז
א גרויסער שטורעמווינט געוואָרן, פון אלע עקן וועלט
האָבן די פינצטערע אָדלערס אָנגעיאָגט און זייערע פליגל,
די גרויסע ווי די נאכט, האָבן זיי איבערן הימל פאר־
שפּרייט.

און די בלינדע אויגן פון די פינצטערע אָדלערס
האָבן זיך געעפנט, און סע האָט געבליצט און גערעגנט.
און כוואליעס ווי די בערג האָבן זיך ביז צום הימל

געהויבן, און די שיף האָבן זיי אויף זייערע פּלייצעס געטראָגן פערציק טעג און פערציק נעכט.

נאָכדעם האָט באַר־יוֹיכנע — געלויבט איז ער — מיט זיינע פליגל א לינדן פאָך געטון, האָט א שטיל



ווינטעלע געבלאָזן, זענען די וואסערן שטיל געוואָרן און די שיף האָבן זיי אויף די בערג אראַראַט אויסגעשפּיגן. אלע די שווימערס זענען דערטראָנקען געוואָרן, נאָר

איינער פון זיי איז אין דער שיף געבליבן — באר־יויכנעס וונדער צו דערציילן.

די מייסע פון דער דערטרענקעניש האָבן די מענטשן אין זייערע הייליקע ספאָרים פארשריבן; ס'הייסט ביי זיי „מאבל."

„וויאזוי? וויאזוי?" פרעגן די פייגעלעך.

„מאבל!" זאָגט דער ראָב, „שווער פאר אייך! איר וועט דאָס ניט נאָכזאָגן".

„מי, בי, פי! פרווט איינס.

„קי, קי, קי!" צעלאכט זיך א צווייטס.

„שא, שא, דו שקאָץ!" שרייט אף אים אָן דער ראָב שטרענג און גיט אים א גרינגן פיק אין קעפעלע, „מענטשן טרענקען זיך און אים איז פריילעך! לאכט גאָר!"

די פייגעלעך זענען אומעטיק געוואָרן.

און דער ראָב האָט געזאָגט: „און נאָך א מייסע האָט אין יענער נאכט דער כויל איבערגעגעבן..."

„וויל'מיר הערן! וויל'מיר הערן!" האָבן זיך די פייגעלעך אויפגעמונטערט.

און דער ראָב האָט דערציילט:

דאָס פערטע קאפיטל.

אין דעם קאפיטל דערציילט דאָס ביכעלע א מייסע מיט א הויכן טורעם און מיט א שווארצער קאָץ, און סע ווערט געבראכט א קלוג וואָרט פון א קלוגער שלאנג.

אמאָל האָבן זיך די מענטשן א הויכן טורעם געבויט, א טורעם ביזן הימל; צו באר־יויכנס געוואָלט דערגרייכן;

ליכטיקע פעדערן פון זיינע פליגל געוואָלט אויסרייסן און פאר געלד פארקויפן!"



„געלד? געלד?" פרעגן די פייגעלעך, „וואָס הייסט געלד?"

„ווער קען וויסן? ס'איז א סאָד! מענטשן האָבן א טעווע זייער געלד צו באַ־האלטן... נאָר א קאנאריקל, וואָס איז ביי זיי א גאנץ יאָר אין א שטייגעלע געזעסן און דערנאָך אף דער פריי זיך אויסגעריסן, האָט מיר דערציילט, אז ס'האָט אליין געזען דאָרטן אין שטוב עפּעס א שווארצע זאך זיך ארומ־דרייען, א שווארצע זאך מיט גרינע אייגעלעך און שארפע נעגעלעך. ביינאכט ווען מ'פלעג דאָס פייער אויסלעשן, און אלע אין שטוב האָבן זיך

שלאָפן געלייגט, דעמאָלט, אין דער פינצטערניש, פלעגן

זיך ביי דער שווארצער זאַך די גרינע אייגעלעך אָנצינדן — א פּאכעד! די גאנצע וועלט צו פארברענען! טויט אין אלע ווינקעלעך פארשפּרייט!... איך מיין: אויב דאָס איז ניט געווען קיין ווילדע קאַץ, איז דאָס אוואדע געלד... יאָ, יאָ, געלד... איך האָב דערצו א ראיע..."

„וואָס פאר א ראיע?" זענען די פייגעלעך נייגיריק צו וויסן.

„כ'האָב אמאָל געשמועסט מיט א שלאנג, וואָס האָט זיבן יאָר אין אינדיען ביי א פאקיר געלעבט. זי האָט ביי אים כאָכמע געלערנט. דער פאקיר פלעג איר מויל צו זיך אין מויל אריינגעמען, און מויל צו מויל איר טיפע סוידעס אנטפּלעקט.

האָט מיר די שלאנג אזוי געזאָגט:

„אז וועסט זען א זאַך, וואָס ביי דער ליכטיקער שיין איז דאָס פינצטער און ביי דער פינצטערער נאכט איז דאָס ליכטיק, זאָלסטו וויסן אז דו זעסט: אָדער א גליווערעמל, אָדער פארפוילט האָלץ, אָדער כאָכמע פון נאראָנים, אָדער געלד..."

„טיף, טיף, טיף!" שוויפּטשען די פייגעלעך, „א טיף וואָרט."

„אוואדע!" זאָגט דער ראָב, „אז איר וועט עלטער ווערן, וועט איר דאָס ערשט רעכט פארשטיין..."

„און נאָכוואָס טויג די מענטשן די דאָזיקע שווארצע זאַך מיט די אייגעלעך, וואָס ברענען אין דער פינצטער?" ווילן די פייגעלעך וויסן.

„דאָס, ליבע פייגעלעך, האָבן אונדז מענטשן ניט דערציילט; נאָר ווייסן ווייס איך, אז מענטשן האָבן דידאָזיקע שווארצע זאַך זייער ליב. פאר געלד וועט א מענטש אמאָל אפילו דאָס לעבן אוועקגעבן!"

„אפילע דאָס לעבן?“

„יאָ! דאָס קאַנאַריקל, וואָס האָט דאָרטן ביי זיי אין שטוב א גאַנץ יאָר געלעבט און דערנאָך זיך אַף דער פריי ארויסגעריסן, האָט מיר דערציילט אז אלע אין שטוב, פון קליין ביז גרויס, האָבן די שווארצע זאַך ליב געהאַט. קליינוואַרג פלעג זיך דערמיט שפּילן און טאַנצן; מיטן באַלעבאָס איז דאָס אַף איין געלעגער געשלאָפן; די באַלעבאָסטע פלעג דאָס צום הארצן טוליען, כאָטש אלע פלעג דאָס צעגראַבלען...“

„מעשוגאָים!“ פּאַסקעט א פייגעלע.

„אבי מע זאָגט, אז א מענטש איז קלוג!“ גיט צו א צווייטס.

„ע!“ זאָגט דער ראָב, „קלוגער פון א קאַטשקע איז ער אוואַדע... נאָר מע כאַפּט ניט איינס אין אנדערן; וועגן דער קאַטשקע וועל איך אייך שפּעטער דערציילן... וווּ־זשע האַלטן מיר?“

„ביים טורעם.“

„האָבן די מענטשן א הויכן טורעם געבויט. געבויט, געבויט, אָט־אָט דעם הימל דערגרייכט, פּלוצים — קאַר, קאַר, קראַך!

באַר־יוּכנע האָט אין זיי דאָס מינדסטע איי פון זיין נעסט געוואָרפן, איז דער גאַנצער טורעם איינגעפאַלן. דער טורעם איז איינגעפאַלן און אסאַך, אסאַך שטעט זענען אונטער אים כאָרעוו געוואָרן. אזויפיל שטעט, וויפל אַף א בוים מיט פייגעלעך — פליגעלעך און אייגעלעך, פּי־סעלעך און נעגעלעך!“

„פּי, פּי, פּי!“ שרייען די פייגעלעך.

„ווייסט איר שוין ווער באַר־יוּכנע איז?“ זאָגט דער ראָב, „איצט מיינע פייגעלעך, לופּטערט זיך דורך די

פליגעלעך און קומט צוריק וועל איך אייך דערציילן וויאזוי באר־יוכנע האָט די וועלט באשאפן."

"טשער, טשער, טשער־ר־ר!" זענען זיך די פייגעלעך מיט א געזאנג צעפלויגן.

קעגן א האלבער שאָ האָבן די פייגעלעך אפן פרייען פעלד געשטיפט. אין דער בלאָער לופט ריידעלעך געמאכט, אין "איגל־ביגל" און אין "פיק־צוריק" זיך געשפילט, און לעבעדיק און פריילעך און פארסאפעט צום ראָב אפן בוים צוריקגעקומען, שטיל, געהאָרכזאם זיך אויסגעזעצט, און דער ראָב האָט ווידער אָנגעהויבן:

דאָס פינפטע קאפיטל.

אין דעם קאפיטל דערציילט דאָס ביכעלע, ווי דער ראָב האָט די פייגעלעך א הארבע שיילע געפרעגט, און וויאזוי ער האָט זי אליין פארענפערט. און נאָך ווערט דאָ דערציילט, פונוואנען סע נעמען זיך די פינצטערע אָדלערס וואָס וואנדערן ווינענדיק, און פארוואָס סע דונערט און סע בליצט.

און אָנגעהויבן האָט דער ראָב מיט א שיילע:

"קינדערלעך! פונוואנען קומט א פייגעלע ארויס?"

"פון אן אייעלע!"

"און דאָס אייעלע פונוואנען?"

"פון א פייגעלע!"

"און דאָס פייגעלע?"

"פון אן אייעלע!"

"אן אייעלע פון א פייגעלע, א פייגעלע פון אן אייעלע", זאָגט דער ראָב, "אָבער וואָס פריער? צום

אלעם ערשטן וואָס? צום אלעם ערשטן דאָס אײעלע! און דאָס אײעלע פון וואָס? דאָס אײעלע פון די פינ־צטערע בערג...

אמאָל, אמאָל, נאָך פארן ערשטן אײעלע, זענען פינצטערע בערג געווען: פינצטערע, פארשלאָפענע בערג און גאָרניט מער! און איבער די פינצטערע בערג האָט באר־יויכנע ארומגעשוועבט. ווי אן אָדלער זײַן נעסט באוואכט, איבער זײַנע פײַגעלעך ציטערט ער, אזוי האָט באר־יויכנע — געלויבט איז ער — איבער זײַנע בערג געציטערט, געפלאטערט.

מיטאמאָל איז אָף די קעפּ פון די בערג א ליכטיקייט געפאלן!

אין באר־יויכנעס אויגן האָט זיך א פײַערל אָנגעצונדן און דאָס פײַער פון באר־יויכנעס אויגן האָט די שפּיצן

פון די פארשלאָפּענע בערג באַלויכטן. האָבן זיך די בערג פון שלאָף אויפגעכאַפּט.

האָט באר־יויכנע א זאָג געטון: „זאָלן זיך פארזאמלען אלע פינצטערע בערג אף איין אָרט, און איין גרויס איי זאָל פון זיי ווערן!"

און ס'איז אזוי געוואָרן.

אלע פינצטערע בערג האָבן זיך אף איין אָרט פאר־זאמלט, און איין איי איז פון זיי געוואָרן:

דאָס ערשטע אייעלע!...

האָט באר־יויכנע — געליבט איז זיין נאָמען — דאָס איי מיט זיין שנאָבל צעשפּאלטן, איז אין אים געווען א



ווייסל, איין גרויס געלעכל מיט א בלוטסטראָפּן און אסאך, אסאך קליינע געלעכלעך.

פון דער אייבערשטער העלפט ווייסל האָט ער דעם הימל באשאפן, פון דער אונטערשטער — דעם יאם, פונעם גרויסן געלעכל — די גילדענע זון, פון די קליינע געלעכלעך — די לעוואָנע מיט די שטערן, פון דער האַר־טער שאָלעכץ — די ערד מיט אירע אלע באשעפעניש און פונעם בלוטסטראָפּן — דעם מענטשן.

דערנאָך האָט באַר־יויכנע א קוק געטון און דערזעען:

איין פינצטערער בארג איז געבליבן!

ווען באַר־יויכנע האָט באפוילן: „אלע פינצטערע בערג, זאמלט אייך צונויף!“ האָט ער ניט געהערט; ער האָט פארשלאָפן...

איז באַר־יויכנע אף אים בייז געוואָרן און געזאָגט:

„פינצטערער בארג! ווייל אף דיין אָרט ביסטו שטיין געבליבן, ווען אלע דיינע ברידער האָבן זיך צום גרויסן שאפן פאראייניקט, דערפאר נאָוונאָד זאָלסטו זיין! אומ־וואנדערן פון אָרט צו אָרט זאָלסטו, און קיין רו זיך קיינמאָל ניט געפינען!“

באלד דערויף האָט באַר־יויכנע א פאָך געטון מיט זיינע פליגל, זענען גרויסע ווינטן געוואָרן, האָבן די ווינטן דעם בארג א כאפּ געטון און אים אף שטיקער צעריסן. זענען פון די פינצטערע שטיקער, אָדלערס געוואָרן, פינצטערע אָדלערס וואָס וואנדערן אייביק!

האָבן די פינצטערע אָדלערס געוויינט פאר באַר־יויכנע און געזאָגט:

„גרויס איז אונדזער זינד, ניט צו פארטראָגן! צום גרויסן שאפן האָ'מיר זיך ניט פאראייניקט; פאראומערט און פארפינצטערט זענען מיר געבליבן; קיין רו ווועל'מיר זיך ניט געפינען, און אייביק ווועל'מיר וויינען!“

האָט באַר־יויכנע ראַכמאָנעס באַקומען און געזאָגט:
„דערפֿאַר וועלן אײַערע טרערן אַף דער ערד פֿאַלן, און זי דערפֿרישן און באַפֿרוכפּערן, און נײַע שאַפֿונגען פֿון איר שויס אַרויסברענגען״.
איז אַזוי געוואָרן.



אַז די פֿינצטערע אָדלערס וויינען פֿאַר גרויס כאַראָטע און בענקשאַפֿט נאָך שאַפֿונג, פֿאַלן זייערע טרערן אַף דער ערד, שלינגט די ערד די טרערן, וואַקסן פֿון איר שויס נײַע שאַפֿונגען אַרויס: טוועס, ביימער, גראָזן, רויזן, בלומען.
בענטשט די ערד די אָדלערס.
ענפֿערן די אָדלערס אַף אַ קאָל: „אָמיין!״
„דאָס איז דער דונער?״ פֿרעגן די פֿייגעלעך.
„יאָ״, זאָגט דער ראָב, „דאָס איז דער דונער.״
„און וואָס־זשע איז דער בליץ?״ פֿרעגן ווידער די פֿייגעלעך.

„דער בליק, דאָס איז דאָס ערשטע ליכט וואָס האָט זיך צום ערשטן אין באַר־יויכנעס אויגן אָנגעצונדן. דאָס ליכטיקייט וואָס האָט די שפּיצן פון די בערג באַלויכטן ווען באַר־יויכנע — געלויבט איז ער — האָט נאַרוואָס פאַרטראַכט די וועלט צו באַשאַפן."

„ווי־זשע קומט דאָס ליכטיקייט צו די פינצטערע אָדלערס ?"

„באַר־יויכנע מיט זיין גרויס ראַכמאָנעס האָט דעם בליק די פינצטערע אָדלערס געשענקט, קעדיי די וועלט זאָל זיך פאַר די פינצטערע אָדלערס ניט שרעקן...

אַז די פינצטערע אָדלערס וועלן אָניאָגן און זייערע פליגל, די גרויסע ווי די נאַכט, איבער דער וועלט וועלן זיי פאַרשפּרייטן, און די קוואַלן פון די בלינדע אויגן וועלן זיך עפענען, און טרערן, טייכן טרערן, וועלן די אָדלערס איבער דער וועלט גיסן, ווייל זיי האָבן די רעגע פון גרויסן שאַפן פאַרשלאָפן, וועט פּלוצים פון זייערע אויגן דאָס ליכט פון שאַפונג אַרויסבליצן; אַ סימען, אַז פון דעם פינצטערניש און פון די טרערן וועט שאַפונג און בראָכע קומען, אַ ניי לעבן שפּראָצן..."

„און קוקו האָט מוירע פאַרן בליק!" זאָגט איין פיי געלע אָנווייזנדיק מיטן פליגעלע אָפן כאַוועֹרל.

„קו, קו! קו, קוק! קוק אים אָן! אַ כאָכעם!" זאָגט דער קוקו פאַרשעמט. „לעמיי האָסטו מוירע פאַרן דונער, לעמיי ?"

„איך... איך... איך וועל שוין קיינמאָל ניט מוירע האָבן פאַרן דונער..."

„און איך וועל שוין קיינמאָל ניט מוירע האָבן ניט פאַרן דונער און ניט פאַרן בליק!" פאַרזיכערט דער קוקו.

„מיר אלע! מיר אלע!“ שרייען די פייגעלעך פריילעך, „מיר אלע וועלן ניט מוירע האָבן! זאָל דונערן! זאָל בליצן! זאָל א לעבן קומען! זאָל א ניי לעבן שפּראָצן! צוויק! צוויק! צוויק!“

און זיי קושן, די פייגעלעך, מיט די פּיסקעלעך אין גרינעם „ביכעלע“ און זיי פליעסקען מיט די פליגעלעך און זיי זינגען:

אף, אף, אפן בוים, אף גרינעם,
אף, אף צווייגעלע, אף דינעם,
אף, אף, אפן סאמע שפּיץ
טאנצט א שטערן אף א בליץ...
לאָמיר זינגען: צוויק! צוויק! צוויק!
צוויק! צוויק! צוויק!

און דער ראָב האָט צעלאָזט די פייגעלעך אהיים ביז מאָרגן אינדערפרי.

III.

די קרומע נון

א

די קרומע נון — אוי, איך אמאָל אף איר א הארץ געהאט! איר ווייסט: דורך איר אמאָל מיין גאנץ כאנוקע־געלד פארשפּילט איך. אז גענומען זיך מיין דריידל אף קרומען פיסל פאלן, איז איינמאָל נאָכן אנדערן, איינמאָל נאָכן אנדערן! אף צולעהאכעס! כאָטש צע־רייס זיך!

נו, איך צעבייזער זיך אף איר, אף דער קרומער! פאר פארדראָס דאָס דריידל געכאפּט און אין הרובע אריין! אפן פייער! נא, גיי ברען מיט דיין נון איניינעם!

דאָס דריידל אפן פייער אָפּגעשיקט, איך דער מאמעס פיסבענקעלע גענומען, קעגן מויל פון דער הרובע גע־שטעלט, זיך אוועקגעזעצט און געקוקט, געקוקט...

דאָס דריידעלע אפן פייער שמעלצט זיך, קוילן ציטערן־ציטערן: לעבעדיקע אויגן פינטלען, רעדן אפן ווונק: יאָ, יאָ, מיר ווייסן, מיר ווייסן...

וואָס ווייסן זיי? אז סע טוט מיר עפשער באנג? א ליגן! גאָרניט ווייסן זיי! ס'הייבט מיר אפילע ניט אָן באנג צו טון! א סימען: ווען איך וויל, נעם איך דאָס אייזערנע פייערשטעקעלע און א שלעפּ ארויס! עפשער טאקע עס נעמען?... אָט שטייט עס דאָרט אין ווינקעלע! א הייב זיך אויף, א נעם און א שאר ארויס!

וויל איך ניט! וואָס וועל איך דאָ ארויסשארן? א צע־שמאָלצן שטיקל בליי? איך דארף עס ניט! שוין א שיין מין דריידל! זאָל זיך עס ברענען! איך בין זיך מעכאיע! איך גלעט מיר דאָט הארץ!...

און איך זיץ מיר און קוק דעם פייער גלייך אין די אויגן אריין... איך קוק און זינג מיר צו:

דריידל־קאפּיידל,
דומע דעדיידל,
ערעץ קאניידל,
יוישעוו בעציידל!

איך זינג און דאָס פאָנעם פלאמט...

„ז־ז־ז!" מאכט דאָס דריידעלע אפן פייער; דאכט זיך, עס געזעגנט זיך מיט מיר. „זיי געזונט!" זאָגט עס, „זיי געזונט! איך גיי שוין פון דיר אוועק! אף אייביק גיי איך אוועק!"

און אווארעמקייט, א גוטע אזא, א זיסע, צעגייט זיך מיר איבערן הארץ.

„גיי ניט!" זאָג איך, „גיי ניט אוועק! האָב ראכ־מאָנעס!"

„איך מוז־ז־ז!" זאָגט עס, „איך מוז־ז־ז!"

„אז־ז־ז אז־זוי", זאָג איך, „אז אזוי, גיי איך אויך..."

„אז־ז־זוי? ווילסט גיין מיט מיר?"

„יאָ, מיט דיר, מיט דיר!"

„ז־ז־זייער ש־שיין! ז־ז־זייער ש־שיין! קריך אין הרובע!"

„קריך אין הרובע? וואָס זאָגסטו אף אים? זייער שיין! און אז איך וועל זיך אָפּבריען, דאָס ארט דיך ניט?"

„ז־ז־זיך־ז־זשע ווו מע קען דיך!"

„זיך איך טאקע! דיר אַף צולעהאכעס! זעסטו, ווען איך האָב די סאלאמאנדרע!..."

„ס־ס־סאלאמאנדרע? וואָס איז דאָס אזוינס ס־ס־סאַלאמאנדרע?"

„ווייסט ניט וואָס ס'הייסט סאלאמאנדרע? אז מע הייצט אַן אויוון זיבן טעג און זיבן נעכט דורכאנאנד, קומט ארויס פונעם פייער א קליין כאיעלע. אז דו שמירסט דיך אָן מיט איר בלוט, דעמאָלט קריך אין פייער, האָב קיין מוירע ניט! סע וועט דיר גאָרניט שאדטן!"

„אז־ז־זוי? אז־ז־זוי? סאלאמאנדרע? ס־ס־סא..." סאפּעט דאָס פייערל און פארשווינדט.

און איך זיך און קוק, קוק מיר אלץ אין פייער. וואָס־זשע מיינט איר: באווייזט זיך ניט די סאלאמאנדרע? יאָ, זי איז דאָ! ווי איך בין א ייד! פונעם פייער ארויס... פריער א קליין קעפּעלע פון א ווערוריקל מיט רויטע ווינקעדיקע אייגעלעך... סע ווינקט, סע ווינקט צו מיר, און באלד — דאָס גאנצע ווערוריקל. סע טוט א שפּרונג, עפנט דאָס פּיסקעלע, שטעלט ארויס א רויט פייערדיק צינגעלע, און פונעם צינגעלע סע רינט... וואָס מיינט איר? — בלוט!... הייס, רויט בלוט! סע רינט, רינט, פארגיסט די גאנצע הרובע, די דיל ארום איר, און מיך אויך, מיך אינגאנצן!

„איצט", זאָגט די סאלאמאנדרע, „ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן! קריך אין הרובע!"

„איך וויים, איך ווייס!" זאָג איך, און מיט איין שפּרונג בין איך שוין אין הרובע.

טוט מיך דער רויך א נעם ארום, סע פארדרייט זיך מיר דער קאָפּ, פונקען פליען, סע שווינדלט אין די אויגן,

און א ווינט מיך א כאַפּ, א הייב אינדערלופטן און א טראָג ארויס דורכן קוימען.

פלי איך, פלי איך, פלי, פלי, פלי, ווייט־ווייט... לאָזט מיך דער ווינט אראָפּ ערגעץ אף א פעלד.

איז דאָס פעלד באדעקט מיט רויטע ליכטיקע בלו־מען. גיי איך, גיי איך איבערן רויטן בלומענפעלד...

איך גיי און גיי איינער אליין, אף א רויטן פעלד גיי איך. ס'איז ביינאכט. שטערנדלעך אין הימל ברענען, ווינקען, ווי פייערדיקע קוילן ווינקען זיי. א הייך שלאָגט. שרייט א שטערנדל: „מיר איז הייס! איך ווער פאר־ברענט!" און מיטאמאָל זיך א לאָז אראָפּ צו דרערד און אוועק אין א טאנץ... קוק איך זיך צו. ערשט — ניט קיין שטערנדל, גאָר א דריידל; א ליכטיק דריידל טאנצט און קומט צו מיר... צו מיר...

און וואָס נענטער סע קומט, אלץ גרעסער ווערט עס. און אז סע קומט שוין גאָר נאָענט, איז דאָס ווי די לע־וואָנע גרויס! און דאָ א קער איבער זיך און אפן פּיסעלע, אפן פייערדיקן פּיסעלע בלייבט עס שטיין. זעט עס אויס ווי א קליין גילדן שטיבעלע מיט פיר ליכטיקע פענצטער־לעך; אין יעדן ווענטעלע א פענצטערל.

און דאָס שטיבעלע, אף א גילדן הינטערפּיסעלע סע שטייט.

עפנט זיך א פענצטערל, פליט ארויס א מיידעלע, גרויס ווי א טויב, שיין ווי א באסמאלקעלע, שיינט ווי א ליאלקעלע.

און אָנגעטון דאָס מיידעלע אין א שווארץ־סאמעטן העמדעלע, א גלאטס, און נאָר ביי דער זוים ארום און ארום א גילדענער בליק.

אונ דאָס העמדעלע איבער די פינגערלעך פונ די פיס פאלט עס, אינגאנצן זיי פארדעקט עס.

אונ פונ אונטער די אָרעמס צוויי בליצן ציען זיך, ווארפן זיך, שלענגלען זיך. אונ מיט די בליצן ווי מיט פליגל פליט עס.

פליט עס צו צו מיר, שמייכלט אונ זאָגט:

„גוט וואָס געטראָפן דיך! דערקענסט מיך ניט? איך בינ קרומע נונ. שרעק זיך ניט! מיינסט איך אף דיר

ברויגעס? כאָלילע! פארוואָס? ווייל דו מיך אפן פייער געוואָרפן? אָוואו! וואָס גייט עס מיך אָן!"

און זי טענצלט זיך און דריידלט זיך און זינגט:

וואַרפסטו מיך אין וואסער,
גיי איך ניט פארלוירן,
וואַרפסט מיך אפן פייער —
ווער איך ניי געבוירן.

„אזוי?" זאָג איך, „אזא בעריע ביסטו? פארוואָס־זשע?..."

„פארוואָס־זשע איך דיר אין שאָדן געפאלן, ווילסטו פרעגן?"

„יאָ, נו? דורך דיר מיין גאנץ כאנוקעגעלד קאפוט! דאָס ווייסטו צי ניין?"

„דאָס ווייס איך!" טוט זי א זאָג און א פאָך מיט די בליצעלעך אז די אויגן מיר שיר ניט ארויסגענומען, „דאָס ווייס איך, אָבער וואָס איך ווייס, ווייסטו ניט."

„וואָס ווייסטו?"

„א מייסעלע."

„א מייסעלע? דערצייל!"

„זעץ־זשע זיך, זיי מויכל, אנידער דאָ מיט מיר!"

זעץ איך זיך אף דרערד אנידער און די קרומע נון קעגן מיר.

ב

זאָגט די קרומע נון:

נאָווענאָד בין איך געווען,
א נעסיע ווייט געמאכט,
ניסים איז מיט מיר געשען,
נו, דערצייל איך היינט ביינאכט.

אמאָל — אמאָל ווען גלאָז געווען קרישטאָל און אייזן שטאָל — ניט קיין כאָף און ניט קיין פּיי, קיין קרום פּלייצעלע ניט געהאט. אלע כאָפן, אלע פּייען ווי די ווירעלעך. און קיין צאדיקל איינגעהויקערט ניט געגאנגען. צאדיקלעך ווי גרינע ביימעלעך, יונגע, פרישע, גלייכע! און נונען ניט געהאט קיין קרומע פיסעלעך — נונען ווי די שפּיסעלעך! און ווו א מעם — צוויי הערנערלעך אפן קעפּעלע, ווי א צאפּיקל! א מעמעלע אָן הערנערלעך ניט מע האָט געזען, ניט ס'איז געווען.

מאכט זיך אמאָל, הייבט זיך אויף דאָס גוטע, פרומע צאדיקל און זאָגט: „אָ, איר צווייאונצוואנציק אויסיעס! ציכטיקע, ליכטיקע! קאָשערע צורעלעך! וואָס טוט איר זיצן אויסגעזעצט אין שורעלעך? אין פּאָסעק שטייט: ,צו דער מערישקע, דו פוילער, גיי און קוק זיך צו צו איר מיט קאָפּ!' וויל איך וויסן, ווער מיט מיר און צו דער מערישקע?"

„איך!"

„און איך!"

„און איך אויך!"

פון אלע זייטן קוילעס זיך געהערט.

אָבער אז געקומען צו עפּעס, טאַקע צום גיין, איז ווער מיטן צאדיקל זיך אוועקגעלאָזט? נאָר די גרויסע, בראווע אויסיעס: די שלאנקע כאָפן, די געשטרעקטע פּייען, די לאנגע נונען און די גלייכע צאדיקלעך.

און די מעמעלעך מיט זיי. „מיר האָבן הערנערלעך", זיי געזאָגט, „וואָס־זשע די מוירע? אז גאזלאָנים אונדז באגעגענען, מיר מיט די הערנערלעך: דוך־בוך: און א סאָף!"

נאָר די בראַווע אויסיעס, אויך זיי ניט אַלע געגאַנ־געז. א טייל נאָך ביי דער טיר זיך מעיאשעוו געווען: „וואָס עפּעס מיר צו די מערישקעס? א גאַנצע וועלט צו אונדז קומט זיך לערנען, פאַרוואָס־זשע ניט די מעריש־קעס אויך צו אונדז?"

אַנדערע אפן וועג זיך באַרעכנט: „נאָכוואָס און וווהין דאָס שלעפּן זיך? צו די מערישקעס? און עפּשער שוין קיין מערישקעלעך גאָר אף דער וועלט ניטאָ? אַמאָל איז געווען און היינט ניטאָ!"

און שטילערהייט און איינציקווייז זיך אָפּגערוקט און צוריק אַהיים.

און גאָר ווייניק מיטן צאַדיקל געבליבן, אים אף זיינע וועגן־שטעגן נאָכגעגאַנגען.

ג

ניט אַזוי טוט זיך ווי סע רעדט זיך.
געגאַנגען און געגאַנגען
מיט טרערן, מיט געזאַנגען,
און שטורעמווינטן ברומען —
געגאַנגען און געקומען.

געקומען צו די מערישקעלעך אין א גוטער שאָ: פּונקט ווען סע בליען די פערישקעלעך. א סימכע, א געדולע! די געסט מיט גרויס קאָוועד נעמט מען אויף. עסן־טרינקען פון אַלעם בעסטן: סודעלעך מאַכט מען, וויין אין בלומענבעכערלעך שטעלט מען, די געסט, די גע־הויבענע טוירע זאָגן: כאָכמע פון די היילקע ספאָרים אַרויס. א טאָג און צוויי. און אפן דריטן טאָג די מעריש־קעלעך א זאָג: „אַרבעטן! צו דער אַרבעט, ברידערלעך!

אזוי ביי אונדז איינגעפירט. ווער סע ארבעט ניט, דער עסט ניט!"

ארבעטן איז ארבעטן. אז מע הייסט, העלפט ניט. שטעלן זיך די כאָפּן און די פּייען פּאר מאסע־טרעגער־לעך, די נונען פאר בריוטרעגערלעך, און די צאדיקלעך, גאָטסלויבערלעך, פאר קלויבערלעך; די קערנדלעך וואָס די מערישקעלעך אף ווינטער זאמלען, די צאדיקלעך זיי איבערקלויבן: די פעטע באזונדער, די מאָגערע באזונדער און די קאליע און פארפוילטע אוועקוואַרפן.

און די מעמעלעך — וועכטערלעך.

ביינאכט, אז גאזלאָנים, כאָלילע־וועכאס, אף די מערישקעלעך אָנפאלן, זאָלן די מעמעלעך מיט די הער־נערלעך שטויסן, אף א קאָל „מע־מע־מע" שרייען און די געסט, די ניטגערופענע, פארטרייבן.

און צו דער ארבעט זיך יעדער א נעם.

זענען די צאדיקלעך געזעסן און געקליבן, איינגעהוי־קערט, געזעסן, געקליבן און געקליבן — הויקערלעך

געבליבן: די מאסע־טרעגערלעך אף די פלייצעלעך מאסע, געצויגן — זיך אין דרייען איינגעבויגן. און די בריוו־טרעגערלעך געלאָפן, געלאָפן, בריוועלעך צעטראָגן — די פיסעלעך זיך אויסגעקרומט, צעשלאָגן.

אזוי אלע געטריי די ארבעט געטון. אלע, נאָר ניט די מעמעלעך.

די מערישקעלעך פארלאָזט זיך אף זיי. געגלייבט זיי, און די מעמעלעך — א גאנצן טאָג אף דער פריי צווישן בלימעלעך ארומגעטאנצט, מיט צוויטשערלעך און זומערפייגעלעך געשטיפט, און ביינאכט געשלאָפן.

אזוי לאנג, אזוי ברייט ביז אן אומגליק געשען.

ד

ס'איז סאָף שניטצייט געווען. א ווינטער, שמועסט מען, וועט א בייזער זיין, א הארבסט, א פריצייטיקער, א פרילינג, א שפעטער. מוז מען מיט דער ארבעט זיך צואיילן, איידער די קאלטע רעגנס קומען; מע דארף באצייטנס אלדינגס באזאָרגן און צוגרייטן וואָס מער.

די מערישקעלעך — פון פארטאָג ביז אין דער זינ־קענדיקער נאכט אריין געארבעט, איבער די קויכעסלעך געהאָרעוועט. אהיימגעקומען פארמאטערטע, קוים לעבע־דיקע, ווי די הארוגים אנידערגעפאלן און זיי שלאָפן.

און די מעמעלעך אויכעט א גאנצן טאָג ניט גערוט א רעגע, און נאָר געהוליעט און געוויוועט. א לידעלע האָבן זיי אויסגעטראכט, א פריילעכס אזא:

בין איך מיר א מעמעלע,
טאנץ איך ווי א לעמעלע,
לעבעדיק און פריילעך,
ערשטער איך ביים מיילעך,

און בײ מוישע שויכעט,
און אין מיזרעך אויכעט.
נאָר אין הימל, ביטער —
דאָרט בין איך דער דריטער!

און געלאכט, און געזונגען, און געטאנצט, און אזוי ביז זונזעצן.

און אז די זון זיך געזעצט — די מעמעלעך פאר די נעסטעלעך זיך אויסגעזעצט, שא, רויק, שטיל: װעכטערלעך, זײ היטן!

נאָר װיבאלד די מערישקעלעך פון דער ארבעט געקומען און אָקאָרשט װאָס אײנגעשלאָפן, שוין די װעכטערלעך פון פריש־געשניטן גראָז װײכע געלעגערלעך זיך געמאכט; מיט געלע קאָלדרעלעך, אראָפּגעפאלענע בלעטעלעך, זיך אײנגעדעקט און — א גוטע נאכט!

די מערישקעלעך דעם ערשטן דרימל נאָך ניט געכאפּט, און כאַיאָלעס הײשעריקלעך האָט עס אָנגעטראָגן, גאָט װײסט פונװאַנען.

ס'ערשטע, פארשטײט זיך, צו די פארשלאָפענע װעכטערלעך זײ גענומען זיך: די מײלעכלעך מיט דינע פע־

דעמלעך פארנייט, זיי זאָלן ניט שרייען; די הערנערלעך זיי מיט הייזעריק־זעגעלעך אָפּגעזעגט, זיי זאָלן ניט שטויסן; דערנאָך די גאזלאָנים די מערישקעלעך באפאלן: א טייל אויסגעהארגעט, א טייל אין געפּענקעניש געפּירט, דאָס גאנצע האָב־און־גוטס אוועקגערויבט. און די אוי־סיעס קוים לעבעדיקע אנטלאָפן און — אהיים.

זענען זיי אהיימגעקומען — די צאדיקלעך איינגע־הויקערט, די כאָפּעלעך און די פייען איינגעבויגן, די נונעלעך קרום און די מעמעלעך מיט פארשלאָסענע מיי־לעכלעך און אָפּגעהאקטע הערנערלעך.

האָבן זיך מיט זיי די קרויווים זייערע, יענע וואָס אינדערהיים געבליבן, געשעמט, ניט געוואָלט מיט די אָרעמע קאַליקעס איינעם גיין.

האָבן זיך די פארשעמטע אויסיעס געקלאָגט. פאר וועמען? פארן גאָט פון די אויסיעס: פאר טינט־און־פעדער.

האָט טינט־און־פעדער געפּאסקעט: „מיינע אָרעמע, פארשעמטע קינדערלעך, אויוונאָן און צווישן אלע כאָ־שעווע אויסיעס זאָלן זיי זיצן! די שטאָלצע כאָפּן, די הויכע פייען, די שלעכטע צאדיקלעך און די לאנגע נו־נען, ווייל מיט זייערע אָרעמע, פארהאָרעוועטע קרויווים זיי געשעמט זיך — צום סאָף, ביים עק זאָלן זיי שטיין! און די שלאָסע־מעמעלעך מיט זיי."

„פארוואָס?"

„א מיצווע! ניט געזאָלט שלאָפן, ווען אף דער וואך דארף מען שטיין!"

און אף די שלעכטע צאדיקלעך א באזונדערע שטראָף: „צאדיקלעך — און מיט אָרעמע קרויווים זיי

שעמען זיך גאָר?! ארויס זאָלן זיי פון די ראָצעמאָרענע זשופּעצעס און אריין אין פוּיערישן פעלץ!"

זענען זיי פאַרבליבן, די שלעכטע צאַדיקלעך, אין פ ע ל ץ.

פון דעמאָלט אָן אַז מע וויל זאָגן אַ שלעכטער צאַדיק, זאָגט מען: אַ צאַדיק אין פעלץ.

„און איך", פּירט אויס די קרומע נון, „איך, אַ קרומע: פון דעמאָלט אָן, ניט פאַר דיר געזאָגט, מיין גאַנג קיין גאַנג ניט — אַ שלימאַזלדיקער: איך גיי אפן גראָז, פאַל אפן גלאָז, צעקלאַפּ זיך די נאָז."

„אָט פאַרוואָס", זאָג איך, „דו מיר אין שאָדן געפאַלן!... און איך אַף דיר בייז געווען! דיר שלעכטס געטון!... זיי מיר מויכל!..."

„און טו איך אַ קוק", רעדט ווייטער די נון, „אַף מיינע אויסגעקרומטע פיסעלעך, אַף די איינגעהויקערטע צאַדיקלעך, די צונויפגעקנוידערטע פייעלעך, וואָס די קעפּעלעך ווי קראַנקע פייגעלעך אונטער די פליגעלעך פאַרוואַרפן זיי, טוט מיך ביים האַרץ אַ נעם, אַ קלעם. קומען באַלד די גוטע גימל, די האַרציקע היי, און די שיינע, שטילע שין און זיי טרייסטן מיך."

די שיינע, שטילע שין שושקעט שטיל און זאָגט: „שטאַרק זיך, נונעלע, שטאַרק זיך!" די האַרציקע היי רעדט האַרציק־ווייך: „האָף, נונעלע, האָף!" און די גוטע גימל גלעט און רעדט: „גאָט וועט העלפן! גאָט וועט העלפן!"

און בין איך אַלץ טרויעריק, טוען זיי מיך אַ נעם און טאַנצן מיט מיר אַ ריידל־דריידל. כאַפּט זיך אויף די פיי און פליעסקעט, און דאָס כאָפּעלע כליפּעט פאַר פרייד, און דאָס צאַדיקל נעמט דאָס קליינע צימבעלע

וואָס סע טראָגט עס אפּן פלייצעלע טאָמיד, און סע צימבלט און סע זינגט:

נון, גימל,
היי, שין —
אין א דריידל
הער און הין.

שין, היי
גימל, נון —
שיינט דער שטערן
ווי די זון.

היי, שין,
נון, גימל —
פליט א שטערן
פונעם הימל.

נון, גימל,
שין, היי —
קושט דער שטערן
מיך און זיי.

זעצ'מיר אפּן שטערנדל זיך אויף
וויל'מיר פליען, פליען —
איז דאָס מייסעלעביים סאָף.

כויקערל־הויקערל

א

א מאָל געווען א כויקערל־הויקערל: א מענטשעלע אזא א קליינס, מיט א שפּיצעכיק בערדעלע און מיט א הויקערל אויף א שפּיצעכיקס. און געווען איז כויקערל־הויקערל א צאדיקל —

א צאדיקל בען צאדיקל
אין ראָצעמאָרע ספּאָדיקל,
אין שיכעלעך פון סאמעט;
זיין זיידע א מעלאמעד,
זיין טאטע ראָש־יעשיווע
מיטן נאָמען רעב אקיווע.

און א טעווע כויקערל־הויקערל געהאט: שטענדיק נאָר פארטראכט אומגעגאנגען, און רייד אזעלכע פאר־שטעלטע גערעדט, און שיילעס אזוינע מאָדנע געפרעגט.

און וועמען געפרעגט? וועמען איר ווילט.

צעבילט זיך א הונט, פרעגט אים כויקערל־הויקערל: „קיילעוו, קיילעוו, וואָס בילסטו? וואָס האווקעסטו? דו קיין אוולעס קענסטו ניט ליידן? קיין גענייווּעס ניט דער־לאָזן? איך פארשטיי ניט: אליין א קיילעוו־שעבעקלאָווים און אף יענעם בילסטו?"

פֿאָרט פֿארביי א וואָגן מיט פֿיר סקריפּענדיקע רעדער;
זיי קרעכצן, זיי יעכצן די רעדער: „זעט, זעט א רעציכע...
א מענטש געבוקטן פֿערדעלעך אזוינע שוואכע, אָרעמע,
אין א וואָגן, אזא שווערן איינגעשפּאנט — און טרייבט!
און שמייסט! אוי־אוי, א גאָטס ראכמאָנעס, צאר־באַל־כיי!
צאר!...“

פֿרעגט כויקערל־הויקערל: „רעדעלעך, רעדעלעך,
זאָגט, איך בעט אייך, ווען מע שמירט אייך, קרעכצט איר
אויכעט גאָטס ראכמאָנעס... צאר?... שרייט איר אויך
געוואלד אין אלע גאסן? צי איר נעמט און מאכט א
שווייג?“

און הייבט ער צו דער זון דער ליכטיקער די ליכטיק־
שווארצע אויגן אויף, פֿרעגט ער: „זון, זון, ביסטו יאָ שוין
גוט אזוי און וויל, און שיינסטו גלייך פֿאר אלעמען —
פֿארוואָס־זשע די לייוונט מאכסטו ווייס און דעם ציגיינער
שוואַרץ?“

און די געבדזעלעך די קלאָרע, ווייסע, אין די רויטע
שיך־און־זעקעלעך, פֿרעגט ער: „געבדזעלעך, געבדזעלעך,
שיין אזוי — איר קוקט קיין גוישן און כאפּט בייגל פֿון
די קוישן?“

און וועמען פֿרעגט ער ניט? די שטילע וואסערלעך,
וואָס גראָבן טיף; די ציגן וואָס זיי פֿרייען זיך, ווען מע
שערט די שעפּסן; די קראָפּעווע וואָס וואקסט אָן רעגן —
יעדן האָט ער וואָס צו פֿרעגן.

איינמאָל כויקערל־הויקערל אין טאטנס שטוב, ביים
טאטנס טיש זיצט ער, און איז זייער פֿארטראכט. אף איין
האנט דער קאָפּ אָנגעשפּארט, מיט דער אנדערער דאָס

בערדעלע ציפּט ער. גייט צו אים דער טאַטע צו, די האַנט די ווייכע אויף זיין אַקסעלע לייגט ער און ער טוט א פרעג:

„מיין זון, וואָס טראַכטסטו?"

„וואָס איך טראַכט?" זאָגט כויקערל־הויקערל, „איך טראַכט: ווען אַלע האַלצהעקער אין העקער, אַלע העק אין האַק, אַלע ביימער אין בוים, אַלע טייכן אין טייך, און דער איינער גרויסער העקער אַ הייב די איינע גרויסע האַק, אַ באַך דעם גרויסן בוים און כליופּ אין גרויסן טייך — וואָס וואָלט דעמאָלט געווען?"

שמייכלט רעב אַקיווע ראָש־יעשיווע: „אַ שיילע אַביסל", זאָגט ער, „דער האַלצהעקער וואָלט מיסטאָם זיך רעכט באַשפּריצט."

„נו, און די פיש", פרעגט כויקערל־הויקערל, „די פיש וואָלטן ניט דערשראָקן זיך און אַלץ, ווי טאָמיד, איינס דאָס אַנדערע געשלונגען לעבעדיקערהייט?"

גלעט רעב אקיווע ראָש־יעשיווע מיט דער ווייסער האנט זיין ווייסע באָרד און זאָגט:

„וואָס טויג דיר דאָס טראַכטן וואָס דו טראַכטסט און דאָס פרעגן וואָס דו פרעגסט? אָט, פאָלג בעסער מיך: נעם מיין שטעקן פון פּימסנהאָלץ און גיי וווהין איך וועל דיך שיקן!"

טוט כויקערל־הויקערל דעם טאטנס שטעקן א נעם, די טיר א עפן און דעם רעכטן פוס אף דער שוועל א שטעל: „הינייני", זאָגט ער, „איך בין אָנגעגרייט!"

„גיי", זאָגט רעב אקיווע ראָש־יעשיווע, „און מאָפּסים זאָלסטו מיט מיין שטעקן טון! אז דריי וועסטו אויפטון, דער פערטער אליין קומען: דיין הויקערל — קיין סימען פון אים ניט בלייבן. נו, גיי־זשע!"

„וווהין?"



„א פּאָך מיטן שטעקן!"

טוט כויקערל־הויקערל מיטן שטעקן א פּאָך, פליט א בליץ פונעם שטעקן ארויס; לויפט דער בליץ פאָרויס און כויקערל־הויקערל נאָך.

דער בליץ, די נאכט די שווארצע שניידט
און ווינקט און רופט און ציט;

אָט איז ער נאָענט, אָט איז ער ווייט —
און פליט און פליט און פליט.

און כויקערל־הויקערל נאָך. אין דער נאכט אין דער זינקענדיקער לויפט, לויפט א מענטשעלע, איינס, א קליינס; א הויקערל טראָגט זיך, נאָך א בליץ סע יאָגט זיך.

פארדרייט דער בליץ און פלעכט
א שלייפל אין א שלייפל —
אָט איבער בארג און טאָל
גאָר קייקלט זיך א רייפל!

און כויקערל־הויקערל נאָך און נאָך. בארגארויף, בארגאראָפּ; וואלדאייַן, וואלדאויס; איבער דערפּעלעך פארשלאָפענע, איבער שטעטעלעך פארטייעטע. אין קיין פענצטער קלאפט ער ניט, אָטעם כאפט ער ניט — ביז די הענער אף טאָג זיך ניט צעקרייט.

אף טאָג די הענער זיך צעקרייט, דער בליץ א שפּריץ — א לעש זיך אויס. און כויקערל־הויקערל פאר א שטעטעלע ער שטייט: א שטעטעלע מיט קליינע ווייסע שטיבעלעך, מיט רויטע דעכעלעך. און אלע שטיבעלעך אף הינערישע פיסעלעך. אף הינערישע פיסעלעך די ווייסע שטיבעלעך מיט די רויטע דעכעלעך, ווי גרויסע ווייסע קאָפּהענער מיט גרויסע רויטע קאמען זעען זיי פונווייטנס אויס.

דאכטן דאכט זיך, ניט די הענער פון דיביידעמער, נאָר טאקע די שטיבעלעך אליין קרייען: „קו קו רי קו!“ און פאר דער שטאָט א בערגעלע; אונטערן בערגעלע א קערניצע, אפן בערגעלע א שטיבעלע, פארן שטיבעלע א אינדיק. ער שטייט, דער אינדיק, און ער טראכט.

זאָגט כויקערל־הויקערל צום אינדיק: „אינדיק, אינ־דיק, וואָס טראכסטו?“

ענפערט דער אינדיק: „איך טראכט און טראכט און וועל ערשט טראכטן.“

„וואָס ?“

„דאָס.“

„אינדיק, גיב לאָשן! וואָס דאָס ?“

„דאָס, וואָס דער באלעבאָס...“

„נו ?“

„...אָקאָרשט וואָס געגאנגען מיטן קאָראָמיסל אפן אקסל און מיט די צוויי קענדעלעך.“

„נו ?“

„געגאנגען בארגארויף, בארגאראָפּ; אראָפּ מיט ליידיקע, ארויף מיט פולע...“

„נו ?“

„נו־נו!“ בייזערט זיך דער אינדיק, „וואָס נו? איך פרעג דיך, גלייך אזוי: בארגאראָפּ, וואָס גרינג צו גיין — מיט ליידיקע קענדעלעך, בארגארויף, וואָס שווער — מיט פולע! פארוואָס ניט פארקערט: אראָפּ מיט פולע, ארויף מיט ליידיקע? אסאך גרינגער, ניט אזוי? זאָג שוין דו, וואָס האָסט שוין, דאכט זיך, גאָר קיין סייכל ניט“.

„קלוג!...“ זאָגט כויקערל־הויקערל, „די גאנצע שטאָט אזוי קלוג ווי דו ?“

בלאָזט זיך דער אינדיק און ער זאָגט:

„דאָ איז כעלעם־מעדרעש־נעלעם, די קלוגסטע שטאָט אױף דער גאָרער װעלט: מײַן באַלעבאָס, דער קלוגסטער אין שטאָט — ער איז שטאָטכאַזן; דעם כאַזנס קינדערלעך קלוגער נאָך פֿונעם כאַזן אַלײן — און די קינדערלעך צו מיר קומען זײ אָן. װילן זײ װיסן, װען געפֿאַלט פּורים, װעמען פֿרעגן זײ? מיך. אַז די קינדערלעך שרײַען: ‚אינדיק, אינ־דיק, װען איז פּורים?‘ ענפֿער איך: „אָלדיר־אָלדיר."

„איצטער װײס איך שױן", זאָגט כױקערל־הױקערל, און גײט זיך װײַטער.

גײט ער, גײט ער, זעט ער: אַ גאַנצער באַרג לאָדן. איבער די לאָדן אַן אַלטיטשקער און ער קלאַפּט, דער אַלטער, מיט אַ װאַלגערהעלצל אין די לאָדן.

ער קלאַפּט און זינגט זיך צו:



פּאָפּעלע־פּױ!
פּאָפּעלע־פּױ!

האק אין לאָדן,
מאַך קיין שאָדן —
אַט אזוי, אַט אזוי!

פרעגט כויקערל־הויקערל: „וואָס איז דאָס?" זאָגט דער אלטיטשקער: „איך בין שטאָטשאמעס. אלע פרייטיק פארטאָג אין די לאָדן קלאַפּ איך — די ווייבער צו כאלע־באקן וועק איך. אף דער עלטער מיד געוואָרן. די שטאָט איז גרויס, די קויכעסלעך קליין, די פיסעלעך שוואך. האָט דער ראָוו, זאָל געזונט זיין, אן אייצע געגעבן: אלע לאָדן פון אלע פענצטער אראָפּנעמען, אף איין אָרט צונויפברענגען — זאָל איך מיט איינמאָל אין אלע לאָדן קלאפּן."

„ווו טוירע, דאָרט איז כאָכמע", זאָגט כויקערל־הויקערל, „א ראָוו א כאָכעם. קעדיי מיט אים זיך צו באַקענען. ווו ווינט ער ערגעץ?"

„דאָרט און דאָרט."

„וואָס הייסט דאָרט און דאָרט?"

„אז דו ווייסט ניט, איז דאָס בעסטע, זיי זיך מאַטריעך, גיי צום ראָוו אהיים און פרעג אים אליין, וועט ער דיר זאָגן."

טוט כויקערל־הויקערל מיטן שטעקן א פּאָך, פליט ווידעראמאָל א בליץ ארויס, פירט אים אָפּ דער בליץ גלייך צום ראָוו אין שטוב אריין.

קומט כויקערל־הויקערל צום ראָוו אין שטוב. דרייט זיך דער ראָוו איבער דער שטוב ארום, דאָס שטריימעלע פאררוקט, דאָס בערדעלע אין דער האנט און ער רעדט צו זיך אליין.

„גוט מאָרגן, ראָוו!"

„גוט מאָרגן, גוט יאָר! זיצט, זייט מויכל! א הארבע שיילע האָב איך אָקאָרשט: ווען איך די שיילע פארענ־פערן, וועלן מיר שמועסן".

„וואָס פאר א שיילע?"

„א וויינשענקער געפרעגט: געקויפט א פעסעלע וויין, א קאָשער פעסעלע, קאָשערער וויין, געמאכט דאָס צעפּעלע אונטן, גענומען צאַפּן, ערשט — וואָס מער ער צאַפּט אונטן, אלץ ווייניקער אויוון..."

„גאנץ פּאָשעט", זאָגט כויקערל־הויקערל, „מיסטאם דער וויינשענקער געשטעלט דאָס פעסעלע קאפויר: דעם אונטן ארויף, דעם אויוון אראָפּ."

„אהא!" שרייט אויס דער ראָוו און דעם טייטלפינגער לייגט ער צום שטערן צו, „דאכט זיך טאקע גערעכט... יאָ, גערעכט! נו". זאָגט ער, „אז איר זענט יאָ אזא כאָכעם, נאט־זשע אייך שאָלעם־אלייכעם! און וויסן זאָלט איר, איך לאָז אייך ניט אָפּ — מיין אוירעך אף שאבעס."

בלייבט שוין כויקערל־הויקערל ביים ראָוו.

ב

אזוי געזאָגט דער אלטער באָרעך:
דערציילסטו א געשיכטע,
דאָס שיטערע לאָז דורך,
גיב איבער דאָס געדיכטע.
א האלבער טאָג אוועק מיט וואָס ער איז אוועק —

קומט צוגיין דער שאמעס, פארבינדט דעם ראָוו די אויגן, נעמט אים ביי דער נאָז און פירט.

„וווהין?" פרעגט כויקערל־הויקערל.

„אין באָד אריין", זאָגט דער שאמעס.

„כידעשט זיך כויקערל־הויקערל: „סטייטש, ראָוו?..."

„וואָס כידעשסטו זיך", זאָגט דער ראָוו, „וואָס ער פירט מיך? אז די אויגן האָט ער מיר פארבונדן, זע איך דאָך ניט ווו צו גיין."

„און פארוואָס די אויגן אייך פארבונדן?"

„אז ער פירט מיך, וואָס־זשע דארף איך זעען נאָך ווו צו גיין?"

„נו, רעכט. אָבער אַז דער שאַמעס פירט דעם ראָוו אין באָד אַריין, פאַרוואָס־זשע נאָך ביי דער נאָז?"

„נענטער צו די אויגן. זאָל איך זעען כאָטש, אַז ער פירט מיך. אַזאַ טעמנעקייט, אַוואַ! שטעקט איין, זייט מויכל, דעם גראָבן פינגער אין מיין גאַרטל, האַלט זיך אָן אין מיר, איר קענט, כאָלילע פאַלן אין דער פינצטער."

און כויקערל־הויקערל אַ ליבער אוירעך איז ער, רעדט ניט אַקעגן, דעם באַלעבאָס טוט ער צוליב, שטעקט דעם גראָבן פינגער אין ראָווס גאַרטל איין און גייט מיט אים אין באָד אַריין.

געגאַנגען, געקומען. דרייט זיך צווישן אוילעם דאָרט אַ קלעצל־וואַרגעלעצל.

ווער איז דאָס?

א באָכערל א פעסעלע,
דאָס קעפּעלע א קעסעלע,
צוויי פיסעלעך צוויי קענדעלעך,
אויף ביידע — רויטע בענדעלעך.

און אַלעמאָל דאָס באָכערל אויף די פיסעלעך אַ קוק און אַ טאַנץ אונטער.

פרעגט אים כויקערל־הויקערל: „וואָס די רויטע בענדעלעך אַדי־אָ?"

„א סימען", זאָגט דאָס באָכערל, „א סימען, אַז איך בין כויזעקל דער מאַמעס. אין באָד אַלע נאַקעט, אַלע גלייך, קאָן איך דאָך, כאָלילע, זיך פאַרבייטן; האָט די מאַמע אויף די פיסעלעך רויטע בענדעלעך אַרומגעבונדן מיר. טו איך אויף די בענדעלעך אַ קוק, ווייס איך, איך בין כויזעקל — פריי איך זיך".

באַלד כויקערל־הויקערל דעם פּימסנשטעקן נעמט ער, דריי מאָל אין דרערד קלאַפּט ער אָן און זאָגט שטילערהייט:

„שטעקן־שטעקל, שטעקן־שטאָק,
העכער אויפֿעס
פּליט א מויפעס
פון מיין טאטנס שוך־און־זאָק!“

דרייען זיך די בענדעלעך די רויטע, דרייען זיך פון די פיס פון כויזעקלס אראָפּ און ארום זיין כאוועדס פיס, כושעמלס פיס, וויקלען זיי זיך, וויקלען זיך ארום.

טוט א קוק כויזעקל, ניטאָ דער סימען — גאָר אף כושעמלס פיס: גייט ער צו צו כושעמלען און זאָגט: „זע נאָר, מיין סימען אף דיינע פיס! אויב אזוי, ביסטו דאָך כויזעקל. ווער־זשע בין איך?“

„איך ווייס?“ זאָגט כושעמל, „איך ווייס ניט. ווילסט לאָמירביידע צום שטאָטכאָכעם גיין, וועלן מיר פרעגן.“

ווער איז שטאָטכאָכעם? דער כאזן. גייט מען צום כאזן. און כויקערל-הויקערל נאָך; א באלן צו הערן וואָס וועט כעלעמער שטאָטכאָכעם זאָגן.

קומט מעז צום כאזן, האָט ער א בראָדעווקע אף דער סאמע שפּיץ נאָז, א ציגנבערדעלע, פּינטלט מיט די אויגן און רעדט טשיפּעליאווע. און זיצן זיצט ער אף דרערד און שטויסט אין א שטייסל צימרינג אף שאבעס. דער כאזן אין שטייסעלע צימרינג שטויסט און זיין טעכ־טערל טאנצט, ווארפט מיט די הענטעלעך און טופּעט מיטן באָרוועספּיסל אין דער ערד. דאָס מיידעלע טופּעט, דאָס כאזענדל קלינגט מיטן שטייסעלע צו און זינגט אף א ציגנקעלעכל:



לעכו־לעכו
לעכו נעראנענו *
כ'האָב א מיידעלע
הייסט זי כאנעניו!

כאנעניו, כאנעניו,
טאנץ אביסל,

* לכו נרננו

מיטן פּיסעלע
קנאַק אַ ניסל!

אַרײַנגעקומען די געסט, בעט דער כאַזן זיצן, פרעגט: „וואָס עפּעס נײַעס?" דערצײלט מען; טוט זיך דער כאַזן אַ כאַפּ אויף: „הערט, איך בעט אײַך, הערט אַ מײַסע־נוירע! פּונקט ווי מיט מיר! איר הערט: וואָס מיט אײַך פאַרלאָפן, מיך געטראָפן. אַמאָל ווען איך נאָך אין די וויקעלעך געווען, אַ פּיצעלע, איך קײן ציגנבערדעלע ניט געהאַט, און קײן בראָדעווקע אף דער נאָז אויך ניט, און טשיפּעליאָווע ניט געערעדט. איר זעט אַדאָס — מײַן טעכטערל! אין מיר געראָטן! דער טאַטע אויסן אויג! פרעגט מײַן באָבע קרײַנדעלע — זי לעבט, זי געדענקט, זי וועט אײַך זאָגן — דאָס שענסטע קינדעלע אין שטאָט געווען איך. טרעפט זיך אַן אומגליק: די מאַמע קראַנק געוואָרן, מיך צו אַן אַם אָוועקגעגעבן. גענומען מײַן אַם, ווײ־ווײ, מיך אונטערגעביטן. פון דעמאָלט אָן ווײס איך ניט ווער איך בין."

„וואָס־זשע טוט מען?"

„דאָ אַן אײַצע. שאַבעסצונאַכטס בײַם שטאָטגעוויר אַ כאַסענע, די מעזינקע גיט ער אויס; וועט דאָך זײַן מיסטאַם די גאַנצע שטאָט, קינד־און־קײט: גײען מיר אַהין, וועל'מיר דאָרטן זוכן — צווישן אַזאַ אוילעם עפּשער מיר זיך אַלײן אויסזוכן."

בלײַבט עס אַזוי.

ג

שאַבעסצונאַכטס גײט כויקערל־הויקערל, וווהין? — צום שטאָטגעוויר אף דער גרויסער סימכע מיסטאַם. טרעפט ער ניט קײן סימכע, ניט קײן געסט; קלעזמער שפּילן פאַר

די װענט און די װענט אזוי אומעטיק, כאָטש נעם און װאַרף זײ אײַן; די קאַלע אין שלײַער זיצט און האַקלט אַ זאָק און גרױסע שיסלען װאַסער אַף די טישן.

שטײט כװיקערל־הװיקערל און גאַפּט. װי ער שטײט אזוי נישט מיר, נישט דיר — אַ ײדעלע אַ קלײנס מיט אַ באָרד אַ לאַנגער זיך אַ לאָז צו אים, פאַרן לאַך אַ כאַפּ און שרײַט: „גוט! גוט װאָס איר זענט געקומען! זאָגט,

איך בעט אײַך, זאָגט: איר האָט אַ באָרד? נײן, איר האָט ניט! אַ בערדעלע האָט איר, ניט קײן באָרד, אַ בערדעלע אַ שפּיצעכיקס, אַ קלײנס — גיט עס אָפּ דער ציג! אַ באָרד האָט אײַזיק יעקעלעס, אַ װײַסע, אַ לאַנגע, אַ גרױסע באָרד — אַ בעזים; אָבער מײַנע — גרעסער, מײַנע — די גרעסטע; איך בין שטאָטגעװיר, איך! נו, גיב

איך די מעזינקע אויס, וויל איך דאָך אז שטאָט זאָל האָבן צו געדענקען — איז ניט פארלאָזט אף קיינעם זיך, אליין גיי איך אין מארק אריין איינקויפן פונעם שענסטן, פונעם בעסטן. קום צום פישער איך, זאָג איך אים: ,גיב מיר פיש, די מעזינקע גיב איך אויס' זאָגט ער: ,אָך, פון אייערעט וועגן... פישעלעך זיסע ווי צוקער!' זאָג איך: ,אויב אזוי, איידער פיש בעסער צוקער.' נו לויף איך דאָך צום קרעמער, הייס מיר געבן צוקער פונעם בעסטן. זאָגט ער: ,ניטאָ ביי מיר קיין שלעכטער, איר מעגט פארזוכן: צוקער ווי האָניק.' זאָג איך: ,ווי האָניק? זאָל־זשע טאקע זיין האָניק! איר האָט האָניק?' זאָגט ער: ,וויפל איר ווילט — האָניק פרימא, לויטער בוימל!' ווער איך דאָך מיסטאָמע רעכט אין קאס. ,דו ליידאק איינער', שריי איך, ,וואָס גיסטו טאקע ניט קיין בוימל?' זאָגט ער: ,רעדט־זשע, בוימל — ערשט דאָס קריגט איר דאָך ביי מיר! בוימל צו בוימל', זאָגט ער, ,ניט גלייך: פאראן א בוימל א ריצנאייל און פאראן א בוימל א פיינער, א ריינער, כאָטש געם און טרינק ווי וואסער.' ,הערסטו', זאָג איך, ,וואסער? וואָס־זשע שווייגסטו?' איך אהיים, אראָפּ די קאפּאָטע און — שעפּן! די קערניצע אויסגעשעפּט, ווי איר זעט מיך לעבן? פארוואָס ניט? אז גאָט געהאָלפן, די מעזינקע גיב איך אויס — זאָל זיין מיט שעפל און מיט לעפל!

זיבן גרויסע פעסער אָנגעפולט, די גאנצע שטאָט, קינד־און קייט פארבעטן, טישן פאר אָרעם און רייך גע־גרייט און די סארווערלעך פארזאָגט; ,קינדערלעך, ניט געקארגט! יעדן וויפל דאָס הארץ גלוסט און אף אהיים־צונעמען אויך!' גוט! קומען די מעכוטאָנים צוגיין, ארום די טישן זעצן זיך אויס, דערלאנגט מען זיי די גרויסע

פולע שיסלען, ווי גאָט האָט געבאָטן, ערשט — די מעכו־טאָנים מיטאמאָל א הייב זיך אויף און אלע אין איין קאָל: ,גייען מיר, גייען מיר!' ,וווהין?' פרעג איך, ,וווּ־הין?' שרייען זיי, ,אהיים! אהיים! וואסער האָבן מיר אינדערהיים!' ,גאָט מיט אייך!' זאָג איך, ,וואָס רעדט איר? ס'איז דען וואסער? ס'איז דאָך בוימל, האָניק און צוקער און זיסע פיש און נאָך בעסערס!' זאָגן זיי: ,מיר האָבן צען מאָל בעסערס! מיר קענען ברענגען פולע קאנען!' גיי רעדט מיט זיי!

זענען אלע מעכוטאָנימלעך צעלאָפן זיך און די קאלע מיט די קלעזמערלעך אליין געבליבן.

וויל די קאלע ווײנען, טאָר זי ניט: זי וועט דאָך א קאלעשע מיט רויטע אויגן זיין. אז טרערן האָט די קא־לעשע א יאם און אויגן צוויי נאָר, ניט מער! נו, אקלאל, האקלט זי א זאָק, כאפּט זי אָף די שפּיסעלעך אן אייגל נאָך אן אויג...

אז טויזנט מיט צוויי אויגן וועט זי האָבן — צוויי וועט זי ווישן, מוט טויזנט וועט זי ווײנען!"

און דאָ דער שטאָטגעוויר אליין דאָס פּאָנעם איןביידע הענט און אָף א קאָל ווי א פּיצל קינד א צעכליפּע זיך! און די קאלע ווישט די אויגן, און די קלעזמער שפּילן צו א ווײנענדיקס...

כויקערל־הויקערל — ביים הארץ האָט אים פארקלעמט·

„ווײנט ניט", זאָגט ער, „ווײנט ניט! באלד וועט גוט זיין!" און א פּאָך מיטן שטעקן טוט ער און א זאָג:

פונעם וואסער
שפּרינגען פיש,
טאם גאניידן,
קום צום טיש!

און באלד טעלער־שיסל אָנגעפולט מיט פיש געפע־
פערטע, טייבעלעך געבראָטענע, קארפּאטוועס געפּרע־



געלטע, קוילעטשלעך פרישע מיט זאפראן און קימל,
און ראנקיך מיט ראָזשינקעס, און לעקעך־און־בראָנפן אף
אלע טישן!

אינדעם די מעכוטאָנים מיט די קאנען וואסער זענען
דאָ, בלייבן ביי דער טיר זיי שטיין פארגאפטע, מיט
מיילער אָפענע.

לויפט אקעגן זיי דער שטאָטגעוויר, די שיינע באָרד
די לאנגע גלעט ער זיך, און מיט א שטעל און מיט א
ברייטקייט זאָגט ער: „נו, לאָמיר זען וואָס האָט איר
אין די קענדעלער אדאָרט? אויך אזוינע וואסערלעך ווי
מיינע?“

„ניין!" זאָגן די מעכוטאָנימלעך, „שטאָטגעוויר האָט רעכט." גיסן זיי דאָס וואסער זייערס פון די פולע קענדעלעך אף די הענט, מע וואשט זיך און מע זעצט זיך צו די טישן.

מע זעצט זיך און מע זיצט.

„געניסט!" בעט דער געוויר.

„געניסט!" בעט די געווירנטע, „זאָל אייך ווויל באַקומען!"

„געניסט!" בעט די קאלע, „פארוואָס געניסט איר ניט?"

זאָגן די מעכוטאָנים, זיי קענען ניט געניסן, זיי ווייסן ניט וויאזוי. זאָלן זיי עסן? איז דאָך דאָס וואסער, און וואסער ווייסט די גאנצע וועלט, טרינקט מען, ניט מע עסט. זאָלן זיי טרינקען, איז דאָך דאָס פיש מיט ראנקיך און געבראָטנס, און פיש מיט ראנקיך און געבראָטנס עסט מען, ניט מע טרינקט. שרייט דער געוויר: „זאָל זאָגן דער שטאָטכאָכעם וואָס טוט מען?" הייבט זיך דער כאזן אויף, דעם גראָבן פינגער אונטערן גאָרגל שטעלט ער און ער זאָגט זיך אף זיין ציגנקעלעכל:

איי, איי, איי! איי, איי, איי!
איי, א כאָכעם זוכט א נייעם,
העלפן קען איך ניט כאָטש שריי
ביי־וועקאיעם, ביי־וועקאיעם!

פרעגט מען: „פארוואָס?"

זאָגט דער כאזן: „וואָס קען איך אייך העלפן און וואָס קען איך טון? אז זינט מיין אם מיך אונטערגעביטן, ווייס איך ניט ווער איך בין!"

שרייט מען: „זאָל דער שטאָטנאר זאָגן, אז דער שטאָטכאָכעם ווייסט ניט."

הייבט זיך כויזעקל דער מאמעס אויף, ער אויך ווי דער כאזן דאָס גראָבע פינגערל אונטערן גערגעלע לייגט ער, און פונקט ווי דער כאזן אף א דין ציגנקעלעכל צעזינגט ער זיך:

אײַ, אײַ, אײַ! אײַ, אײַ, אײַ!
אײַ, א כויזעק זוכט א נייעם,
העלפן קען איך ניט כאָטש שרײַ
כײַ־וועקאיעם, כײַ־וועקאיעם!

פרעגט מען: „פארוואָס?"

זאָגט כויזעקל: „וואָס קען איך אײַך העלפן און וואָס קען איך טון, אז זינט די רויטע בענדעלעך פון די פיסעלעך כ'האָב פארלוירן, ווייס איך ניט ווער איך בין!"

איז טאקע שלעכט.

זיצט מען און מע קלערט און מע טראכט, און מע טראכט און מע אמפערט זיך: „וואָס טוט מען?"

און די ליכט לעשן זיך, און די קלעזמער גענעצן, און קיין אייצע ניטאָ.

נעמט כויקערל־הויקערל און מיטן שטעקן הייבט ער אָן צו פאָכן. א מויפעס וויל ער באווייזן; דער כעלעמער כאָכעם און דער כעלעמער נאר זאָלן וויסן ווער זיי זענען און כעלעמער מעכוטאָנים זאָלן וויסן וואָס זיי האָבן אף דער גרויסער כאסענע צו טון.

פאָכט כויקערל־הויקערל מיטן שטעקן, פאָכט אהין, פאָכט אהער, פאָכט און קלאפט און דער מויפעס וויל ניט געשען; אלע מאָפסים יאָ און דער מויפעס ניט.

די ליכט שוין אויסגעלאָשן, פינצטער־כוישעך, און ארום געגרייטע טישן, פול אָנגעלאָדענע, מיט אלדעס־גוטס, כעלעמער מעכוטאָנים זיצן און זיי טראכטן און זיי טראכטן.

און געניסן געניסט מען ניט.

ויהי ערב ויהי בוקרל *
און כויקערל, אוי, כויקערל
געבליבן מיטן הויקערל.

א יאָר דורכאַנאַנד כויקערל־הויקערל פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף געגאַנגען; א יאָר דורכ־אַנאַנד איבער פוסטע וועלדער, איבער וויסטע פעלדער געבלאָנדזעט ביז ער איז אהיימגעקומען.

אהיימגעקומען כויקערל־הויקערל פונקט צום ערשטן כאַנוקעליכטל, אָקאָרשט נאָר די טיר האָט ער געעפנט, אקיווע־ראָש־יעשיווע אים אקעגנגעלאָפן און אים געפרעגט:

„נו, מיין זון, פאַרוואָס דעם גרויסן מויפעס ניט באוויזן?“

„איך וויס, איך וויס פאַרוואָס!“

„פאַרוואָס־זשע?“

„ניט געטון איך מיטן שטעקן וואָס באדאַרפט צו זיין: געפאַקט מיטן שטעקן, געקלאַפט מיטן שטעקן און באַ־דאַרפט איך גאָר מיט אים איבערן האַלדז־און־נאַקן געבן זיי: ,כעלעמער וואָס איר זענט! די טישן געגרייט, אונטער אלעם גוטן ברעכן זיי זיך און איר ווייסט ניט וואָס איר האָט צו טון?“

„און פאַרוואָס־זשע ניט געטון אזוי?“

„שפעט דערמאָנט זיך, ערשט דאָ ביי דער טיר“.

„וויבאלד אזוי, קומט דאָך גאָר ד י ר א שטעקן. ביסטו דאָך אָבער א גאַסט א כאָשעווער, מיטן ערשטן כאַנוקע־ליכטל געקומען — איז מויכל! אָבער דער נעס, ווען דער נעס געשעט און כעלעמער מעכוטאָנים ווייסן וואָס זיי האָבן אף דער גרויסער כאַסענע צו טון — דעמאָלט?“

---

* וויה־ערעוו, וייִהי בוויקערל

„דעמאָלט — דעמאָלט פֿון אַלע שטערנדלעך וואָלטן
גילדענע שטערנדלעך געוואָרן און זיי וואָלטן זיך געדרייט,
געטאַנצט און געזונגען:
נס גדול היה שם.*
„אַזוי? און איצט?"
„איצט שפּילן מיר זיך אין דריידעלעך פֿון בליי און
זינגען: על הניסים."**
אַלע ניסים, קוק און זע!
בימים ההם בזמן הזה,***
אַמאָל געווען, אַמאָל געשען!
ווען וועלן מיר שוין עפּעס זען?

* נעס גאָדל האָיאָ שאָם
** אַל האַניסים
*** באַיאָמים האָהיים, ביזמאַן האַזע

דאָס פינגערל

א



אכאשוויירעש, דער מיילעך פון פאָראס־אומאָדיי, איבער הונדערט און זיבנאונצוואנציק מעדינעס האָט ער געקיניגט: פון הוידו ביז קוש.

און ווו איז הוידו? און ווו איז קוש?

א טייל זאָגן: „הוידו איז איין עק וועלט, קוש אין צווייטן עק.“

אנדערע זאָגן: „הוידו און קוש — שכיינים נאָענטע.“

און סיי די און סיי יענע האָבן זיי רעכט.

ווי קען דאָס געמאָלט זיין? פאָשעט.

די וועלט איז דאָך קיילעכדיק, און וויבאלד קיילעכדיק קומט דאָך טאקע אויס אז הוידו, וואָס אין סאָף מיזרעך, קושט זיך מיט קוש, וואָס אין סאָף מיירעוו. ניט אזוי? אנו טוט א טראכט! און דער קיניג אכאשוויירעש, זאָגן א טייל, א כאָכעם א גרויסער געווען. אנדערע זאָגן: „עמעס, א גרויסער, נאָר א גרויסער נאר.“

און סיי די און סיי יענע האָבן זיי רעכט.

א כאָכעם געווען אכאשוויירעש, יאָ, נאָר אין די כאָכמעס אלעמאָל זיך באנארישט.

א ווערטעלע פאַראַן אזא: „א קלוגער, א קלוגער, אזא קלוגער — אזש א נאַר!"

דאָסדאָזיקע ווערטעלע אף אכאַשווייראָשן איז דאָס געזאָגט געוואָרן.

אָט וועל איך אייך פון אים עפּעס דערציילן, וועט איר זעען.

ב

די מעלאָכים אין יענע צייטן אזא טעווע האָבן זיי געהאַט: פון צייט צו צייט אין מאַלבושים פון פּאָשעטע מענטשן זיך איבערגעטון, און אזוי, פאַרשטעלטערהייט, איבערן לאַנד זיך אַרומגעלאָזט אליין אז קיינער זאָל ניט וויסן. אין שטאָט און אין דאָרף, אף די פּריספּעס, אף די יאַרידים, און שטוב און אין פעלד, צו אלע שמועסן זיך צוגעהערט און אויסגעהערט וואָס זאָגט מען עפּעס וועגן מיילעך.

און אזוי ארום האָבן זיי אפן פאָלק א מוירע אָנגעוואָרפן.

„א מיילעך", פלעג מען זאָגן, „אפילע ביי דיר אין שלאָפצימער קיין בייז וואָרט לאָז ניט אָפּ אף אים. א מיילעך הערט, א מיילעך זעט, א מיילעך איז א גאָט."

אכאַשווייראָש, פאַרשטייט זיך, פלעג אויך אזוי טון: א פאַרשטעלטער איבער זיינע מעדינעס אומגיין.

איז אָבער א צאָרע: הונדערט זיבנאונצוואַנציק מעדינעס, יעדע מעדינע און איר פאָלק, יעדעס פאָלק און זיין לאָשן; גיי פאַרשטיי הונדערט זיבנאונצוואַנציק לעשוינעס!

א צאָרן און א ביזאָיען!

אכאַשווייראָש פאַרשטייט ניט, וואָס א ליאַדע האָלצהעקער פאַרגינט זיך צו זאָגן אף אכאַשווייראָשן, אונטער

אכאשווייריעשעס פּלייצעס, ביי אכאשווייריעשן אין לאנד! און וואָס נאָך? ביי זיך אינדערהיים אפילע, אין שושן־האבירע, אין דער קרוינשטאָט שושן, מיינט איר, איז שוין גוט? אלץ ניט גוט! פאַרשטיין פאַרשטייט ער טאקע אכאשווייריעש וואָס מע רעדט, אָבער מיט וואָס איז ער זיכער, אז מע רעדט וואָס מע טראַכט! עפּשער רעדט מען ניט דעם עמעס? מע האָט מוירע... וואָס־זשע טוט אכאשווייריעש? ער טוט מיט סייכל.

א באַפעל גיט אכאשווייריעש ארויס:

„אלע פעלקער פון אלע הונדערט און זיבנאונצוואנ־ציק מעדינעס, פון הוידו ביז קוש — אלע איין פאָלק זאָלן זיי! איין וועלט, איין גאָט, איין מיילעך, איין פאָלק, איין לאָשן — דאָס לאָשן פון פּאַראַס־אומאָדיי."

און וויינשענקען האָט אכאשווייריעש געלאָזט עפענען אין אלע מעדינעס, אין אלע שטעט, אין אלע גאסן. און איבער די טירן פון אלע וויינשענקען מיט גרויסע אויסיעס אזוי געהייסן אויפשרייבן:

וועמ ס'איז דאָרשטיק,
קום אריין —
איידער וואסער,
בעסער וויין!
זוכסט א רויפע,
לויף אין שענק;
וויין היילט אויס
פון טויזנט קרענק.

און איינמאָל אין דער וואָך, אום זיבעטן טאָג, א גרויסער טרונק זאָל זיין: דעם מיילעכס טרונק! פעסער מאלכעסוויין אין אלע גאסן עפענען, און ווער סע וויל,

קום, טרינק אומזיסט. און ווער סע וויל ניט, א קענדעלע ווייַן מיט געוואַלד אין אים אַרייַנגיסן.

און געטראַכט זיך אכאשווייַרעש אַזוי:

זאָלן זיי טרינקען און זאָלן זיי שיקערן, וועל איך מיט זיי אַלע טון וואָס איך וויל; זיי וועלן ניט וויסן וואָס אין זיי טוט זיך. ביי שיקורים קיין סוידעס ניטאָ: וואָס ביי א ניכטערן אף דער לונג איז ביי א שיקערן אף דער צונג.

ג

וואָס ראַשט זיך אי אויוון,
אי אונטערן אויוון?
מע שפּרינגט פון די בעטן,
סע יאָגן שטאַפּעטן —
אכאשטעראַנים!
סע פלאַמט זיי דאָס פּאָנעם,
סע ברומען די באַסן,
מע פּויקט אין די גאַסן,
אין אַלע געמאַרקן —
א וואָרט פונעם שטאַרקן,
פון ליכטיקן מיילעך:
איניינעם און פריילעך!

און ווו א מעדינע און ווו א שטאָט פון הוידו ביז קוש, וווהין דאָס וואָרט פונעם מיילעך און זייַן באַפעל דערגאַנגען — אומעטום א ראַש, א גרויסע סימכע.

קינד־און־קייט פון די הייַזער אף די גאַסן אַרויס־געשיט און אין רעדעלעך זיך פאַרזאַמלט; אין די שענ־קען וואָס דער מיילעך געעפנט, אַרום די גרויסע טישן

זיך צונויפגעקומען, פון מאלכעסוויין געטרונקען און פון מיילעכס באפעל נאָר גערעדט און נאָר געשמועסט.

און אומעטום, אין יעדן לאנד און אין יעדער שטאָט איינס און דאָס אייגענע:

פון הוידו ביז קוש איין לאָשן: איין וועלט, איין פאָלק, איין לאָשן; ווי שיין, ווי קלוג! זינט די זון שיינט, זינט די כאָכמע לויכט, קיין מיילעך אף דער וועלט קיין בעסערס ניט אויסגעטראכט!

קיין כאָכעם אונטער דער זון קיין קלוגערס ניט אויס־געקלערט!

„און דאָך אזוי", האָבן א טייל איבערגעריסן און איבערגעשריגן, „און פּאָרט אזוי!"

„וואָס דאָך אזוי? ווער פּאָרט אזוי? רעדט!"

„און דאָך אזוי, אז דו טוסט א טראכט און אז דו טוסט א קלער, קומסטו באלד אין קאס."

„אין קאס?!"

„יאָ, אין קאס! אף זיך אליין אין קאס! קאָפּ, פאר־וואָס דו אליין אף דעם סייכל ניט געפאלן? סע איז דאָך אזוי גלאט, אזוי קלאָר!"

„און אזוי גלייך! אזוי גלייך, אז גלייכער קען שוין גאָרניט זיין!"

„און אזוי מוז דאָס זיין!"

„אזוי, אזוי!"

אזוי זיך געטראכט,
אזוי זיך געזאָגט,
און פּלוצים, אוי וויי,
מע הארגעט, מע שלאָגט!
וואָס איז געשען? א מייסע.

ד

א מייסע מיט א פייגעלע.

א פייגעלע זינגט,
טשיריקעט פון גאָרן:
אין מיילעכס באפעל —
צוויק, צוויק — א כיסאָרן.

פרעגט מען איבער: וואָס פאר א כיסאָרן?"
פליט דאָס פייגעלע אוועק אָן אן ענפער.

פרעגט מען און מע ענפערט זיך אליין: „איין וועלט? גוט! איין פאָלק? גוט און וויל! איין לאָשן? אויסגעצייכנט! דאָס לאָשן פין פאָראס־אומאָדיי!..."

„וואָס עפּעס דאָס לאָשן פון פאָראס־אומאָדיי?" הערן זיך געשרייען פון אלע זייטן.

„דאָס לאָשן פון פאָראס־אומאָדיי, אויך מיר א לאָשן! דאָס איז דאָך דאָס מיסטע לאָשן אף דער וועלט!"

„און דאָס סאמע שווערסטע!"

„אזוינע מאָדנע ווערטער! א־שאכ־טאָר־נים!... אר־שאכ־טאָ־נים!... ניט אזוי! א־טאר־שאכ־טאָ־נים!... אויך ניט! טפו! א לאָשן! זאמד און שטיינדלעך!"

„און פארוואָס ניט אונדזער לאָשן?" זענען אסאך מיט א טייגע ארויסגעשפרונגען, „אונדזער לאָשן איז דאָך פערל, דאָס שענסטע, דאָס בעסטע!"

„און דאָס גרינגסטע! פארגעסט ניט: דאָס גרינגסטע!" שרייען אלע מיטאמאָל, „מע דארף דאָך דאָס ניט לערנען! סע לערנט זיך אליין! פון זיך! מיט דער מאמעס מילעך זייגסטו דאָס אויס!..."

און אזוי אין יעדער מעדינע, אזוי אין יעדער שטאָט. און אין יעדער מעדינע, אין יעדער שטאָט, דארפט איר

וויסן, פאראַן אי אַלטגעזעסענע, „בירגער", „טוישווים" רופן זיי זיך, אי אָנגעקומענע, אַזוינע וואָס פון אַנדערע, פון נאָענטע צי פון ווייטע לענדער, געקומען פּאַרנאָסע זוכן, האַנדלען; אַ טייל אויף אַ קורצער צייט, אַ טייל אויף אַ לענגערער און אַנדערע אויף טאָמיד. די דאָזיקע אָנגעקומענע, „פרעמדע" אָדער „גיירים" רופט מען זיי.

איז געווען, אַז די פרעמדע האָבן געהערט די בירגער שרייען: „פאַרוואָס ניט אונדזער לאָשן? אונדזער לאָשן דאָס שענסטע! אונדזער לאָשן דאָס בעסטע, דאָס גרינג־סטע!" האָט דאָס, פאַרשטייט זיך, די פרעמדע פאַרדראָסן. „אונדזער לאָשן", האָבן זיי געטיינעט, „איז אויך אַ לאָשן! אַזוי שיין ווי אייער לאָשן! עפּשער נאָך שענער; יאָ, יאָ, און אַסאַך גרינגער!"

„וואָס רעדט איר?"

„דאָס וואָס איר הערט!"

א וואָרט אום אַ וואָרט —
סע האַלט שוין ביי קלעפּ!
א וואָרט אום אַ וואָרט —
מע פאַלט פון די טרעפּ!
א וואָרט אום אַ וואָרט —
מע רייסט ביי די צעפּ!

און שוין גאָר צום אַרגסטן זיך אום זיבעטן טאָג, אין טאָג פון גרויסן טרינק.

דער ווײַן פון מאַלכעס איז אַסאַך, קעיאַד האַמײלעך, און אַז אַלע שיקערן זיך גוט אָן, נו, נו, איז שוין פריילעך אַביסל! און גאָר, גאָר פריילעך איז אין שושן־האַבירע: אַ קרוינשטאָט, פון אַלע שטעט די סאַמע גרעסטע, די סאַמע רייכסטע, אַזויפיל פרעמדע זיך אָנגעפאָרן אַהין, פון אַלע עקן וועלט. איז, טוט זיך שוין דאָרט! אויף טיש און אויף בענק!

געזען אכאשוויירעש ס׳איז שלעכט, האָט ער אָן אייצע געהאלטן מיט האָמענען. זאָגט אים האָמען: „גיב מיר דיין מאלכעספינגערל, איך ווייס א שפּראָך אזא; טו איך דעם שפּראָך א זאָג, ווערט פון דיין מאלכעספינגערל א ווונטש־פינגערל, פיר איך מיט אים אויס, וואָס מיילעכס הארץ צו גוטן ווינטשט.״

נעמט דער מיילעך זיין פינגערל פון פינגער אראָפּ און גיט דאָס האָמענען.

באקומען דאָס מאלכעספינגערל, האָמען־האראָשע זיך אוועקגעזעצט און הונדערט זיבנאונצוואנציק בריוו אָנגע־שריבן צו אלע פעלקער פון אלע מעדינעס.

און אזוי איז זיינע בריוו האָט האָמען געשריבן:

„צו אלע פעלקער פון אלע הונדערט און זיבנאונצוואנ־ציק מעדינעס פון מאלכעס אכאשווייראש ווערטער פון שאָלעם און עמעס!

הערט מיך אויס, פעלקער, און אויסהערן וועט אייך גאָט! געגוג זיך איינס דאָס אנדערע הארגענען, שלאָגן! גענוג, זאָג איך אייך! איך בין גויזער, זאָל יעדער איינער זאָגן זיך אליין אזוי: ,ווער ביי מיר אין לאנד א פרעמדער, ביי זיך אין לאנד איז ער א בירגער! צי מעג א בירגער דען א בירגער שלאָגן? שלאָג איך אים אין מיין לאנד — קום איך אין זיין לאנד, שלאָגט ער מיך!...' איין פאָלק נאָר פאראן, צווישן אלע פעלקער דאָס צעזייט, צעשפרייט און אומעטום, פון הוידי ביז קוש, ווילד־און־פרעמד — יידן. זיי שלאָגט! איר מעגט! זיי צו אייך קומען, איר צו זיי ניט. זיי ביי אייך נעמען, איר ביי זיי ניט. נעמט אָפּ! איך הייס! גאָלד, זילבער, אלדעס־גוטס, זיי האָבן דאָס אסאך. נעמט אָפּ און צעטיילט. העלפט אין מיילעכס אוי־צער, העלפט — אייך! און שאָלעם זאָל זיין, און עמעס זאָל זיין!"

די בריוו געשריבן, מיטן מאלכעספינגערל געכאסמעט און אין אלע מעדינעס צעשיקט.

און געטראכט זיך האָמען: „העלפט אין מיילעכס אויצער? צופיל! צען טויזנט צענטנער זילבער גאנץ גענוג, דאָס איבעריקע מיר..."

ה

אין יענער נאכט איז פארוואָגלט געוואָרן דער שלאָף פונעם מיילעך. אפן געלעגער א וואכנדיקער, מיט אויגן אָפענע, צעשראָקענע, אין דער פינצטערניש קוקט ער.



ווי ער קוקט אזוי א גילדן פּינטעלע פאר די אויגן דרייט זיך — א פינגערל ווערט עס. דאָס פינגערל דרייט זיך, דרייט זיך — א רעדעלע ווערט עס, דאָס רעדעלע — א ראָד, דער ראָד — א מילשטיין. און פונעם מילשטיין אינדערמיט — א קאָפּ; א קאָפּ אויסגעוואקסן! קוקט זיך אכאשווירעש צו — ער!

ער אליין! אכאשווירעש!

אכאשווירעשעס קאָפּ!

און דער קאָפּ וויינט, וויינט, גיסט מיט טרערן.

פרעגט אים אכאשווירעש: „קאָפּ, וואָס וויינסטו?"

זאָגט דער קאָפּ: „וויאזוי זאָל איך ניט וויינען, אז סע ציט מיך צו דער ערד אראָפּ? א מילשטיין אף מיין האלדז און איך זאָל ניט וויינען?"

וויל אכאשווירעש פונעם בעט א שפרונג טון, דעם שטיין אראָפּנעמען.

„ניטע!...“ דערהערט ער א קאָל פון א ברומבאַס אונטער זיך.

טוט עס מיט אכאַשווייַרעשן א וואָרף, ער קוקט זיך אום: האָמען! האָמען מיט א בלויזער שווערד אויסגע־שטרעקט איבער אים!

„ניטע!...“ ברומט האָמען ווי א בער וואָס ברומט א סאָד אין אויער אַריין, „ריר דיך ניט! שווייַג! א ריר, א שאָרך און...“ און האָמען פאָכט מיט דער בלויזער שווערד...

סע בליצט אין דער פינצטער.

באַדעקט אכאַשווייַרעשן א קאַלטער שווייס. ליגט ער שוין אזוי אין אײנע שרעק. האָמען מיט דער שווערד צו־קאָפּנס און דער קאָפּ ווייַנט, ווייַנט, גיסט מיט טרערן.

אזוי לאַנג, אזוי לאַנג ביז דער מילשטיין אין טרערן צערונען.

דער מילשטיין אין טרערן צערונען, האָמען אנטרונען. סע קרייט שוין דער האָן אף באַגינען.

ו

און האָמען־האָראָשע צען זין האָט ער געהאַט, איינער פונעם אנדערן שלעכטער, איינער פונעם אנדערן נאַרישער.

און דער סאַמע נאַרישער — ווייזאָסע!

האָט אים האָמען קיין מיצראַיים געשיקט, ביי די גרויסע כאַרטומים כאָכמע לערנען.

דריי יאָר ביי די כאַרטומים געלערנט ווייזאָסע. ווײ־זאָסע אהיימגעקומען. אהיימגעקומען פרעגט אים האָמען: „מיין זון, וואָס עפּעס ביי די כאַרטומים אויסגעלערנט?“

„כאָכמעס־האיאד!“ זאָגט ווייזאָסע מיט גאדלעס, „אז דו האלטסט עפּעס אין דער האנט פארשלאָסן, טרעף איך וואָס ביי דיר אין האנט“.

פּרווט אים האָמען אויס — יאָ, ס'איז עמעס!

דערווייל טוט האָמען דורכן פענצטער א קוק, זעט ער: דער מיילעך אין גאָרטן שפּאצירט. לויפט ער ארויס מיט א פרייד, דערציילט דעם מיילעך וואָס ווייזאָסע אין מיצראַיים אויסגעלערנט.

וויל דער מיילעך זעען. נעמט ער ביי האָמענען דאָס פינגערל, דאָס מאלכעספינגערל וואָס ער האָט האָמענען געגעבן, פארשליסט דאָס אין דער האנט, רופט ווייזאָסען ארויס און זאָגט: „טרעף, ווייזאָסע, וואָס האָב איך דאָ?“

נעמט ווייזאָסע דעם מיילעכס האנט אין זיין האנט, שאָקלט זיך, שאָקלט זיך און טרעפט:

„ניט צווייעק, ניט דרייעק, ניט פירעק; עק אוועק, קיילעכדיקס דאָ!... אין מיילעכס האנט עפּעס א קיילעכדיקס... א קיילעכדיקס אזוינס... עמעס?“

„עמעס!“

שאָקלט זיך ווייזאָסע ווייטער און טרעפט:

„רונד ארום, רונד ארום; ניט גלייך ניט קרום, ניט ווייך ניט פויל — אינמיטן הויל... א הארטע זאך, אויסגעהוילט אינדערמיט!... געטראָפן?“

„געטראָפן!“

שמייכלט האָמען און ווייזאָסע טרעפט ווייטער:

„ניט ווייך, ניט פויל, קיילעכדיק און הויל, ווער סע האָט עס, דעם איז וויל!... יאָ?“

„יאָ! וואָס־זשע איז דאָס, ווייזאָסע?“

„וואָס... וואָס איז דאָס...“ שאָקלט זיך ווייזאָסע, „פארשטייט זיך, דאָס איז א... א...“

„א וואָס?“

„א מילשטיין!“

איז האָמען געוואָרן מאָלע רעציכע און מיטן שטעקן ווייזאָסען איבערן קאָפּ.

„שטיי!“ האָט דער מיילעך א כאַפּ געטון האָמענען פאר דער האנט, „שלאָג ניט! גערעכט ווייזאָסע! א נאר, א נאר און שאָקלט זיך אויס:

ניט קיין וווּנטשפינגערל מיר האָמען פון מיין פינגערל געמאכט, נאָר א מילשטיין! איך וויים שוין! איך פאר־שטיי!... האָמען וועט מיט מיין פינגערל בייזע גזיירעס כאסמענען און אף מיר, אף מיין האלדז וועט דאָס פאלן!... א מילשטיין אף מיין האלדז!...

איצט וויים איך שוין וואָס איך האָב צו טון!...“

און וואָס־זשע האָט אכאשווייראָש געטון? דאָס ווייסט דאָך יעדער, ווער סע האָט די מעגילע געלייענט.

צעשיקט האָט אכאשווייראָש בריוו אין יעדן לאנד און צו יעדן פאָלק; אין יעדן לאנד, ווי זיין שריפט, צו יעדן

פאָלק, ווי זיין לאָשן; יעדער אין לאַנד ווי ביי זיך אינ־דערהיים, און רעדן זאָל יעדער אפן לאָשן פון זיין פאָלק!

און טרינקען ניט געניים.

און האָמען האָט געהאַט האָמענס מאַפּאָלע.

און ווייזאָסע פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג מיט א שטעקן איבערן קאָפּ.

טוט אומיסטן א קוק אין דער מעגילע, וועט איר זען!

און שאַלאַכמאָנעס־פּלעדלעך מאַכט מען קיילעכדיקע און אינדערמיט הויל...

אזוי דערציילט מיר
מיין פעטער ביניאָמען;
א סאָף צו דער מייסע,
א סאָף שוין צו האָמען!
א סאָף צו זיין נאָמען!
וועגוימער אָמיין!...*

* ונאמר אָמן.

דעצאַך, אַדאַש, בעאַכאַוו*)

א

אַ מאָל איז געווען גאָר גרויסע צאַדיקים,
מע האָט זיי גערופן „די זיילן פון אייזן“,
„די האַמערס די שטאַרקע“, „די גרויסע טאַנאָים“;
זיי פלעגן אי שטראָפן, אי וווּנדער באַווייזן.
אַמאָל איז געווען און היינט איז ניטאָ;
נאָר מייסעלעך שיינע פון זיי איז נאָך דאָ.

נו, דערציי̈ל איך איצט פון זיי א מייסעלע. דאָס מייסעלע איז זיך פאַרלאָפן אין די צייטן פונעם גרויסן טאַנע רעב יעהודע. דאָס מיינט מען רעב יעהודע, דעם נאָסי פון ייסראָעל, וואָס מע האָט אים גערופן ראַבי, ראַביינו האַקאָדעש** — אונדזער הייליקער ראַבי.

אין ערעץ־ייסראָעל, אין דער אַלטער שטאָט ציפּוירי, אין דער גרויסער יעשיווע, איז ראַבי ראָש־יעשיווע געווען, און פון אַלע עקן לאַנד, פון נאָענט און פון ווייט, טאַל־מידים האָבן זיך געצויגן אין שטויב פון רעב יעהודעס

* דצ״ך, אד״ש, באח״ב

** רבי, רבני הקדוש

פיס זיך צו וואלגערן אין כאָכמע פון זיין מויל מיט דאָרשט צו טרינקען.

און צוויי כאווײרים האָט ראבי געהאט: אנטאָנינוס דער קייסער פון רוים און רעב עלאָזער דער טרעגער.

און טאָג אוף טאָג פלעג אנטאָנינוס צו ראבין א זאק ווייץ שיקן. סע רעדט זיך אזוי „א זאק ווייץ", אינעמעסן דער זאק מיט פערל און מיט גילדענע ראָזשינקעס איז ער פול געווען — ווייץ נאָר ביים מויל, פון אויוון. נאָכ־וואָס? א מאָשל צו ראבין: ווער גאָלד פון אויוון און אינעווייניק ווייץ, ראבי — ווייץ פון אויוון, אינעווייניק גאָלד.

א גילדענער מויעך, א מויך — פערל שיטן זיך פון אים, און אזוי, אפן אָנקוק, פון דרויסן, א מענטש ווי אלע מענ־טשן: א צוגעלאָזטער, א שטילער, א פּאָשעטער — ווייץ.

און א פּאלאץ אנטאָנינוס זיך געלאָזט אויסבויען אין גאָליל, ניט ווייט פון ציפּורי, און א הייל א באהאלטענע פונעם פּאלאץ ביז צו ראביס הויז האָט געפירט. און גע־ווינט האָט אנטאָנינוס אין זיין פּאלאץ וואָס אין גאָליל אכט כאדאָשים אין יאָר, און אין זיין פּאלאץ וואָס אין רוים פיר כאדאָשים.

און מיט דער הייל פלעג אנטאָנינוס שטילערהייט צו ראבין קומען, און דורך די נעכט ביי ראבין טוירע לער־נען און מיט אים אייצעס האלטן.

און באדינען פלעג אנטאָנינוס ראבין. איז ראבי מיד געוואָרן, באלד אנטאָנינוס זיך אָנגעבויגן צו דער ערד: „אוף מיר טרעט, ראבי! אוף דיין געלעגער שפּאן ארויף און רו זיך אויס!"

און האָט דער טאנע ניט געוואָלט, האָט ער זיך א קווענקל געטון, פלעג אנטאָנינוס בייז ווערן און שרייען:

„א לייב ברילט ווער פאָרכט זיך ניט? דער קייסער פון רוים באפעלט, ווער האָרכט אים ניט?" האָט שוין ראבי געמוזט.

און אזוי ווי דער קייסער פון רוים פאר רעב יעהודען, אזוי רעב יעהודע פארן טרעגער רעב עלאָזער.

רעב עלאָזער, דער זון פון שימען־בען־יויכאָי. און רעב שימען־בען־יויכאָי, עפשער האָט איר געהערט, פון די געציילטע וועלטסאָכרים איז ער געווען, פון די סאָכרים, וואָס קויפן אסאך, פארקויפן נאָכמער און פארלירן קיינ־מאָל ניט.

פון הערן־געדענקען
קומט קויפט אין זיין קרעמל:
א גילדענעם עפל
אין זילבערנעם רעמל.
און עפלוויין אלטן,
און פייגעלעך־מילעך,
און אלצדינג ער באָרגט דיר,
דו זאָג נאָר: דאָס וויל איך.

איר פארשטייט — פון די לאמעד־וואָוו!... פון די זעקסאונדרייסיק זעלטענע סאָכרים וואָס, אז זיי נעמען זיך זייער סכוירע פארקויפן, ווערט אין הימל א יאריד: די זון, די לעוואָנע, די שטערן — זיי ערשט די עמעסע מעווינים אף זייער סכוירע.

און אז רעב שימען־בען־יויכאָי אין גאס איז ער גע־גאנגען, פאָרויס צוויי מאלאָכימלעך פאר אים געלאָפן און אויסגערופן:

„מאכט א וועג, ער גייט, ער גייט!"

„ווער? ווער?"

א סויכער
א הויכער
און אקסל צווײ ברייטע,
א באָרד א צעשפּרייטע
און לאנג ביז די קניעס,
זי שײַנט ווי די שטראלן,
די זון מעג זיך שעמען,
און גילדענע ברעמען
אף ליכטיקע וויעס
ווי פּירהאנגען פאלן.

און האָט ער, רעב שימען־בען־יויכאַי, די גילדענע פּירהאנגען אויפגעהויבן, אף א ראָשע א בייזן קוק א וואָרף געטון — א הויפן ביינער פונעם ראָשע געוואָרן.

פיינט געהאט, זייער פיינט געהאט רעב שימען־בען־יויכאַי די רעשאָים. „רעשאָים גאָר!...״ פלעג ער זיך בייזערן, „נא דיר גאָר רעשאָים! וואָס טויגן רעשאָים אף דער וועלט?!״

און מער פון אלע רעשאָים — גאנאָווים און גאזלאָנים פאר זיינע אויגן ניט געטאָרט זיך ווייזן.

„געהערט אזוינס?״ האָט ער געטיינעט, „גאנאָווים... גאזלאָנים... מענטשן ווי די כאיעס־ראָעס גאָר! די נאכט פירט זיי ארויס, דער טאָג ברענגט זיי אריין! געהערט אזוינס?!״

איינמאָל דעם רעגנבויגן איבערן הימל ער דערזען און אין גרויסן קאס איז ער אריין: „אזוי גאָר, א רעגנבויגן!... וואָס־זשע הייסט דאָס?... א מאבל, א מאבל דארף קומען. די וועלט פול מיט רויב; גנייווע, גזיילע, רעציכע; ווי אין נויעכס צייטן... פארוואָס־זשע בליצט ניט? פארוואָס־זשע דונערט ניט? פארוואָס־זשע מאבלט

ניט?... וואָס שווייגט ער, דער הימל? ער מוז! ער וויל ניט שווייגן, נאָר ער מוז!... א שוועמ... אַן אלטע שוועע."

האָבן זיך אים די אויגן צעפלאקערט; אף וועמען נאָר א קוק ער האָט געטון, א בארג אש פון אים געוואָרן. שיר די וועלט ניט כאָרעוו געמאכט. פון דעמאָלט אָן פאר שימען־בען־יויכאָיס לעבן דער רעגנבויגן מער זיך שוין ניט באוויזן — פאר מוירע.

און אזוי ווי דער פאָטער אזוי דער זון: א הויכער, א ברייטער — א צעדערבוים. א ליכטיקער קאָפּ, פול מיט טוירע און כאָכמע, קוקט פון די הויכע אקסלען אראָפּ און ברענט מיט די אויגן.

ראבי פלעג אף אים זאָגן: „די טוירע קוקט פון דער הייך, פונעם הימל אראָפּ." און זקיינים פאר אים פלעגן זיך אויפשטעלן, אים קאָוועד אָפּגעבן.

ב



מאָל אין יענע צייטן א בייזע צייט אויסגעפאלן:

א צייט פון געבעט אָן ענפער: די ערד — א דאָרשטיקע, א פארכאלעשטע פארן הימל ציט זיך אויס, א טראָפּן רעגן בעט זי; און דער הימל — שטאָל־און־אייזן, ער ענפערט ניט. פון דער מידער ערד ווייט און ווייטער זיך

דערווייטערט דער הימל, הויך און העכער זיך אויפגע־הויבן, אין א בלאָ־פייערדיקן כאָלעם פארטייעט זיך און — ניין, ער ענפערט ניט.

און מענטשן צו דער ערד אפן פּאָנעם פאלן זיי, לאָזן זיך אויס און זיי בעטן; ראכמים בעטן זיי: „א סנאָפּיקל זאנגען! א מעסטעלע קאָרן!" און די ערד — סע ברענט אף איר די הויט די פּיקלדארע און זי ענפערט ניט; האק זי, שנייד, בראָק מיט די שארפסטע אקעראייזנס — ניין, זי ענפערט ניט.

און אָרעמע פאר רייכע אין געוויַין גייען אויס: „ברויט! א שטיקעלע ברויט! א דאר שטיקעלע ברויט! די נעשאָמע צו דערהאלטן! די נעשאָמע פון ווייב און קינד..." און — ניין, מע ענפערט ניט.

די רייכע אף די שפּייכלערס זייערע, די שפּייכלערס די אָנגעלאָדענע פון די גוטע יאָרן נאָך, מיט ווייץ, מיט קאָרן און מיט אלדעס־גוטס — שווערע שלעסער אויפ־געהאָנגען האָבן זיי און — ניין, ניט מע שענקט, ניט מע באָרגט, ניט מע פארקויפט. פארקויפן גאָר! וויאזוי? וויאזוי פארקויפט מען היינט, אז מאָרגן עפשער טייערער ווערן? עפשער? זיכער! אוואדע וועט טייערער ווערן!... א נאר דארף מען זיין, כאפּן און פארקויפן. נאָכוואָס זיך צו איילן? פון איילעניש קיין גוטס קומט ניט ארויס; קיינמאָל ניט, און דאָסמאָל אוואדע ניט.

און קינדערלעך אין שויס פון זייערע מאמעס לאָזן זיך אויס. און מאמעס די קעפּ אף די אקסלען פון זייערע ברויטגעבערס פארווארפן; די האָר ווילן זיי זיך רייסן, קיין קויעך אין די הענט ניטאָ.

א שווערע צייט, א בייזע צייט, א צייט פון געבעט אָן ענפער. דער הימל ענפערט ניט דער ערד, די ערד

ענפערט ניט אירע קינדער, אירע קינדער ענפערן ניט איינער דעם אנדערן — פארשלאָסן! אלצדינג פארשלאָסן! פארשלאָסן הימל און ערד, פארשלאָסן די רייכע און זייערע פאלאצן: ניט אף דער גאס מע זעט זיי, ניט צו זיך זיי לאָזן צו. פארשלאָסן דאָס הארץ, פארשלאָסן די שפּייכלערס.

איינער נאַר אין יענער צייט דער בייזער, זיינע שפּייכלערס ברייט געעפנט: רעב יעהודע האנאָסי.

און אזוי רעב יעהודע געהייסן אין אלע גאסן אויסרופן:

טייער איז זילבער,
טייערער פון זילבער איז גאָלד,
טייערער פון גאָלד —
א קאָרעך ווייץ און קאָרן!
ווייץ און קאָרן קומט און קויפט,
קומט און קויפט און ניט פאר זילבער!
קומט און קויפט און ניט פאר גאָלד!
ניט פאר גאָלד און פערל, ניט פאר איידלשטיינער,
פאר דער טייערסטער סכוירע נאָר,
פאר דער בעסטער סכוירע נאָר,
אין יעסורעמשויס געבוירענער!

ווייסט מען: וואָס ביי רעב יעהודען די בעסטע סכוירע? טוירע. איז געוועזן: ווער צו רעב יעהודען געקומען און פאר אים טוירע געזאָגט, אים רעב יעהודע זיבן קאָרעך ווייץ און דריי מייסטלעך זעמלמעל אָפּגעמאָסטן און גע־בעטן קומען נאָכאמאָל.

איינמאָל שטופּט זיך דורך און שלאָגט זיך צו רעב יעהודען צו אן אָרעמאן, עפּעס א מאָדנע אזא, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן גייט ער, באָרוועס די פיס, דער קאָפּ צעשוי־

בערט, דאָס פּאָנעם ווי דער טאָג שיינט, די אויגן ווי דאָס בארעמהארציקייט פון א מאמען לייכטן. פאר רעב יעהודען שטעלט ער זיך אנידער, די אויגן אין דער ערד שטעכט ער איין, און שטיל און שעמעוודיק זאָגט ער:

„ראבי, שפּייז מיך!"

„ווייסטו, זון, א פּאָסעק אין דער הייליקער טוירע?"

„ניין!"

„א פּערעק מישנאיעס?"

„ניין!"

„א דין? א יידישן דין?"

„ניין!"

„א וואָרט? א יידיש וואָרט?"

„ניין!"

„פארוואָס־זשע, זון, זאָל איך דיר מיין ברויט געבן?"

„זאָל זיך דיר, ראבי, אויסווייזן א הונט אף דער גאס, א שווארצע קראָ אפן דאך, צי איז דען פאר זיי קיין ראכמאָנעס ביי דיר ניטאָ?"

פארקלעמט רעב יעהודען ביים הארץ, דעם אָרעמאן האָדעוועט ער אָן, טרינקט אים אָן, באדינט אים און באגלייט אים.

שפּעטער, נאָכדעם ווי דער אָרעמאן איז אוועקגעגאנגען, זיצט רעב יעהודע און זיפצט. פרעגט אים רעב שימען, זיין זון:

„טאטע, וואָס זיפצסטו?"

„אוי צו מיר, וויי!" קלאָגט זיך רעב יעהודע, „פון רעב יעהודע־האנאָסיס טיש אן אמאָרעץ ברויט געגעסן!"

„אן אמאָרעץ?" רעדט רעב שימען ווי צו זיך אליין ארומשפּאנענדיק איבער דער שטוב. „אן אמאָרעץ? ווער ווייסט? עפּשער גאָר א טאלמיד־כאָכעם? נו, יאָ, א כאָכעם

וואָס פאַר הונגער וועט ער אויסגיין און זיין טוירע אַף ברויט ניט אויסבייטן!"

האָט רעב יעהודע זיך אויפגעהויבן, זיין זון אין קאָפּ א קוש געטון און באַלד געלאָזט אויסשרייען.

„כל דכפין ייתי וייכול!" *

ג



ון דער אָרעמאַן ווער איז ער געווען? רעב יוינעסן דויד־צאַך **. איר קענט אים ניט, איר ווייסט אים ניט, עמעס: אָבער די קינדערלעך פון גאַנץ ערעץ־ייסראָעל אים יאָ געקענט, גוט געקענט.

אַז רעב יוינעסן דויד־צאַך אין א שטאָט צי אין א דאָרף אָנגעקומען, קליינוואַרג באַלד געווירע געוואָרן און אים אַקעגנגעלאָפן; געלאָפן, געלאָפן, געשריגן: „דער פעטער! דער ליכטיקער פעטער! דויד־צאַך! דוי־צאַך! רעב יוינעסן דעצאַך!"

רעב יוינעסן דעצאַך, אַזוי די קליינינקע גערופן אים, די ברעקעלעך וואָס ניט פאַר זייערע ציינדעלעך נאָכצו־זאָגן רעב יוינעסן דויד־צאַך. און אַזוי ווי די פּיצעלעך קינדערלעך, אַזוי וועלן מיר אים אויכעט רופן, ווייל אַזוי פלעג ער אליין ליב האָבן אלעמאָל זיך אָנצורופן: דעצאַך.

---

* „קאָל דיכפין ייסי וועייכל!"

** רב יהונתן דוד־צח

און אלע, פונעם קלענסטן, וואָס דער מאמעס מילעך פון די ליפּעלעך נאָך ניט אָפּגעווישט, וואָס קען נאָך דויד־צאַך ניט זאָגן, ביזן גרעסטן, וואָס אפן טאטנס פּערד רייטנדיק, פייל־אויסן־בויגן יאָגט ער — אלע גלייך פאר רעב יוינעסן דעצאך דאָס לעבן מיט דער נעשאָמע. און אז כעוורע קליינווארג ליב, מיסטאַמע ניט אומזיסט. רעב יוינעסן דעצאך, רעב שימען בען יויכאָיס א קאָרעוו איז ער געווען, אָבער א קאָרעוו א גאנץ ווייטער.

רעב שימען בען יויכאָי א הענדלער.

רעב יוינעסן דעצאך א טענדלער.

א טענדלער — דאָס פּעקל אף די פּלייצעס נעמט ער און אפן לאנד לאָזט ער זיך. קומט ער אין א שטאָט, רינגלט מען אים ארום: „בוימל גוטן האָסטו? בסאָמים, האָדעסלעך האָסטו? פינגערלעך? אוירינגלעך? קרעלן? א ציטערשפּילקע? א שנירעלע פּערל? א זילבערקרענצל? מוטערפּערלדיקע קנעפּעלעך?“

„אלצדינג פאראן.“

אזוי רעב יוינעסן דעצאך: ווילסטו טוירע גלאטע, ריינע, קלאָרע ווי בוימל, שמעקנדיקע — ער האָט; ווילסטו גלייכווערטעלעך זיסע, א מאָשל, א מייסעלע — ס'איז דאָ; אן אייצע א גלייכע, א טרייסט א ווארעמע — ער טראָגט דיר אקעגן.

און זיין, איז ער סאכאקל געווען א ווערשער.

איינמאָל די אָנגעזעענע לייט פון קראך־שפּאָרנאם צו אים צוגעשטאנען: „א דאיען זיי ביי אונדז! דו אף דער שטול זיך, און מיר פּארנאָסע און קאָוועד וועלן מיר דיר געבן!“

האָט רעב יוינעסן א מאָשל פון א באסמאלקע, זיי דערציילט: „אמאָל“, זאָגט ער, „א באסמאלקע געבוירן

געוואָרן; האָט איר די מאלקע אפן העלדזועלע א שני־רעלע פּערל אָנגעטון; טײַ־ערע פּערל פון עלטערזיידעס קיסרים א יערושע. וואָס־זשע די באסמאלקע געטון? גע־נומען די פּערל און צום פּיסקעלע געטראָגן. זאָגט דער מיילעך צו דער מאלקע: ,מיין ווייב, וואָס אזוי געאיילט זיך? ווארט, זאָל דיין טאָכטער אויסוואקסן, צום סייכל קומען, פארשטיין אז פּערל ניט פונעם מויל וועגן, וועסטו איר דיינע פּערל שענקען. אָבער איצט, אז אלצדינג נאָך צום מויל טראָגט זי, די פּערל נעם אראָפּ — זייגן גיב!"

„און טוירע", פּירט אויס רעב יוינעסן דעצאך, „טוירע איז פּערל, און דעצאך, וואָס מיינט איר, איז ער אייך? א זייגקינד? פּערל צום מויל וועט ער טראָגן? א וועשער איז יוינעסן און א וועשער לאָזט אים בלייבן! ניטאָ קיין בעסערס ווי א וועשער צו זיין. ארויס פון דער שטאָט, באָרוועס אין לעבעדיקן טייך שטייסטו דיר, דאָס ריינקייט פון טייך די פיס קושט דיר, מורמלט... דערציילט, דערציילט... סוידעס פון די טיפע יאמען דערציילט עס דיר: פון די טיפע יאמען און פון די הויכע הימלען וואָס באָדן זיך אין די טיפע יאמען. דאָס וואסערל דערציילט און דו שטייסט און דיין ארבעט טוסטו דיר: שווענקסט, וואשסט, ריינקסט; רייניקסט און וואשסט און האָרכסט און האָרכסט."

אז די אָנגעזועענע פון שפּאָרנאם אזוינע ווערטער געהערט, האָבן זיי אים אָפּגעלאָזט. „זאָל ער זיך גיין, יוינעסן, מיט זיין וועג!" האָבן זיי געזאָגט.

און צוויי האָט ער ליב יוינעסן דעצאך: דעם וואסערקוואל און קליינע קינדערלעך. „קליינע קינדער־לעך", זאָגט ער, „א קוואל פון ריינקייט זענען זיי, און

דער ריינער קוואל א קינד איז ער: פלאפלט, פלאפלט און ווערט גאָר ניט מיד פלאפלענדיק...״

און יוינעסן אליין ווי דער ריינער וואסערקוואל ניט מיד געוואָרן פלאפלענדיק צווישן די קינדערלעך.

ארום אים ווי בינדעלעך ארום האָניק האָבן זיי גע־קלעבט, א פרייע שאָ נאָר באקומען, באלד ביים וואסער לעבן דעצאך אויסגעוואקסן. דעצאך זיי אָפגעטויוולט, די ארבעט אוועקגעלייגט, מיט כעוורע אפן גרינעם גראָז זיך אוועקגעזעצט און מעשאָלים און מייסעלעך דערציילט...

און אז זיי זענען אויסגעוואקסן, אסאך פון זיי אויך וועשערס געוואָרן; וועשערס וואָס דערציילן שיינע מיי־סעלעך און מעשאָלים. „די מעשאָלים פון די וועשערס״, א שעם אף דער וועלט האָבן זיי ביז היינטיקן טאָג.

ד

ון אז רעב יעהודע געהייסן „כל דכפין״* אויסשרייען, רעב יוינעסן דעצאך זיינע באָכערים, וועשערס ווילע יונגען, צום טייך ארויס שטאָט צונויפגערופן, און מיט זיי אזא שמועס געפירט:

„האָט איר געהערט, כעוורע, וואָס רעב יעהודע היינט געלאָזט אויסרופן? ווי געפעלט דאָס אייך?״

* „קאָל דיכפין״

„געהערט! וויל! זייער גוט, אוואדע! וואָס דען?“

„און איצט אלע ווי די היישעריקן אף רעב יעהודעס שפּייכלערס זיך א וואָרף טון; א וואָך און צוויי — א קערנדל אף א רעפּוע ניט בלייבן. און דערנאָך, דערנאָך וואָס וועט זיין? די זיילן פון דער טוירע, די פּייערדיקע לייבן: רעב יעשועַ־בען־קאָרכע, באר־קאַפּאָרע, רעב כיע, רעב כאנינע — אלע, אלע די, וואָס זייערע וואסערן די זיסע טרינקען מיר און זייערע געמען בענטשן מיר, אלע אונטערן שניידמע־סער פונעם הונגער ווי די גארבן אונטערן שניטער וועלן זיי פאלן; דאָס ליכט פון כאָכמע זיך אויסלעשן אין אונדזער לאנד, און מיר — מיר וועלן זעען און שווייגן?“

„מיט די פּראלניקעס אין די הענט ביי די טירן פון רעב יעהודעס שפּייכלערס זיך אוועקשטעלן און וועט אבי ווער צוטרעטן — קעפּ וועלן מיר שפּאלטן!“

„און דעמאָלט וועלן די כאכאָמים זאָגן: ,דאָס בלוט פון אונדזערע ברידער וועלן מיר עסן? כאָלילע! איצט צו רעב יעהודעס שפּייכלערס א צוטריט פאר אלע גלייך ווי פאר אונדז!“

„וואָס־זשע טון?“

„ווייניק נאָך אין לאנד שפּייכלערס פאראנען? שפּייכ־לערס אָנגעלאָדענע און פולע, וואָס אונטער שווערע טוועס ברעכן זיי זיך?“

„פאראן, פאראן, אָבער אלע — אייזערנע שלעסער אף אייזערנע טירן!“

„בויט ברעכט אייזן!“

זענען צווישן די וואסער־יונגען צוויי גיבוירים געווען, איינער כאטאש און איינער אכאָוו.

זאָגט כאטאש:

„איך נעם אף מיר אלע הונגעריקע טאטעס פון ערעץ־יייסראָעל צו שפּייזן.“

„און איך אלע מאמעס!" זאָגט אכאָוו.

„און איך אלע קינדערלעך!" זאָגט דעצאַך, „ווער מיט אונדז?"

„אלע, אלע! מיר אלע!" האָבן די וועשערס, אלע ווי איינער, געשריגן און איינער דעם אַנדערן מיטן פּראַלניק איבער דער פּלייצע.

„נו, קום!"

„וואָס־זשע שטייסטו?"

ה

און פון יענעם טאָג אָן וווּנדער האָבן זיך אָנגעהויבן איבערן לאַנד צו הערן. אלע פרימאָרגן אנדערע שפּייכלערס אָפּן טרעפט מען; אָפּן און אויסגעליידיקט — ריין, גלייך דער גענעם־שאמעס מיט א גרויסן בעזעם זיי אויסגעקערט.

און די נאכטוועכטערס מיט ציטערניש און קלאַפּנדיק א צאָן אָן א צאָן דערציילן:

„אַף אונדזער היטפּלאַץ האָבן מיר געוואכט און אַף אונדזער וואך זענען מיר געשטאנען אין דער טיפער נאכט. ווי מיר שטייען אזוי, וואקסן פון דער פינצטערניש ארויס הויכע מענער, עפּעס מוירעדיקע אזוינע. זיי — זיבן איילן, זייערע קיווערס — זיבן איילן און זייערע

ווערטער עפּעס מאָדנע אזוינע... זיי טוען א זאָג: ,דעצאך!' שפּרינגען שלעסער און ריגלען פון טירן. זיי טוען א זאָג: ,אדאש!' ווערן די הינט אנטשוויגן, לעקן דעם שטויב פון זייערע פיס. זיי טוען א זאָג: ,אכאוו!' פאלן מיר מיטן פּאָנעם צו דער ערד.

גייען זיי אין די שפּייכלערס אריין, טראָגן דאָס ווייסל פונעם אויג ארויס און מיר — זעען און הערן. וויל'מיר שרייען, קערט זיך די צונג אין מויל ניט איבער; וויל'מיר זיי נאָכלויפן — ניט מיר קענען מיט אן אייווער רירן!"

גייט מען און מע דערציילט דאָס דעם קייסער. האָט זיך דער קייסער דערשראָקן: „אזוינע לייט, זיי קענען זיך דאָך אויך צו מיינע אויצרעס פארקלויבן!"

האָט ער א באפעל געגעבן צו זיינע טאליאָנים: „כאפּן די גאנאָווים!"

איז אָבער אף די טאליאָנים א פּאכעד געפאלן. אז די נאכט זיך אָנגערוקט, די טאליאָנים מוירע באקומען די נאָז ארויסצוווייזן. איז געווען, אז זיי האָבן מוירע געהאט ביינאכט, האָבן זיי זייער ארבעט בייטאָג געטון: אין די גאסן זיך אומגעדרייט און ביים ליכט פון דער זון גאנאָווים געזוכט.

באגעגנט זיי רעב עלאָזער דער זון פון רעב שימען, זאָגט ער צו זיי: „גאנאָווים בייטאָג זוכט איר זיי? צי ווייסט איר דען ניט, אז די לייט צו די כאיעס אין וואלד זענען זיי געגליכן? די נאכט פירט זיי ארויס, דער טאָג ברענגט זיי אריין! צי קענט איר דען בייטאָג זיי דערקענען? עפּשער גאָר צאדיקים כאפּט איר און די רעשאָים, זיי גייען אייך פארביי און לאכן אין די פויסטן?"

זאָגן די טאַליאַנים: „וואָס־זשע זאָלן מיר טון? דער מײלעך הײסט כאַפּן, מוז מען כאַפּן.“

זאָגט רעב עלאָזער: „איך װעל אײַך לערנען, אזוי טוט: גײט אַרײַן אין װײַנהױז פֿיר שאָ אַפֿן טאָג, זעט איר אײנער זיצט און דרימלט, דער בעכער אין האַנט און פֿונעם בעכער רינט און קאַפּעט, פֿרעגט: ,װער איז ער! איז ער א פּױעל — פֿאַרטאָג געאַרבעט, איז ער א טאַלמיד־כאָכעם — פֿאַרטאָג געלערנט, ניט דאָס און ניט דאָס — א גאַנעװ! כאַפּט אים!“

זאָגט דער ראָש־האַטאַליאָנים: „װער דאָס בריװעלע לײענט איבער, דער פֿאַרטײַטשן זאָל עס! איך בין גװיזער: ,,דו זײ דער גאַנעװוכאַפּער!“

איז רעב עלאָזער א כאַפּער געװאָרן.

שיקט רעב יעהודע אים רופֿן און זאָגט אזוי צו אים: „כאַפּן — כאַפּ! סאָף גאַנעװ צו דער טליע! נאָר װאָס דען, מײַנע טאַלמידים ריר ניט אָן!“

„כאַסװעשאָלעם!“ שפּרינגט רעב עלאָזער צוריק, „כאָלילע! דײַנע טאַלמידים גאָר?“

„און קעדײ דו זאָלסט קײנמאָל קײן טאָעס ניט האָבן, װעל איך מײַנע טאַלמידים סימאָנים געבן: דעצאַך, אדאַש, װעאַכאַװ.“

„גאָט מיט דיר, ראַבי! װי פֿאַלסטו דאָס אױס? דעצאַך, אדאַש, װעאַבאַװ — אזױנע װערטער? האַס־מילהאַזקער!“*

„סימאָנים“, באַרױקט אים רעב יעהודע, „סימאָנים; אַז אײנער װעט די װערטער הױך אױסרופֿן, זאָלסטו דעם אױער צולײגן! װעט ער קלױמערשט דרימלענדיק און האַלטנדיק דעם קאַפּענדיקן בעכער אין האַנט, דורכלאָזן

* הס מלהזכיר

שטיל דורך די ציין: ,דצ"ך — דם, צפרדע, כינים; עד"ש — ערוב, דבר, שחין; באח"ב — ברד, ארבה, חושך, בכורות' * — מיין טאַלמיד, אַז ניט — אַ גאַנעוו, און ווייס וואָס דו האָסט צו טון!"

„גוט!" האָט רעב עלאָזער מיט אַ פרייד אויסגערופן, „גוט! די צאַדיקים אַ בראָכע, די רעשאָים אַ בראָך! זעען וועלן די רעשאָים, מע טוט זייער שפּראָך אַ זאָג — לאָז איך אָפּ, וועלן זיי מיינען, רעב עלאָזער אויכעט ווי די נאַרישע נאַכטוועכטער, אין קישעף גלייבט ער, וועלן זיי אויך אומיסטן אַזוי אַ זאָג טון, רעב עלאָזערן איבער־צושרעקן, און אַריין אין דער נעץ."

„ווי אין פּאָסעק שטייט: ,דער צאַדיק פון דער צאָרע אַרויס, דער ראָשע אין איר אַריין.'"

„אָמיין!"

און רעב עלאָזער צו דער אַרבעט זיך גענומען און טאָג אויף טאָג אין אַנדערן געכאַפּט. האָט דאָס די כאַכאָמים פאַרדראָסן: רעב עלאָזער דער זון פון רעב שימען אַ כאַפּער גאָר? רעב עלאָזער?! די טוירע וואָס קוקט פונעם הימל אַראָפּ? און רעב יעהודע שווייגט? דער נאָסי ** שרייט ניט אָן אויף אים, זאָגט ניט, קרום טוסטו? מע שמועסט גאָר, רעב יעהודעס אייצע...

וויאַזוי־זשע גיט מען דעם נאָסי צו פילן אַז סע פאַרדריסט?

אַן איידעם רעב יעהודע געהאַט, באַר־עלאָשע ער געהייסן. זייער אַ רייכער, געלד — קוירעכס אוצרעס, אָבער טוירע־און־כאָכמע — קוים אויף שפּיץ מעסער.

---

* דעצאַך — דאָם, צעפאַרדייאַ, קינים; אַדאַש — אָרעוו, דעווער, שכין; וועאַכאַוו — באָרעד, אַרבע, כוישעך, בכוירעס

** נשיא

זאָגט צו אים באַר־קאַפּאָרע: „אלע צו ראבין מיט שיילעס קומען און דו ניט אמאָל דו פרעגסט אים עפּעס!"

„אדעראבעה, וואָס זאָל איך אים פרעגן?"

„פרעג:

זי קוקט פונעם הימל אראָפּ,
א בייזע זי מורמלט און ברומט.
זי שרעקט אלע פייגעלעך איבער...
די קינדער פאר איר זיך באהאלטן,
די זקיינים, זיי שטעלן זיך אויף
און בלייבן דערשראָקענע שטיין.
און ווער סע אנטלויפט, שרייט: אוי ווי!
און וועמען מע כאפּט,
אין נעץ פון זיין זינד ער געפאנגען?!"

באַר־עלאָשע געפרעגט, באַר־קאַפּאָרע געשמייכלט, רעב יעהודע פארשטאנען און געבייזערט זיך.

ר

רייט זיך רעב עלאָזער מיט די טא־ליאָנים אין גאס, טרעפט אים איינמאָל דער טאנע רעב יעשוע־בען־קאָרכע. שרייט דער טאנע רעב עלאָזערן נאָך:

„קוואס פון עקסטן פאס, וואָס טוסטו?"

„דערנער פון וויינגאָרטן רייס איך."

„און ווער איבערן וויינגאָרטן דיך פאר באלעבאָס געשטעלט דערנער אויסצוראָטן? גענוג!"

3182 — 13

רעב יעשוע־בען־קאָרכע אָנגעשריגן, רעב עלאָזער ניט ער הערט. ער, זיינס טוט ער זיך: ער כאפּט. טאָגאיין טאָגאויס כאפּט ער. וועמען? גאנאָווים? ניין. וועמען־זשע דען? עלייאָהו האנאָווי! טאָג אף טאָג דער נאָווי אן אנ־דער געשטאַלט נעמט ער אָן, און וויינהויז מיט א גרויסן קאָס אין האנט זעצט ער זיך אוועק און דרימלט. קומט רעב עלאָזער צו אים צו, פרעגט: „פונוואנען און ווער?" דער נאָווי קלוימערשט ווי פון שיקרעסשלאָף טוט בייז א ברום: „אוועק! דעצאך, אדאש..." באלד רעב עלאָזער דעם אויער לייגט צו, הערט ער ניט מער נאָר א כראָפּען. ניט געהערט די סימאָנים פון רעב יעהודע, גיט אים רעב עלאָזער צו די טאליאָנים איבער.

טאָג אף טאָג רעב עלאָזער אין די הענט פון די טא־ליאָנים אים איבערגעגעבן און טאָג אף טאָג דער נאָווי פון דער טליע א לעבעדיקער אראָפּ. אפן נאָווי האָט די טליע קיין שליטע ניט. דער נאָווי לעבט איבער די טליע.

דערפאר אז דעם נאָווי צו דער טליע מע האָט געפירט, די טליע געוויינט, איר קאָל אף א מייל די ווייט געגאנגען.

דאָס געוויין פון דער טליע קיינער אָבער ניט געהערט. פארוואָס? איבע־ן קאָל פון ראביס מוילאייזלעך.

אסאך מוילאייזלעך ראבי געהאט. ראביס שטאל־מייסטער רייכער פון שוויר־מיילעך־פּאָרעס איז ער געוועזן, און אז האָבריק פאר די מוילאייזלעך האָט ער געוואָרפן, געגאנגען איז זייער קאָל אף דריי מייל די ווייט.

מאכמעס דעם הירזשען פון די אייזלעך איבערן האָבריק, דאָס געוויין פון דער טליע הערט מען ניט.

אמאָל אין א טאָג נעמט דער נאָווי און פאר א וועשער פארשטעלט ער זיך. פאר א וועשער זיך פארשטעלט,

לעבן ווײַנהויז שטייט ער און אז רעב עלאָזער קומט צו: „קוואס פון עקסטן פאס!" דער וועשער גלייך אין פּאָנעם אַרײַן טוט אים א וואָרף.

„אזוי גאָר?" איז רעב עלאָזער אויסער זיך געוואָרן, „אזוי גאָר?! אזא אזעס־פּאָנעם? מיסטאם א ראָשע! נעמט אים!"

האָבן די טאַליאַנים דעם וועשער געכאַפּט.

באלד אָבער רעב עלאָזער צו זיך געקומען, באַרעכנט זיך: וואָס האָב איך געטון? כאַפּט ער, לויפט, דעם וועשער אויסלייזן וויל ער — פארפאלן! שוין אויפגעהאָנגען אף א הויכן בוים!

שטעלט זיך רעב עלאָזער אונטערן בוים אנידער און וויינט, וויינט אף א קאָל. קומט א וועשער צוגיין און זאָגט: „וויין ניט, רעבע, דערדאָזיקער באָכער, איך געקענט אים — א שאָכן. איינמאָל יאָמקיפּער, וואָס אים שאַבעס געפאלן, ער אף אָט דעמדאָזיקן בוים געקלעטערט — א נעסט אפן שפּיץ בוים געווען; די מאמע פון די פייגעלעך ער צוגענומען. זיין פאָטער אן אלטער פרומער ייד געווען, אף אים אָנגעשריגן: ,וואָס טוסטו, ראָשע? אָפּגעשניטענע יאָרן ווילסטו?' ער דעם פאָטער מיטן פוס אין האַרץ אַרײַן! א ראָשע־מערושע!... א שטיין אין הימל גע־וואָרפן — אים אין קאָפּ צוריקגעפאלן."

דאָס דערהערט, לייגט רעב עלאָזער די הענט אפן בויך, גלעט זיך און זאָגט: „פריי זיך, רעב עלאָזער, פריי זיך! אפילע ווען דיין בויגן אין שטאָקפינצטערניש שפּאַנ־סטו, גלייך אין ציל אַרײַן טרעפסטו — הײַנט נאָך ווען דו שטעלסט דיין בויגן אָן אינמיטן העלן טאָג!..."

ווי ער רעדט אזוי און ווי ער גלעט זיך אזוי, ערשט דער וועשער גאָר צעלאַכט זיך און ווערט אַנטרונען.

ווי א פינצטערע כמארע, וואָס מיטאמאָל ווי זי שטייט און גייט, מיט בליצן, מיט דונערן אָנגעלאָדן, א ברעך זיך איבער און פונעם הימל אראָפּ, אזוי רעב עלאָזער, ווי הויך, ווי גרויס ער איז, צו דער ערד זיך א וואָרף! און אזוי, א פינצטערע, פארגליווערטע כמארע געבליבן ליגן. האָט עמיץ ווער זיך איינגעשטעלט, אין זיינע פיר איילן אריינגיין געפּרוווט — א דונער אים דערשלאָגן.

א טאָג מיט א נאכט רעב עלאָזער צו דרערד גע־לעגן און דערנאָך מיטן באַגינען, ווען די נעפּלען פון די בערג הייבן זיך אויף, רעב עלאָזער פון דער ערד זיך אויפגעהויבן, דאָס פּאָנעם אין די הענט באהאלטן און ווי א כמארע פון ווינט געטראָגן, אהיימגעלאָפן.

אהיימגעקומען, רעב עלאָזער אין א באזונדער ביי־דער אף טאָמיד זיך פארשלאָסן.

און פון דעמאָלט אונטערן הארץ ביי אים א קוואל אויסגעבראָכן; איז רעב עלאָזער געזעסן און געלערנט — דער קוואל געררוט, האָט ער אף א רעגע אויפגעהערט לערנען — דער קוואל זיך געעפנט און בלוט האָט גע־רונען. אז רעב עלאָזער שלאָפן געגאנגען, זעכציק איבער־בעטן אונטער אים האָט מען אויסגעבעט; אינדערפרי זעכציק עמער בלוט פון זיי האָט מען אויסגעדרייט.

און רעב יעהודע אויכעט גרויסע יעסורים אף זיך האָט ער אָנגערופן. זעקס יאָר פיבערשוידער, זעקס יאָר קראמפן. אז רעב יעהודען די קראמפן א נעם געטון, האָט ער דאָס גרויסע ביטערע געשריי געשריגן.

האָט דער שטאלמייסטער געזאָגט: „נאָכוואָס די רעשאָים זיך פרייען?...‟ „איז אומיסטן, ווען צו רעב יע־הודען די קראמפן צוגעטרעטן, דער שטאלמייסטער פאר די איילען האָבריק געוואָרפן.

האָט רעב יעהודע דאָס קאָל פון די אייזלען איבער־געשריגן, און זיינע געוואלדן ביז צו די יאמוואנדערער דערגאנגען.

רעב יעהודעס ווייגעשרייען ביז היינטיקן טאָג איבער די כוואליעס פון די יאמען בלאָנדזען זיי און קענען זיך ניט קיין אָרט און ניט קיין רו געפינען.

און צום סיידער עלייאָהו־האנאָוויס קאָס שטעלט מען, און אז די האגאָדע דערציילט מען און צו די צען פלאָג קומט מען צו, זאָגט מען: „רעב יעהודע פלעג מיט זיי סימאָנים געבן: דצ״ך, עד״ש, באח״ב.״ און פונעם בעכער קאפעט מען אָפּ:

סע קאפען און קאפען פון בעכער
די טראָפּן ווי ליכטיקע טרערן —
און ווען וועט שוין קומען דער נאָווי
און בסורעס פון אים ועל׳מיר הערן!

כאַדגאַדיע

א

לעבן באָד
שטייט א ברונעם מיט א ראָד.
נעמט אוןווארפט פון דאָרט א פייל,
פליט זי דריי מאָל זיבן מייל.
דריי מאָל זיבן — איינאונצוואנציק,
שטייט א שטיבל אונטער דאנציק.

אין שטיבעלע וווינט א פאָרפאָלק: א קאָטער מיט א קאַץ.

איז די קאַץ געלעגן געוואָרן און אכט קעצעלעך מיטאמאָל געבוירן: איינס ווייס, איינס שווארץ, איינס אויך שווארץ נאָר די פיסעלעך ווייס, איינס ווייס, נאָר שווארצע רינגעלעך אפן עקעלע און אפן פלייצעלע א שטעקעלע (א שווארצער צייכן אזא), איינס געפינטלט, איינס רויט, איינס גרוי, איינס געדענק איך שוין ניט וויאזוי... אָבער אלע גלייך שיין, אלע גלייך קלוג. אז זיי זענען אונטערגעוואקסן, ערשט יעדעס באזונדער זיינע באזונדערע מיילעס ארויסגעוויזן און דעמאָלט יעדעס זיין באזונדערן נאָמען באקומען.

דאָס וואָס איך געדענק עס ניט וויאזוי — א גוטס, א פרומס, א שטילס, א פּאָשעטס געווען — האָט מען עס גערופן פּאָשעט: קעצעלע, קעצעלע מיינס. דאָס

שווארצע — א פארביסנס, א בייזס, מיט שארפע צייג־
דעלעך — קיילעוול האָט מען אים א נאָמען געגעבן. דאָס
וואָס מיטן שטעקעלע אפן פלייצעלע — א שטיפערל, א
שלעגערל, שטענדיק צו מילכאָמע גרייט — שטעקעלע
האָט עס געהייסן. דאָס רויטע א ספירט, א ברען — פיי־
ערל. און דאָס ווייסע א שטילס, נאָר ווי א שטיל וואַ־
סערל טיף גראָבט עס — וואסערל געהייסן. דאָס גרויע —
קלוימערשט טאמעוואטע זיך אזוי, קען קיין צוויי ניט
ציילן, אָבער אז סע דארף, נישקאָשע, שטויסט עס זיך
אָן! וויאזוי זאָל דאָס הייסן? עפשער ניט עקסעלע?
הייסט עס טאקע עקסעלע! און דאָס שווארצע מיט די
ווייסע פיסעלעך, וואָס כאפט דעם אָנבליק פון א שווי־
כעטל, אין א שווארץ־סאמעטענער זשופּעצע און אין
ווייסע שיך־און־זעקעלעך — א כארעף. א שארף מיי־
כעלע און נעגעלעך כאלאָפּימלעך. דארף איך אייך נאָך
זאָגן וויאזוי מע האָט עס גערופן? איר פארשטייט ניט
שוין אליין אז שויכעטל און ניט אנדערש? און דאָס
וואָס מיט פינטעלעך געפינטלט, וואָס פון קאָפּ ביז פיס
שווארצע פלעקן פול ווי דער מאלעך־האמאָוועס מיט
אייגעלעך פינצטערע, א מאזיק; אף אלע מויזנלעכער
א טויטשרעק אָנגעוואָרפן, כאָטש אליין נאָך א וועווריק,
א שנעק... וויאזוי ווילט איר זאָל דאָס הייסן? מאלעך־
האמאָוועסל? אוודע הייסט עס אזוי: מאלעך־האמאָוועסל.

אָט האָט איר זיי, די כעוורע, אלע אכט מיט די
נעמען: קעצעלע, קיילעוול, שטעקעלע, פייערל, וואסערל,
עקסעלע, שויכעטל, מאלעך־האמאָוועסל.

יאָ, שיר ניט פארגעסן: שטיל וואסערל נאָך א נאָ־
מען האָט עס געהאט: מאיאָ, פארוואָס? א טייל זאָגן:
ווייל אלעמאָל פלעג עס די אייגעלעך פארגלאָצן און

מאכן: מי־אָ! מי־אָ! אזא טעווע געהאט. אנדערע זאָגן: מאיאָ! אף קאָטעריש — וואסער. סע לייגט זיך אפן סייכל; אף טארגים־לאָשן אויך אזוי: וואסער — מאיאָ...

ב

איינמאָל שאבעס נאָך טיש, כעוורע אינדערהיים ניטאָ, אוועק אפן פעלד זיך שפילן, און דער קאָטער מיט דער קאַץ אקעגן דער זון אף דער פריספע זיצן און ווארעמען זיך, רופט זיך אָן דער קאָטער צו דער קאַץ: „מיין ווייב, ביז ווען אונדזערע קאדיישימלעך אין סטויבער אריין וועלן זיי וואקסן? פוסטעפּאס אומגיין? אף די גלייכע וועגט זיך דראפּען? סע מוז דאָך א שיר האָבן! שוין צייט, מיין איך, זיך א נעם טון צו זיי, לייט פון זיי מאכן!"

טוט דער מאמען האנאָע און זי זאָגט: „אוואדע! וואָס דען? נאָר וואָס זאָגסטו מיר? ביסט דאָך עפּעס א טאטע ביז הונדערט־און־צוואנציק יאָר!"

„וואָס עמעס איז עמעס", איז זיך מוידע דער קאָטער, „אוואדע בין איך א טאטע, אָבער דאָס ווײסטו, דאכט זיך, ניט לייקענען: די באָנימלעך אונדזערע פון דער הויט שפּרינגען זיי, בושעס נעמען מיר פון זיי איין, און ווער, אז ניט דו, איז דעם שולדיק? אז נאָר געפעסטעט זיי! אז מיט דער מאמעס צינגעלע נאָר געלעקט און נאָר געגלעט!"

„מ־מ־מ־יאָ! דו רעדסט נאָך!" די קאַץ טרויעריק צעמיאָקעט זיך, „אז זיי דרייען מיר, מיינע סאָנים, דעם קאָפּ אראָפּ, איז ווער ווען ארט עס? ביי לייט א טאטע שרייט אָן אף א קינד, ווארפט א מוירע, און דו, ווען זעט מען דיך אין שטוב?..."

„שא, שא!“ בארויקט זי דער קאַטער, „אַן עק! דו ביסט געראַכט! ניט דו האָסט צו זײ קויעך, ניט איך האָב צו זײ צײט... א מעלאַמעד מוז מען צו זײ האָבן, א מעלאַמעד! אי דאָס עפּעס א רעכטן! א טאַליען! מיט הערנער זאָל ער זײַן! פאַרן קוק זאָלן זײ ציטערן!“

„יאָ, א מעלאַמעד“, זאָגט די מאַמע, „טאַקע זײער גלײַך. אָבער, מיר דאַכט זיך, אַז צו א בײזער טויג ניט, מיט גוטן פּועלט מען אמאָל מער ווי מיט בײזן.“

„אָט האָסטו זי“, טוט זיך דער קאַטער א הײב מיט א קאַס, „א מ־יאָ זעסטו, שוין! אַז איך טײַנע: ,זי איז זײער מאַלעך־האַמאָוועס, קוילעט זײ אָן א מעסער,' מיאָ־קעט זי, לאָזט זיך ניט... איצט זעסטו שוין... מיט גוטן, זאָגט זי, ווי מיט ווײַכע אײַעלעך אומגײן מיט זײ!... אדעראַבע! אַנו, פּרווו! פּויעל עפּעס בײַ די מאַזיקים מיט גוטן! לאָמיר זעען!... אדעראַבע!...“

ווישט זיך שוין די קאַץ דאָס פּיסקעלע אָפּ און שווײַגט.

ג

אף מאָרגן בראָך טאָג,
דאָס פענצטערל דאָס בלאָע
געגומען זיך מינען;
יעוודאָכע די גויע
די וואָל שטײט אויף שפּינען;
פאַרבלאָנדזעט א פּיקסל,
דעם וועג ניט געפונען,
לויפט איבער דאָס שיקסל,
וואָס גײט ערשט צום ברונען.

דאָס פּיקסעלע לויפט איבער דאָס שיקסעלע דאָס באָרוועסע, וואָס מיט די קענדעלעך שעפּן וואסער גייט עס, און דאָס שיקסעלע מיט די קענדעלעך די ליידיקע, גייט איבער דאָס קאָטערל; דאָס קאָטערל, דאָס פּאָטערל, וואָס גייט פאר די קינדערלעך א מעלאמעדל זוכן.

ס'איז נאָכפּייסעך־צייט. גאנץ קאיאָר. אין הימל דער פּייערדיקער לייב נאָרוואָס די גרויסע, די ליכטיקע אויגן געעפנט, פון דער שווארצער הייל פּאמעלעך, געלאסן, מאלכעסדיק ארויסגעשפּאנט, מיט דער פעסטער לאפּע אין מיזרעכזייט א פענצטער אויפגעריסן, דעם ברענענדיקן קאָפּ מיט דער בריליאנטענער גריווע ארויסגעשטעקט און ברייט דעם פּיסק געעפנט, דער רויטער שלינג און די פלאמענדיקע צונג פונדערווייטנס — א סרייפע!

נאָכוואָס־זשע לייב דעם פּיסק געעפנט? עפּשער נאָכן שלאָף א געניץ טוט ער א גרויסן? א לייב געניצט ניט! עפּשער עסן וויל ער? די וועלט, כאָלילע, איינשלינגען? דער פּייערדיקער לייב אין הימל גאָרניט עסט ער ניט, נ אָ ר שטערנדלעך; בייטאָג עסט ער זיי אויף און פאר־נאכט פארן שלאָפנגיין, שפּייט ער זיי אויס צוריק... וואָס־זשע דען — די רייכעס די זיסע פון די גרעזעלעך די פרישע אָטעמט איין אין זיך דער פּייערדיקער לייב.

און די שפּילפּייגעלעך, זיי שוין לאנג די זיסע פּיס־קעלעך אָנגעשטעלט; ווי נאָר דער לייב דעם קאָפּ ארויס־באוויזן, די פייגעלעך מיטאמאָל א שפּיל אויף א וויוואט.

דער פּייערדיקער לייב זיך צעשמייכלט פאר פרייד — אין די אויגן טרערן זיך געשטעלט אים.

דער לייב שמייכלט, די טרערן זיינע די ליכטיקע אף די גרעזעלעך די פרישע ציטערן, די שפּילפּייגעלעך שפּילן, ביים קאָטערל דאָס הערצעלע טאנצט... סע גייט

זיך דאָס קאָטערל פאַרטראַכט אַזוי און מיאָקעט זיך אונ־
טער שטיל.

ווי סע גייט זיך מורקענדיק אַזוי אַ לידעלע, דער־
הערט עס:

אַז סע קומט ראָש־כוידעש ניסן
לייגט דער רעבע
ס'קאַנטשיקל אונטערן קישן,
אַז סע קומט ראָש־כוידעש איער
נעמט דער רעבע
ס'קאַנטשיקל אַפיר!
זאָגט־זשע, לעמעלעך, שרייט, צוין־קאָדעשים:
מע־מע! מע־מע־מע!

הייבט דאָס קאָטערל די אייגעלעך אויף, דערזעט עס
אַ ציגעלע. אַ פרום־קאָשער ציגעלע מיט הערנערלעך ווי
טפילן גרויסע אפן קעפּעלע, און מיט אַ שפּיצעכיק קאָ־
שער בערדעלע.

לאָזט זיך דאָס קאָטערל צום ציגעלע צו:

„שאָלעם־אַלייכעם!"
„אַלייכעם־שאָלעם!"

„פונוואַנען און וווהין?“

ענפערט ניט דאָס ציגעלע גלייך אף וואָס מע פרעגט עס, נאָר דאָס מויל מיט כאָכמע עפנט עס, און זאָגט מיט א געמאָרע־ניגענדל אזוי:

אז קרופּניק אן אכילע,
איז כאַנדריוּוקע א קעהילע,
האַנדלען דאָרטן אלע
מיט זאַפּערן צו כאַלע
און מיט יאַרמעלקעס פון סאַמעט;
דער מיסכער היינט געשלאָגן —
ווערט יעדער א מעלאַמעד!

„אויב איך האָב קיין טאָעס ניט“, זאָגט דאָס קאָטערל פריילעך, „זייט איר, דאַכט זיך, א מעלאַמעד!“

„אָן א קנעלונג!“ גיט צו דאָס ציגעלע שמייכלענדיק, „אַז אלע באַלעבאַטים אליין מעלאַמדים געוואָרן, איך מיר דאָס פעקל פונעם פלעקל גענומען, געלאָזט אף דער וועלט זיך א קנעלונג זוכן.“

„אויב אזוי“, זאָגט דאָס קאָטערל, „פאַרוואָס־זשע זאָלט איר מיר קיין וועג ניט פאַרשפּאָרן?“

„וואָס־זשע איר עפּשער אויך א קנעלונג זוכט איר? זאָל איך, ווילט איר, אייך אויך אינזינען האָבן און אין איין וועגס אויך פון אייערט וועגן א זוך טון? מאַכטייסע, פאַרוואָס ניט? גייט אהיים, זייט מויכל, זיצט און וואַרט... זייט רויק! איך וועל אייך שוין צוויסן טון.“

„ניין, ניט קיין קנעלונג, א מעלאַמעד זוך איך גאָר!“

„בע... מע!...“

„וואָס הייסט דאָס!“

„דאָס הייסט, אז פאַר צוויי גילדן קען איך אייך די גאַנצע טערכע פאַרשפּאָרן! פאַר צוויי גילדן קויפט איר מיך אף א גאַנצן זמאַן!“

„אָך! מאזל און בראָכע! איך זאָג אייך אָבער פאָרויס: אכט באָכירימלעך, קיין בייז אויג, האָב איך. קעפּעלעך דאווקע ווילע, אָבער מאזיקים, שלעק — פולע זעק. אויסטויגן מוז מען זיך צו זיי!"

„בע... מע..."

„מעקעט, מעקעט, נאָר געדענקט וואָס איך זאָג אייך!"

„בע... אף דעם בין איך דאָך איך, רעב כאדגאדיע!"

„וואָס?"

„כאדגאדיע, כאדגאדיע!" טרייסלט דאָס ציגעלע מיטן בערדעלע, „געדענקט מיין נאָמען!"

ד

און דאָס ציגעלע מיטן שפּיציכיקן בערדעלע ניט קיין פּאָשעטער מעלאמעד — גאָר א רועך געווען, א



רועך א מעלאמעד... אז ער מיט די אכט טאלמידימלעך קנעלן זיך אוועקגעזעצט, א קאנטשיקל מיט אכט לאנגע רימעטלעך האָט ער זיך געמאכט; „קאָשערע ציצעס" ער גערופן עס, „קאָפל־שמוינע־ציצעס" — אכט לאנגע הארטע ציצעס, און דערצו נאָך ביים שפּיץ פון יעדער ציצע שטאָט א קניפּ — א בלייקנעפּעלע צוגעגעבן. שלעכט! וואָס זאָג איך שלעכט? ביטער! די הויט האָט ער געריסן, פּאסעס געשניטן, וויי, וויי!

נעמט פּייערל, גאנוועט צו דאָס קאנטשיקל.

אף מאָרגן א ניי קאנטשיקל אויסגעוואקסן און שוין מיט זעכצן רימעטלעך.

זאָגט קיילעוול: „ניט דאָס קאנטשיקל — דאָס סידערל שולדיק!"

נעמט פּייערל, גאנוועט צו דאָס סידערל.

אף מאָרגן — א ניי סידערל דאָ און נאָך א גרעס־ סערס, און מיט אויסיעס קלענערע, אסאך קלענערע.

זאָגט עקסעלע צו שטיל־וואסערל: „מאיאָ, מאיאָ, וואָס זאָגסטו עפּעס אף אונדזערע ברידערלעך? שטויסן, שטויסן און קענען זיך ניט אָנשטויסן ווער אין עמעסן דאָ שולדיק. ווי געפעלט דיר דאָס, מאיאָ? זאָג זיי, מאיאָ, זאָג זיי: ,נאראָנים, ניט דאָס קאנטשיקל, ניט דאָס סידערל שולדיק, ניין!"

„ווער דען?"

„ווער? דער רעבע! דער רעבע איז שולדיק! אָט וואָס!"

„עמעס!" שאָקלט מאיאָ מיטן קעפּעלע, „עמעס!"

„ניט קיין מעלאמעד דאָס, א רועך", פּירט אויס עקסעלע, „כ'האָב זיך שוין דאווקע אָנגעשטויסן, יאָ!"

„וואָס רעדסטו? וואָס זאָגסטו?" שרייען אלע אויסער זיך און יעדער זיך מיטן לינקן לאַפּקעלע ביים רעכטן אוירעלע א כאַפּ, „א רועך? דער טאַטע אליין דאָך אים געקויפט! פאַר צוויי גילדן!"

אָווא! א מעציע! פאַר צוויי גילדן! פאַר צוויי גילדן קויפט מען טאַקע א רועך! א סימען, קויפט מיר סמאָלע, וועט איר עפּעס זעען! ווער ברענגט מיר סמאָלע?"

לויפט פייערל אין וועלדעלע, אין נאָענטן, אהין, ווו פון די הויכע ביימער סמאָלע טרייבט מען און ברענגט א גאַנץ טעפּעלע סמאָלע צוטראָגן.

גאַנוועט זיך עקסעלע אונטער, און דעם אויוונאָן, ווו דער רעבע זיצט, אי די באַנק, אי דעם טיש, מיט סמאָלע שמירט עס אָן.

קומט דער רעבע מיטן קאַנטשיקל אין האַנט, זעצט זיך אַף זיין אָרט אנידער, קנעלט, קנעלט, שמייסט, שמייסט, אזוי לאַנג, אזוי ברייט, ביז אים אליין אין קאָפּ אריין די זון געוומען שמייסן.

די זון דעם רעבן געשמיסן, אָנגעשמיסן, דער רעבע מיד געוואָרן, מיד געוואָרן, שפּאַרט ער אפן טיש דאָס בערדעלע אָן, א דרימל כאַפּט ער, שאַ!...

כעוורע האַלט דעם אָטעם איין, שטיל ווי אין אַן אויער, די פליגעלעך נאָר זשומען הערט מען; די פליגע־לעך זשומען, זשומען, שלייפערן איין אזוי, שלייפערן איין...

פּלוצים, כעוורע אלע מיטאַמאָל: „רעבע, סע נעצט!"

דער רעבע א כאַפּ זיך — צוגעוואַקסן! ער צו דער באַנק, דאָס בערדעלע צום טיש. ווערט ער אָנגעצונדן — א וואָרף, א ריס, א שפּרונג!... און שפּרינגט פון דער פּעל אַרויס. אוי מאַמעניו, א רועך!

כעוורע פּיסעלעך אַף פּלייצעס, דער רועך נאָך און נאָך. כאַפּט ער זיי, נעמט ער זיי אין זאַק אַריין, דעם



זאַק פאַרבינדט ער און אַף אַ הויכן בוים אין ווילדן וואַלד ער הענגט אום אויף. אָפּגעטון, צוריקגעלאָפן. די פּעל אַ

כאפּ, א רייס אָפּ, נאָר דאָס בערדעלע אפן טיש געבליבן — און ווידער אין דער פעל אריין.

אין ציגנפעלעכל צוריק אריין, זעצט ער זיך, דער רועך, פאר דער טיר אנידער, זיצט, זיצט און וויינט.

קומט דאָס פאָטערל צוגיין: „רעבע, וואָס וויינט איר?"

„איך בין קראנק! אוי, איך שטארב! איך בין טויט! טויטקראנק!... אויפגעגעסן מיך!... מיט די ביינער מיך אויפגעגעסן, מיט די קאָפּעטעס, מיט די הערנער!..."

„וואָס איז נייעס?"

„דאָס קעצעלע... דאָס גוטע, פרומע קעצעלע..."

„נו?"

„ערגער פון אלע. די לונג מיטן הארץ מיר אויסגע־געסן.... די באָרד אויסגעריסן... נא זעט!"

„און דער קאנטשיק? ווו ערגעץ דער קאנטשיק געווען?"

„וואָס רעדט איר, קאנטשיק? וואָס הערן זיי א קאנ־טשיק? ראָצכים, זאָג איך אייך! דאָס קיילעוול א גאנעוו, א מעשומעד, קען קלוימערשט קיין אוולעס ניט ליידן, לויפט צום קעצעלע צו: ‚דו, פארוואָס דעם רעבן דאָס בערדעלע ציפּסטו? מע מעג דען? מע מעג א רעבן דאָס בערדעלע ציפּן?' אזוי צוקערזיס רעדט עס און א ביס דעם קעצעלע... נו, נו, הייבט זיך שוין אָן ערדטרעטעניש. קומט שטעקעלע, נעמט זיך פאר קעצעלע אָן און שלאָגט דאָס קיילעוול; קומט פייערל, ברענט, — א גאזלען, מאכט אש פון שטעקעלע; קומט שטיל־וואסערל צולויפן, טוט א מורקע: ‚שא, פייערל! וואָס ברענסטו אזוי?' לעשט אָפּ דאָס פייערל מיטן עמעסן ביס; קומט עקסעלע, קושט דאָס וואסערל קלוימערשט, קושט מיטן פוסקעלע און קושט עס אויס; קומט שויכעטל און קוילעט אוועק דאָס עקסעלע;

קומט מאלעך־האמאָוועסל, דוירעס דאָס שויכעטל און אליין אוועק! אוועק! ווי אין וואסער אריין!״

„מאכט זיך קיין יעסורים ניט, רעבע!״ זאָגט דאָס פּאָטערל, „איך קען זיי, מיינע לייט! מע הארגעט זיך, מע הארגעט זיך — ניטאָ אף וואָס צו קוקן! קומט צום עסן, ווערט עס לעבעדיק, אויסגעוואקסן! און פאר מאלעך־האמאָוועסל זאָרגט זיך ניט: דער שאָדן זיך אָפּזוכן!... קומט בעסער, רעבע, מיט מיר; „מיינע״, זאָל לעבן, אייך א גלעזעלע קאווע־מיט־מילעך מאכן. קאווע־מיט־מילעך צו דער לונג די בעסטע רעפּוע און אפן הארץ אויכעט לינדער מאכט עס... קומט!״

ה

לאָזן מיר דערווייל דעם רועך קאווע־מיט־מילעך טרינקען, און מיר צו די קינדערלעך קערן מיר זיך אום: אין זאק אפן הויכן בוים הענגען זיי: אכט קעצעלעך אין איין גראָבן פינצטערן זאק...

„ווו זענען מיר?״ פרעגט פּייערל.

„ווו? ווארט, וועל איך זיך אָנשטויסן!״ זאָגט עקסעלע, „דאכט זיך ביי כאדגאדיע אין בויך זענען מיר!״

„אוואדע״, זענען אלע מאסקים, „אוואדע! ביז ווען וועלן מיר אין כאדגאדיע זיצן?״

און געכאפּט זיך כעוורע מיט אן אימפּעט רייסן, בייסן, ציפּן מיט די נעגעלעך, מיט די ציינדעלעך, ערשט — מע רייסט גאָר די הויט איינס פון דאָס אנדערע! כאדגאדיע אף שטיקער צערייסן וויל מען און מיט די נעגעלעך ברו־דערל אין ברודערל טרעפט גאָר!.. אז אזא פינצטערניש! אזא ענגשאפט! אזא דערשטיקעניש!

„קעצעלע, וואָס גראבלסטו?“ שרייט קיילעוול.
„איך?... דיך?... וואָס רעדסטו?...“
אין עמעסן קעצעלע אים טאקע ניט געביסן, קיילעוול גאָר פון שטעקעלע א קלאפּ באקומען, אָבער אין אזא טעמנעקייט — גיי זיך דיך אָפּ! בייסט קיילעוול דאָס קעצעלע און שטעקעלע באקומט א פּסאק פון פּייערל, כאָטש שטעקעלע אים אפילע ניט אָנגעריַרט...
און מאלעך־האמאָוועסל קריגט געשלאָגן און ווייסט ניט פון ווער... פאלט עס אף שויכעטל אָן און שויכעטל אף עקסעלע און עקסעלע אף שטיל־וואסערל און שטיל־וואסערל אף פּייערל... און איינס אף דאָס אנדערע, און איינס איבערן אנדערן — א קנויל ווערט, א בלוטיקער קנויל.
„ווארט!“ שרייט פּלוצים עקסעלע אויס, „ווארט, כ'האָב זיך שוין אָנגעשטויסן... דעם רועך, מיינט איר, שלאָגן מיר?... א טאָעס, ברידערלעך! מיר שלאָגן גאָר זיך אליין! זיך אליין שלאָגן מיר!“
„אוי, מיר פּילן דאָס! מיר פּילן דאָס!“ זענען אלע זיך מודע.
„וואָס־זשע טוט מען?“ פרעגט קעצעלע.
„איך ווייס!“ מורמלט שטיל־וואסערל.
„וואָס־זשע שווייגסטו אז דו ווייסט?“
זאָגט שטיל־וואסערל: „אזוי־ווי מיר ליגן דאָ אלע איינעם אין כאדגאדיע אין דער פּינצטער, און ניט קיין שטראל קיין ליכטיקן און ניט קיין וועג און ניט קיין אויסוועג, ניט מע זעט און ניט ס'איז דאָ — זאָלן מיר אלע איינעם, אלע מיטאמאָל אזא מיאָקעריי, אזא געזעמל, אזא יאָמער אויפהייבן, אז אין הימל דער פּייערדיקער לייב א ברום זאָל טון! די האָר קאפּויר אים זיך שטעלן.“
„וואָס־זשע וועט זיין?“

„איך יאָמער שוין!" ענפערט שטיל־וואסערל, און א הויקער איין זיך אין א נאָדל איין זיך, א צי שארף, מאָ־נענדיק, גרוילנדיק:

„מיאו ?! ?!"

און אין דער פינצטערניש אריין גרינבליצנדיקע רע־דעלעך פון די אויגן ווארפנדיק, די גרויסע קאצנשוועע אויסגעיאָמערט:

רויטער רייטער פון דער ווייט —
מיאו־מיא אף מיאו רייט
דורכן גרינעם גראָז פון דרערד,
דורך דער שארף פון שארפער שווערד,

דורכן רויטן פּאָדעמזייד,
דינע האָר אױף צװײ צעשניידט,
מיאו !!!

און מיטאמאָל אלע ברידערלעך צוגעשטאנען: קע־צעלע, קײלעװול, שטעקעלע, פּײערל, װאסערל, עקסעלע, שױכעטל, מאלעך־האמאָװעסל.

און אזא מיאָקעריי, אזא יאָמער אױפגעהױבן, אז דער װילדער װאלד זינט ער איז װילדער װאלד אזױנס ניט געהערט. פײגל פון די נעסטן געפאלן, אלטע דעמבעס איך פיבער זיך געטרײסלט, א גרױל! כאיעס פון װאלד און מענטשן פון שטאָט ביז היינטיקן טאָג דעם יאָמער קענען זײ ניט פארגעסן: מע רופט אים „דער גרױסער קאנציאָמער!“

דער רועך אים דערהערט — דערציטערט געװאָרן, דאָס גלעזעלע קאװע־מיט־מילעך פון די הענט ארױס־

געלאָזט און דורכן קױמען איז ער ארױס.

און טאטע־מאמע נאָכן קאָל פון די קינדערלעך זענען זײ נאָכגעגאנגען, אין װילדן װאלד געקומען — די

קינדערלעך פון כאדגאדיע באפרייט; די קינדערלעך באַ־פרייט, א גרויסע סודע געמאכט.

ווער ס׳איז אף דער סודע ניט געוועז,
דער קיין גרויסע סימכע ניט געזעז:
לעקעך מיט בראָנפן,
געפילטע פיש אויך,
און גילדענע זייגערלעך
אונטער דער יויך.
מע טאנצט און מע שפרינגט,
סע גייט אזש א רויך!

„לעק בוימער"

א



וואָס הייסט אזוינס „לעק בוימער"? ווער ווייסט ניט? „לעק בוימער" הייסט: לעק ביימער! לעק די גרינע, פרישע ביימעלעך: פאַל צו צו זיי מיט די וויינשלדיקע ליפּעלעך און לעק זיי און קוש זיי! זיי זענען דאָך אזוי זיס, אזוי טייער! אזוי זיך צעבליט, צעצוויטעט!

זיי שמעקן,
זיי וועקן,
דערקוויקן, דערפרישן.
סע גלוסט זיך צו טאַנצן
אף בענק און אף טישן.

דערציילט מען אָבער וועגן „לעק בוימער" גאָר עפּעס אנדערש. ניט „לעק בוימער", נאָר „ל"ג בעומר" * דאַרף מען זאָגן.

און וואָס הייסט „ל"ג בעומר"?

---

* לעגבוימער

„ל״ג בעומער״ איז א לאָשן־קוידעש־וואָרט. נײַן, ניט אײנס, ניט צוויי — טאקע גאנצע דרײַ, דרײַ ווערטער: לאמעד — דרײַסיק, גימל — דרײַ, בעומר — אין סנאָפּיקל.

וואָס־זשע מײנט דאָס?

איר מעגט עס הערן:

אמאָל איז געווען א גרויסער צאדיק. באר־יויכאַי האָט ער געהײסן. זײַן וואָרט ווי פרישער רעגן אף טריקן גראָז. זײַן קאָל ווי דער דונער. זײַן בליק ווי דער בליץ.

צו וואָס איז באר־יויכאַי געגליכנט געווען? צו א כמארע: א כמארע מיט רעגן, מיט דונערן און בליצן אָנגעלאָדן. און דער רעגנבויגן אין דער כמארע קײנמאָל ניט באוויזן זיך; א שטרענגער אזא ער געווען, באר־יויכאַי, א קאפּדן. אף די זינדיקע, טויטשרעק ער אָנגעוואָרפן. קומט אים א ראָשע פאר די אויגן, טוט ער, באר־יויכאַי, א קוק אף אים — א הויפן בײנער ווערט פון אים!

און פון אלע עקן לאנד טאלמידים אין די הונדערטער, די טויזנטער צו באַ־יויכאַי זיך געצויגן. אונטערן רעגן זײַנעם, קרעפּטיקן, מעכאַיעדיקן, ווילן זיי ווי יונגע בײַמעלעך אין פרילינגצײַט, זיך צעבליען און צעוואקסן.

און אָפּגעבריטע פון זײַן בליק, צעטומלטע פון זײַן בליץ, מאכנעסווייז, ווי טײַבעלעך צעשראָקענע, זיי צעפלויגן זיך, אהין־אהער צעזייט זיך און צעשפּרייט זיך:

„ניט ווער סע וויל, קומט צום לײַב, פארנעמט זײַן בריל!״

באר־יויכאַי טיף אין יעדנס הארץ אַרײַנגעקוקט. יעדן דורך און דורך געמעסטן מיטן קוק. און ווי צו דיר, ווי, אויב דײַן הארץ ניט ווי דײַן מויל; אויב אין מויל א מאלעך און אין הארץ א גאלעך! האָסטו אף דײַן הארץ

א פלעק, א שפּרענקעלע — טראָג זיך אָפּ! אנטלויף אויב דאָס לעבן דיר ליב; ווער מעג קומען צו באר־יוחאי זיך לערנען גיין אין זיינע וועגן? דער, וואָס קען אפּן בארג סיניי גיין, פונעם דונער טוירע הערן.

אונ ווער קען אפּן בארג סיניי גיין?
ווער זיין מויל צו בייזן ניט געבראכט,
זיין הארץ קיין פאַלשקייט ניט געטראכט,
ניט געשפּעט און ניט געלאכט,
קלוג ווי דער טאָג און שטיל ווי די נאכט.

און אזוינע אין גאָר דעם לאנד זיך אָנגעקליבן קוים פינפאונדרייסיק, פינפאונדרייסיק איינס אם איינס! אלע — זויבערע, באשמעקטע ווי די זאנגען אפּן פרישן פעלד, וואָס דעם הימל דאָס געבענטשט.

און די פינפאונדרייסיק, אלע — איין הארץ, איין נעשאָמע. אלע אינײנעם ביי איין טיש געלערנט, ביי איין טיש געגעסן, אונטער איין דאך געשלאָפן; אונטער איין דאך, אף דער ערד, מיט א פּויסט צוקאָפּנס, אין די קליי־דער געשלאָפן. געלעבט אין נויט, געגעסן זאלץ מיט ברויט און טוירע געלערנט. און אלץ אינײנעם.

„דאָס סנאָפּיקל" האָט מען זיי גערופן. פינפאונ־דרייסיק אין סנאָפּיקל געווען. און באר־יוחאי — דער גארטל, וואָס דאָס סנאָפּיקל נעמט ער ארום. ער מיטן סנאָ־פּיקל — זעקסאונדרייסיק: לאמעד־וואָוו הייסט דאָס אף לאָשנקוידעש. ווו א צאדיק פון צאדיקים־לאנד, הייסט ער דערפאר לאמעד־וואָווניק.

ב

מאכט זיך אמאָל, צוויי פון די לאמעד־וואָוו, אנע און באנע, כאסענע האָבן גרייטן זיך. און קיין כאסענעקליידער ניטאָ. גייען זיי אום אומעטיק־פארזאָרגט א טאָג און צוויי, ביז דערפון דער־ויסן זיך אזאי און פאזאי, זייערע כאוויירים. וואָס־זשע טוען זיי? גייען ארויס און פארשטעלן זיך פאר נעוויילע־שינדער (א מיסע מעלאָכע, נאָר מיט בראָכע!), א וואָך דורכאנאנד נעוויילעס אין די גאסן געשונדן און דערנאָך פארן גאנצן פארדינסט זיידענע מאלבושים געקויפט. מיט רויזנזאפט זיי באשפריצט, מיט נעגעלעך און געווירצן אָנגעדופט און אנען און באנען אוועקגעגעבן — כאסענע־געשענק.

אָפּגעטאנצט די כאסענע זאָגט אזאי צו פאזאי:

„ברודער פאזאי, אין דער הייליקער טוירע שטייט: ‚א טייך גייט ארויס פון איידן און טרינקט אָן דאָס לאנד כאווילע, וואָס דאָרטן איז דאָס גאָלד.' איז ווייסטו וואָס? לאָמיר קיין כאווילע זיך אוועקלאָזן, אויצרעס אונזאמלען, אויף די קעמלען אָנלאָדן, אהיימברענגען, צווישן אלע אָרעמע פון שטאָט צעטיילן. וועלן אלע אָרעמע געהאָלפן ווערן און מיר מיט זיי."

זאָרג און באָרג שוין ניט קיין שטער,
זיך און לערן מיט באגער!

„גוט", ענפערט פאזאי, „אזוי בלייבט עס!"

אף מאָרגן קאַיאָר, דער האָן נאָר א קריי געטון, ביידע כאוויירים די טאָרבעלעך אף די פּלייצעס און — קיין כאווילע! גאָלד זוכן גייען זיי.

און אז צוויי אוועק, וויפל אין סנאָפּיקל געבליבן? דרייאונדרייסיק — ל״ג בעומר.

זאָגן די דרייאונדרייסיק: „וואָלטן מיר אויך אזוי ווי אזאי און פּאזאי געטון, וואָלט שוין גאָר גוט געווען; אזאי און פּאזאי גאָלד פאר גאָר דער שטאָט, מיר מיט זיי — פאר גאָר דעם לאנד!“

הערט דאָס באר־יויכאי, כמורעט ער זיך אָן — פאר־ציטערט ווערט דאָס סנאָפּיקל.

און בייזע, געדיכטע ברעמען האָט ער, באר־יויכאי, געהאט. איבער די אויגן זיינע די ברענענדיקע זענען זיי געפאלן. מיט געפּעלעך צוויי פלעגט ער זיי אויפהייבן. הייבט ער די ברעמען אויף און ער דונערט: „גאָלד גאָר? גאָלד? איז וואָס־זשע קיין כאווילע? אזוי ווייט?... מיט מיר קומט! איך אייך ווייזן גאָלד! ריין גאָלד, גינגאָלד! עמעסן „זאָעוו־טאָער!“

און באר־יויכאי זיינע טאלמידים פון שטאָט ארויס־געפירט, צו א טאָל אין פרייען פעלד געבראכט. צו א טאָל געבראכט און אזוי א זאָג געטון:

טאָל, טאָל, גרינער טאָל!
זאָל זיך גיסן,
זאָל זיך פליסן,
גאָלד און גינגאָלד אָן א צאָל!

באלד דערויף א ווינטעלע א בלאָז, איבער גראָז און זאנגען זיך א טראָג און גאָלד און גינגאָלד זיך גענומען גיסן, איבערגיסן. קעגן דער זון דער ליכטיקער העליש

גאָלד געפלאָסן ווי די כוואליעס פון כידעקל, וואָס דאָס לאנד כאווילע ער נעמט ארום. „אָט גאָלד! עמעס גאָלד! גאָלד פון מאַזל־בראָכע! און יענץ גאָלד, וואָס יענע זוכן דאָרט — טויט און קלאָלע!" אזוי באר־יוחאי צו זיינע טאלמידים די דרייאונדרייסיק געזאָגט.

זענען שוין די דרייאונדרייסיק קיין כאווילע ניט געגאנגען. אינדערהיים ביי היימישע פעלדער און טאָלן געבליבן, פעלד געאקערט, טוירע געלערנט, ספאָרים גע־שריבן. און אזאי און פאזאי? זיי וואָגלען, זיי וואנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פון איין לאנד אין אנדערן.

פאָרן, פאָרן
אף א קעמל, אף א שיפל
טעג און יאָרן
און כאדאָשים ווייס איך וויפל.

אקלאל: געפאָרן קיין כאווילע, געקומען פון כאווילע און ניט מיטן בייטשל כאָלילע. צוועלף קעמלען פירן זיי; צוועלף קעמלען שווער באלאָדענע, גינגאָלד אָנגעלאָ־דענע; גינגאָלד פון כאווילע. ניט קיין שפאס, ניט קיין ווערטעלע צו זאָגן! איז דאָך אָבער אן אומגליק באשערט, הערט־זשע וואָס סע טרעפט זיך.

ג



אפן וועג אהיים, שוין ניט ווייט פון זייער געבירשטאָט, ביינאכט דורכן ווילדן וואלד אזאי און פאזאי מיט די קעמלען געצויגן.

אין יענעם וואלד, צו יענער צייט, דער גאזלען באר־טאמאליען מיט זיין באנדע זיך אויפגעהאלטן.

אף אים האָט מען געזאָגט: ער איז אמאָל איבערן שפּיץ מויער ארום דער שטאָט מעכווע געלאָפן, א רייטער אף א פערד אים אונטן נאָכגעיאָגט און ניט דער־יאָגט.

און נאָך האָט מען דערציילט: אף צוויי בריקן איבערן טייך רויגנאז צוויי מוילאייזלען געשטאנען, און באר־טאמאליען פון איין אייזל צום אנדערן געשפּרונגען, האלטנדיק צוויי קויסעס אין די הענט, פון איין קאָס אין אנדערן געגאָסן און קיין טראָפּן ניט פארגאָסן. און מיינט איר עפּשער, א שטילער דרויסן דעמאָלט געוועז? האָט איר א טאָעס. אין יענעם טאָג א שטורעמווינט דעכער געריסן, אין הימל געשמיסן!

ציען זיי, אזאי און פּאזאי, מיט זייערע קעמלען דורכן ווילדן וואלד און זעכציק גיבוירים מיט שווערדן בלויזע ארום די קעמלען די אויצרעס באוואכן. מיטאמאָל — גאזלאָנים! א געיעג, א געשלעג, די גיבוירים האקן, בראָקן — די גאזלאָנים ניט דערשראָקן. די מעלאָכע קענען זיי אויך: אי שפּאלטן א קאָפּ, אי שניידן א בויך. קורץ, די גיבוירים, באוואשן מיט רויטער יויך, כאפּן די פיס אף די פּלייצעס און וויאזוי, ווהין, ווער סע קען. און די גאזלאָנים אזאין און פּאזאין געכאפּט, נאקעט און באָרוועס זיי אויסגעטון, מיט רימענעס מיט פעסטע, מיט שטארקע פאר די הענט און פאר די פיס צו צוויי דעמ־בעס זיי צוגעבונדן, און די מיילער זיי מיט קליאָטשע פארשטאָפּט — שרייען זאָלן זיי ניט קענען.

„דאָס אייך דערפאר, ווייל קעגן דער שייקע פון באר־טאמאליען איר געשטעלט זיך! אז גליק וועט איר

האָבן — די וועלף אייך אויפעסן, אַניט — פאַר הונגער וועט איר שטאַרבן!" געזאָגט די גאַזלאָנים און די צוועלף קעמלען גאָלד אָנגעלאָדענע אין דער נאַכט אַריין, דער פינצטערער, אַוועקגעפירט.

ד



ין יענער נאַכט איז פאַרוואָגלט געוואָרן דער שלאָף פון „ל"ג בעומר"; די דרייאונדרייסיק, וואָס אין סנאָפּיקל געבליבן, שלאָפן ניט געקענט. ס'הייסט — ניין, שלאָפן זענען זיי דאַווקע יאָ געשלאָפן. נאָך וויאַזוי! טיפער ווי טאָמיד. נאָר וואָס דען? זיי געשלאָפן, און די הערצער אויף, וואַכנדיק. מיטאַמאָל איינער זיך א הייב אויף. „איך גיי!" זאָגט ער „מע רופט!" און נאָך אים אַלע איינער נאָכן אַנדערן: „וואַרט! איך אויך! איך גיי אויך!" און אַלע ווי איינער לאָזן זיי זיך גיין פאַר־שלאָפענע, פאַרטאַיעטע. וווּהין? וווּהין די אויגן טראָגן. סע רעדט זיך אַזוי „וווּהין די אויגן טראָגן". די אויגן דאָך גאָר מיט שלאָף פאַרכאַסמעט. ניט וווּהין די אויגן — וווּהין דאָס האַרץ טראָגט, אַהין גייען זיי.

און דאָס פינצטערניש פאַרדעקט די ערד. און א גאָסרעגן מאַבלט, מאַבלט מיט נאַכט אַף דער וועלט. און די דרייאונדרייסיק גייען און גייען, שורעסווייז גייען זיי, צו צען, צו צען אין א שורע, און דריי פאָרויס ווי א סעגל. צוויי אַף די פּלייצעס — צוויי פּעקלעך, דער דריי־

טער — די פינגער אין די אויערן ווי פלעקלעך־פאר־שטעקלעך; דעם קאָפּ פארוואָרפן ארונטער, אף שפּיצפינגער פאָרויס שוועבט ער, און אלע נאָך אים.

אין די פינגער אין די אויערן נאָכוואָס?

דער רעגן־ראש זאָל ניט שטערן,

דאָס הארץ זאָל הערן, הערן.

די אויגן פארמאכט, די אויערן פארשלאָסן, דאָס הארץ אָפן. דאָס הארץ וואך, דאָס הארץ הערט.

און וואָס הערט עס, דאָס הארץ? דעם רוף! דעם רוף, וואָס רופט זיי ערגעצוווּ אין דער נאכט; דעם רוף, וואָס פון די געלעגערס זיי א הייב געטון, אף דער גאס ארויס־געטראָגן. און נאָכן רוף מיט פארמאכטע אויגן גייען זיי.

אין שטילקייט שווארצער, אין פינצטערקייט נאסער, סע פירט זיי דער רוף איבער געסלעך און גאסן, גאסאיין, גאסאויס — פון שטאָט ארויס. פון שטאָט ארויס — און וואלד אריין; אין שטאָט אזוי — וואָס־זשע וועט אין וואלד שוין זיין? ערשט: א דונער א קנאל, און אלע מיטאמאָל די אויגן א עפן.

און אז אלע די אויגן געעפנט — א פייער זיי אין די אויגן א שלאָג: א דעמב ברענט אין העליש פייער און א שיין א אומהיימלעכע, א בלוטיקע ווארפט עס, דאָס פייער. אף וואָס? אף פארשטארטע פּענעמער פון פּעגאָרים־הארוגים! און וואָס נאָך? הימל עפן זיך — אזאי או פאזאי! נאקעטע, באָרוועסע, פאר די הענט און פאר די פיס געבונדן צו צוויי ביימער זענען זיי. זיי ציטערן און פלאטערן און שרייען געוואלד. ניט מיטן מויל. דאָס מויל פארשטאָפּט — מיט אויגן האלבפארגליווערטע שרייען זיי, רופן זיי, בעטן זיי:

„העלפט!"

און וואָס די לאמעד־גימעל באָאוימער באלד דאָ געטון? דאָס פארשטייט דאָך שוין א קינד, וואָס צוויי קען נאָר ציילן. איז וואָס־זשע בלייבט מיר צו דערציילן? יאָ! אזאי און פאזאי נאקעט און הויל; אָנטון מוז מען דאָך זיי, קליידער אין ווילדן וואלד ווו נעמט מען? ערשט מע טוט א קוק — פעקעלעך צוויי פאר די פיס פאר זייערע ליגן. עפנט מען אויף: קליידער פון די נאקעטע וועגן. ווער דאָס אהער געבראכט צוטראָגן? דאָס ווייסן נאָר צוויי נאָר צו זאָגן!

און די צוויי צווישן צווייגן און שווייגן.

אָבער אייך קינדערלעך וועל איך זאָגן בעסאָד: אנע און באנע. דאָס האָבן זיי די פעקעלעך אף די פלייצעס אהער געבראכט. דאָס הארץ זיי אזוי געהייסן אין שלאָף. און אז אלע זיך ארום דעם פייער געזעצט, פון נאסער קרירע זיך אָנצווארעמען, אזאי און פאזאי גענומען דערציילן וואָס מיט זיי זיך געטראָפן־פארלאָפן, אלץ פון אלעף ביז תּאָוו. און אז געקומען זענען זיי דערצו, ווי די גאזלאָנים די צוועלף קעמלען גאָלד אוועקגעפירט, די הענט אף די קעפּ האָבן זיי פארוואָרפן און טרערן פון די אויגן זייערע זיך געגאָסן.

זאָגן די לאמעד־גימל: „גאָלד? גאָלד ווילט איר? קומט מיט אונדז! קומט מיט אונדז! מיר אייך ווייזן גאָלד! עמעס גאָלד! אייער גאָלד, זעט, טויט און קלאָלע ברענגט עס, אונדזער גאָלד — לעבן און בראָכע!“

און געפירט זיי אזאין און פאזאין און געבראכט אהין אין יענעם טאָל, אין טאָל פון גילדענע זאנגען, וווהין באר־יוכאי אמאָל מיט זיי געגאנגען.

פון דעמאָלט אָן אז סע קומט דער טאָג, ווען „ל“ג בעומר“ די כאוויירים אין טאָל ארויסגעפירט, דאָס עמעסע

פרישע גאָלד זיי צו ווייזן, גייען קינדערלעך אין די גרינע טאָלן גאָלד זוכן. און מיט פייל־און־בויגן באוואָ־פענען זיי זיך. זיי זאָגן זיך, די קונדייסים, אין שפּאַס: ,מיר גייען דאָך גאָלד זוכן. איז טאָמער, ווי א זאך מאכט זיך, אונדז, ווי אזאין און פאזאין, גאזלאָנים באפאלן — מיט פייל־און־בויגן זיך אקעגנשטעלן.'

א טייל האלבנאַקעטע און באָרוועסע אף די ביימער קלעטערן, אָנכאפּנדיק און אָנבינדנדיק זיך אין זיי מיט הענט און פיס...

אנדערע אפן פרייען פעלד א פייער צעלייגן, פאר די הענט נעמען זיי זיך אָן, און ארום דעם פייער א טאנץ גייען זיי. זיי טאנצן און זינגען:

באר־יויכאי, באר־יויכאי!
לאָמיר טאנצן אף דער פריי!
אף דער פריי איז צוקערזיס —
בינדט דער גאזלען הענט און פיס!
באר־יויכאי, באר־יויכאי!

בינדט דער גאזלען פיס און הענט —
קומט דאָס פייער און סע ברענט!
דורכן פייער קנאל און שריי:
לאָמיר טאנצן אף דער פריי!
באר־יויכאי! באר־יויכאי!

די סוקעשער

דו וועסט זעקס מאָל זעכציק ציילן,
איך א מייסע וועל דערציילן.
אז דו וועסט זי מיר נאָכזאָגן
וועל איך פּוטער דיר אויסשלאָגן
פונעם פליישיק טעפּל דעקל,
און דיר טון א קוש אין בעקל!

האָט געזאָגט דאָס פלוידערזעקל צו דער סוקע־
שער: הער!

אמאָל איז צווישן די קאָפּהענער אזא דייע געבליבן:
אז א קינד קאָלזמאַן ס'איז קליין
זאָל ניט עסן הארבן כריין,
קאָבצן זאָל ניט נאקעט גיין —
נאָר פאַרבונדן מיט א שטריקל!
דריגען זאָל ניט מער דאָס ביקל
און ניט שלאָגן קיינער זאָל דאָס פּייקל —
האָט צעבייזערט זיך דאָס באָמציקצייקל.

באָמציקצייקל — ווער? פונוואַנען? ניט פון דאָרטן, ניט פונדאנען, געבוירן פון א שטיין, הויט און ביין. האָט א פּייקל מיט צוויי טעצלעך, ניט קיין פּיס, נאָר קלעצלעך, וווינט אין א פלעשל. און שלאָפט עס? אין א נאָדלטעשל. איז אז דאָס באָמציקצייקל זיך צעבייזערט, וואָס־זשע האָט עס געטון? געקויפט א גרינעם הערינג, פון האלב — געוועקסלטע שיכעלעך זיך געמאכט, פון האלב — א לאָקשנברעטל.

אפֿן לאָקשנברעטל זיך אויפֿגעזעצט און אוועקגעלאָזט זיך מיטן יאַם.

לינקס דרייט עס ניט,
רעכטס קערט עס ניט,
וואָס סע הערט דאָס זעט עס ניט,
וואָס סע זעט דאָס הערט עס ניט.

הערט עס אין א בוים שוויפטשען געבראָטענע הינ־דעלעך, שטופּט עס אריין א פֿינגערל — גייט עס ניט; שטופּט עס אריין א הענטעלע — גייט עס ניט; שטופּט עס אריין דאָס קעפּעלע — גייט עס ניט; שטופּט עס זיך אינ־גאנצן אריין און עסט אויף אלע געבראָטענע הינדעלעך.

וויל עס ארויסגיין, קען עס ניט. שטופּט עס ארויס א פֿינגערל — סע גייט ניט; שטופּט עס ארויס א הענ־טעלע — סע גייט ניט; הערט עס א האַלצהעקער האקט האָלץ, לויפֿט עס צו צום האָלצהעקער, גיט זיך א נייג, א בייג, פּויקט אין פּייקל, קלאַפּט מיט די טעצלעך און זינגט:

העקער־וועקער,
גיי צום בעקער,
קוילעטש באַק!
דיר א קוילעטש —
מיר די האַק!

איז דעם האָלצהעקער דאָס לידעלע טאַקע זייער גע־פֿעלן, האָט ער דערפֿאַר דעם באָמציקצייקל די האַק געגעבן. נעמט דאָס באָמציקצייקל די האַק, האַקט אין ווענטל, שטעקט ארויס א הענטל; האַקט אין טויערל, שטעקט ארויס אַן אויערל.

הערט עס די האַק גייט צו קינד.

האָט די האַק געבוירן: זעקס העקעלעך און דאָס זיבעטע — א באַרדעלע.

זאָגט דאָס באָמציקצייקל צום האָלצהעקער: „אז די האק איז יאָ צוליב מיר געלעגן געוואָרן, שענק מיר דאָס באַרדעלע!"

שענקט אים דער האָלצהעקער דאָס באַרדעלע, זעצט זיך דאָס באָמציקצייקל אפן באַרדעלע רייטנדיק און זינגט:

באַרדעלע, באַרדעלע, בערדעלע,
זײַ־זשע מיר א פערדעלע!
נעמט דאָס פערדעלע לויפן.
לינקס קערט עס ניט,
רעכטס דרייט עס ניט,
וואָס סע זעט דאָס הערט עס ניט,
וואָס סע הערט דאָס זעט עס ניט.

און דאָס באָמציקצייקל קנאַקט מיט דער צונג, קלאַפּט מיט די טאַצן, זעצט אין דער פּויק, סע גייט אזש א רויך! קומען דריי אקעגן: א קרומער, א שטומער, א טויבער. צעטאַנצט זיך דער קרומער, און דער שטומער צעזינגט זיך:

האָפּאַיי, טשאַק!
פּאָרט א פּייקל
אף א האַק.
היידא, טויבער!
כאַפּ עס, פּאַק!

דערשרעקט זיך דער טויבער און זאָגט: „וואָס? א רויבער? יעקל מיט דער האַק?" רייסט ער א בוים מיט די וואָרצלען אויס, כאַפּט די פיס אף די פּלייצעס און לאָזט זיך לויפן — דעם רויבער וויל ער שלאָגן! זעט דאָס באָמציקצייקל ס'איז שלעכט, טוט עס א שוויפּשט, א קנאַק מיטן בײַטשל, און — וויאָ ווייטער! ווי סע פּאָרט אזוי, זעט עס: א קעסאָקע גריל, א האָרב אף די פּלייצעס, א

האָרב אפֿן האַרץ, קעסאָקעֿ אף איין אייגל, ראבע אפֿן פּאָנעם, הינקט אף א פּיסל און זייער באַזאָרגט.

פרעגט דאָס באָמציקצייקל:

„העי, פעטער! וואָס זענט איר אזוי באַזאָרגט?"

קרעכצט דאָס גרילעכל און זאָגט:

קראנק בין איך און שוואך,
נאָר א סוקעלע האָב איך
פונעם בעסטן סכאך.
מיר די אלטע ווערבע
אים פארקויפט אין קערן.
ווו־זשע איז די סוקעשער,
זאָל דעם סכאך באשערן?

זאָגט דאָס באָמציקצייקל: „ווייסטו וואָס? זעץ זיך מיט מיר אף מיין פערדעלע ארויף, וועלן מיר אינײנעם פאָרן די סוקעשער זוכן!"

זעצט זיך דאָס גרילעכל אפֿן פערדעלע ארויף און מע פאָרט אינײנעם.

מע פאָרט, מע פאָרט,
צי ווייניק, צי אסאך,
דערזעען זיי א טויב,
זי וואָרקעט אפֿן דאך.

די טויב וואָרקעט און זאָגט צום טייבעלע:

ווייבעלע!
ווען דאָס באָמציקצייקל
טוט א קלאפּ אין פייקל,
דרייט זיך אויס אהין
און דערנאָך אהער,
קומט עס צו דער בין,

וואָס זי באָדט זיך אין א טרער
און זי ווייסט אי ווו, אי ווער!

קלאפּט עס אין פּייקל, דרייט זיך אום אהין און אהער, דערזעט עס א שטיבעלע אָן פענצטערלעך, אָן טיר און טויער, און אפן פריספּעלע שלאָפט דער ווייסער טרויער. קומען זיי אין שטיבעלע אריין, זעען שוין אלע געשלאָפן, נאָר דער זייגער איז וואכנדיק און דאָס הארץ קלאפּט אים: טיוך! טיוך!

פרעגט דאָס באָמציקצייקל: „זייגער, זייגער, וואָס קלאפּט דיר דאָס הארץ אזוי?"

זאָגט דער זייגער: „דאָ ווינט די גילדענע בין. א גאנצן זומער געהאָרעוועט, שווער געהאָרעוועט, האָניק געמאכט. ראָשעשאָנע געקומען צולויפן דעם רעבנס „האָ־מויצע", זיך געגעבן א טינק אין האָניק און אויס־געטונקען דעם גאנצן האָניק.

האָט די גילדענע בין געלאָזט א גרויסע טרער, טרענקט זיך די בין אין דער טרער. האָב איך מוירע זי זאָל ניט דערטראָנקען ווערן. קלאפּט מיר דאָס הארץ: טיוך! טיוך!

„ווו איז די בין?"

פרעג דעם ווייסן טרויער."

„טרויער, ווייסער טרויער! ווו איז די גילדענע בין, וואָס באָדט זיך אין אייגענער טרער?"

„נעמט די אויגן אין די הענט אריין וועט איר זעען!"

נעמען זיי די אויגן אין די הענט אריין, זעען זיי א גרויסע ליכטיקע בין שווימט אין א רויטן טייך.

פרעגט דאָס באָמציקצייקל:

ליכטיקע בין
און ליכטיקע טרער,
עפּשער ווייסטו ווו די סוקעשער?

„ווייסן ווייס איך, נאָר איך טאָר ניט רעדן. איך קען זיך נאָך מיט מיין טרער פארכליסנען. וואָס־זשע דען? פאָרט, פאָרט ווייטער וועט איר טרעפן דאָס ציגעלע, פּארעווע קריגעלע, וועט עס אייך זאָגן."

פאָרן זיי ווייטער.

מע פאָרט, מע פאָרט, זעען זיי, א ציגעלע טרייסלט מיט דער באָרד.

זאָגן זיי צום ציגעלע: „זייט־זשע מוחל, עפשער ווייסט איר ווו ווינט די סוקעשער?"

זאָגט דאָס ציגעלע: „מע!... קע!..."

דערפרייט זיך דאָס גרילעכל און פּליעסקעט: „איך ווייס שוין! איך ווייס שוין! מעקע! מעקע! אין מעקע! אין דער שיינער שטאָט מעקע! דאָרט ווו די טערקן דאווענען!"

טוט מען א טרייב דאָס פערדעלע גיך.

פליט מען איבער טאָלן איבער בערג,

ביז מע טרעפט א טערק.

פרעגן זיי:

„טערקעלע־רויטפעסקעלע, ווו איז מעקע?"

„מעקע? טאקע דאָ! איר זענט דאָך אין דער הייליקער שטאָט מעקע!"

„איז ווו־זשע איז די סוקעשער?"

„וואָס? די סוקעשער? זי שפּאנט דאָך איבער אייך! זי האָט צוויי פיס לאנגע ווי די שטראלן פון דער זון. איין פוס דאָ, דער אנדערער אין יענער זייט יאם. איר זעט זי ניט, די סוקעשער?"

„ניין!"

„הייבט אויף די קעפּעלעך!"

„מיר האָבן שוין אויפגעהויבן און מיר זעען ניט!"

„גיט־זשע מיר אייער פערדעלע וועל איך זיך א לאָז טון און זי ברענגען אייך. טייקעף באלד!"

געבן זיי דעם טערקעלע דאָס פערדעלע, כאַפּט זיך דאָס טערקעלע אפן פערדעלע ארויף און אוועק.

*

שטייען זיי ביידע, דאָס באַמציקצייקל און דאָס גריי־לעכל, ביי די טויערן פון דער הייליקער שטאָט מעקע און וועמען זיי זעען פארבייגיין שטעלן זיי אים אָפּ און פרעגן:

„ווו איז דער טערק?"

„וואָס פאר א טערק?"

„דער וואָס אין דער רויטער פעסע."

„א סימען א טערק אין א רויטער פעסע! אלע טערקן האָבן רויטע פעסעס!"

„דער וואָס דאָס פערדעלע גענומען!"

„וואָס פאר א פערדעלע? נאָך וואָס גענומען?"

„אונדזער פערדעלע; גענומען די סוקעשער צו ברענגען!"

„אזוי! ווארט־זשע ביז ער וועט קומען!"

„מיר זענען מיד שוין צו שטיין און צו ווארטן!"

„זעצט־זשע אייך צו אביסל!"

„מיר זענען שוין געזעסן!"

„גייט־זשע!"

„מיר וועלן ניט גיין ביז דער טערק אפן פערדעלע וועט ניט קומען און די סוקעשער ניט ברענגען!"

„שטייט־זשע!"

„שוין מיד צו שטיין!"

זיצט־זשע!"

„שוין גענוג געזעסן!
„גייט־זשע!"
„מיר וועלן ניט גיין ביז די סוקעשער וועט ניט זיין!"
טוט זיי יעדער א שנאָל אין דער נאָז און גייט זיך זיין וועגס.

דערפאר אז איינער טוט אָפּ דעם כאוועד א שפּיצל, נארט ביי אים אויס דעם יאָ מיטן ניין און גיט אים נאָך צו א שנאָל אין דער נאָז, זאָגט מען: ,ער האָט אים אָפּגעטון אף טערקיש.'

אזוי דער פלוידערזאק דערציילט
די סוקעשער געהערט;
פאר גרויס געלעכטער ביידע
געקייקלט זיך אף דרערד.

IV.

פאַרוואָס די פּאַווע און די קראָ האָבן געגעסן כאַזערניסלעך

דרייט זיך אום די גילדענע פּאווע אונטער דער ליכטיקער זון. זי דרייט זיך און בלאָזט זיך מיט א גאדלעס, מיט א גייווע: א קלייניקייט! פּאווע! וואָס איז דען די זון אליין: עפּשער ניט א פּאווע מיט

ליכטיקע פּעדערן? זיכער אַזוי? ווער ווייסט? עפּשער פּונקט ווי דאָ אויף דער ערד מיינט מען, אַז ליכטיק איז ביי אונדז נאָר דערפאַר, ווייל די זון דרייט זיך אום אין הימל, אַזוי גלייבט מען דאָרט אויוון, אַז ביי זיי איז טאָג, ווייל איך, פּאַווע, שפּאַציר מיר דאָ אונטן!... עך, עך! אומעטום איין וועלט, אי דאָ, אי דאָרט. צום פּרעמדן זיך בוקט מען, אייגנס — פאַרקוקט מען...

סע וואָלט ניט געשאַדט די זאַך קלאָר צו מאַכן, עפּענען דער בלינדער וועלט די אויגן. וויאַזוי אַרום? מע מוז נאָך וועגן דעם אַ טראַכט טון! אַז מע טראַכט דער־טראַכט מען זיך, יאָ! אָט האָט זי אָקאָרשט אַ טראַכט געטון, און עפּעס אַזוינס־און־אַזעלעכס מיטאַמאָל אויפן גע־דאַנק איר אַ קום אָן: פאַרוואָס אַלע מינע באַשעפענישן, אַלע פון קליין ביז גרויס, צו צוויי אויגן האָבן זיי? אויף צו זעען? גענוג איינס! אָבער איצט ווייסט זי שוין, זי ווייסט! צוויי אויגן — מיט איינעם אויף איר צו קוקן, אויף דער גילדענער זון דאָ אויף דער ערד און מיטן צווייטן אויף דער גילדענער פּאַווע אין הימל; ביידע מיטאַמאָל צו באַוווּנדערן!

„קראַ, קראַ, קראַ!" האָט פּלוצים אַ גראַגערקאָל איר גליקלעכן געדאַנקענגאַנג איבערגעריסן.

זי טוט אַ ציטער, אַ וואָרף זיך, אַ קוק אום — די קראָ! די קראָ איז אויסגעוואַקסן!

זאָגן דאַרף איך אייך, אַז ביי זיך אין האַרץ די פּאַווע זייער ניט ליב געהאַט דעמדאָזיקן שוואַרצן קראַקער — אַ פּרומעניש און אַ גאַנצער נעוויעסזאָגער! אָט וועט ער באַלד אויפן פאַרהער זי אַ נעם טון: צי האָט זי שוין באַלד געדאַוונט? צי האָט זי שוין אַלע הונדערט־מיט־איין בראָ־כעס צום הימל געשיקט? זיין אייסעק! און דער נאָווי דעם

קאַפּ אונטערן שווארצן פליגל האָט ער פארוואָרפן און א רועק־נעווע רעדט אויס אים:

קראָ, קראָ, קראָ!
געקומען די שאָ!
גיי ברעך זי, די גייווע
פון גילדענער פאווע!
אין קאָפּ אריין שלאָג איר,
ווי ווייסע גענדז גאָגער,
און זאָג איר, און זאָג איר, און זאָג איר!

און דער נאָווי האלט אין איין גראגערן און הערט ניט אויף איבערצוכאזערן ווידעראמאָל און איבעראמאָל:

און זאָג איר!
און זאָג איר!
און זאָג איר!

„וואָס?" פרעגט די פאווע אומגעדולדיק.

„א פעדערל! א פעדערל פון דיינע גילדענע פעדערן שענק דעם נאָווי פונעם וואלד — א פּידיען, אן אויס־לייזונג פאר דיר, פאר דיין נעשאָמע, טאָכטער!"

„אנדערש ניט?" בלאָזט זיך די פאווע, „כ'האָב ניט וואָס צו טון..."

„איך וועל פאר דיר און פאר דיינע קינדערלעך גאָט בעטן; ביסט זינדיק!"

די פאווע שווייגט.

„נו?"

די פאווע כאפּט זיך אויף און פליט אוועק.
פליט דער נאָווי נאָך.
די פאווע שטעלט זיך אָפּ א בוים.
דער נאָווי לעבן איר.

„כאַטש איין פּעדערל", הערט ניט אויף דער נאָווי צו דערעסן, „איינס, ניט מער... פון דיין טויווע וועגן! פאַר דיין נעשאָמע גיב, געבן הייסט נעמען!"

„א זלידנע!..." טראַכט זיך די פּאווע, „וויאזוי, ווערט מען זיינער פּאַטער!"

„אהא, שווייגסט!" גרילצט דער שווארצער נאָווי. „א גוטער סימען! ווערסט שוין געבן! וועסט שוין געבן, כ'זע שוין..."

„אוואדע! אוואדע!" בלאָזט זיך די פּאווע, „וואָדען!"

„א לאַנג לעבן אף דיר!... לאָמיך־זשע זעען שוין וואָס איך הער!"

„ווארט אביסל!"

„ווארטן? ביז ווען?"

„ביז... ביז... ביז דו וועסט דריי כאזערניסעלעך אויפעסן!"

די פּאווע מיט א וואָרט זיך ארויסגעכאפּט.

„וואָס?!"

„דאָס! דאָס וואָס דו הערסט! ווילסט א גילדן פּעדערל?"

„פון דיין טויווע וועגן!"

„נו, זאָלסטו מיר פריער דריי כאזערניסעלעך אויפעסן!"

„פארוואָס?"

„ווייל דער בושל האָט א לאנגע נאָז! ווייל אזוי! וויל איך!"

און וויסן דארפט איר, אז כאזערניסעלעך ביי פייגל — סעקאָנעס־נעפאָשעס! עסן כאזערניסעלעך ניט נאָר א נע־ווירע פון די דרייהונדערט פינפאונזעכציק פויגלדיקע נעווירעס, וואָס פאר זיי ווערט א פויגל נאָכן טויט מעגילגל אין א יאשטשערקע (טפו, טפו!), נאָר כולע־כאלאָשעס, א נימעס־אומיסקייט! און א כערפּע און א בושע דערצו.

עסט א פויגל כאַזערניסעלעך איז ער „טאַמע זיבן", זיבן טעג דורכאַנאַנד ניט מע רירט זיך צו צו אים, ניט מע זאָגט אים: „גוט זון", ניט מע ענפערט אים: „ליכט און פרייד" אף זיין „גוט זון".

אָט פארוואָס דער נאָווי אַזוי אויסער זיך!

און א גילדן פעדערל איז אים אזוי פארגלוסט זיך! אזוי פארוואָלט! סע גייט אים פּאָשעט אין לעבן! אף זיין שווארץ־אַטלעסענעם מאנטל א גילדן פעדערל! סע וועט זיך דאָך אזוי אויסנעמען! כשיוועס צוגעבן... ער מוז דאָס באַקומען! איינמאָל פאר אלעמאָל: א גילדן פעדערל׳ אָבער... כאַזערניסעלעך? ווי עסט מען עס כאַזערניסעלעך?

„דריי כאַזערניסעלעך? דריי מיטאמאָל?" שטאמלט ער, „עפשער איינס? זאָל זיין געַנוג איינס!"

„דריי!"

„עפשער צוויי?"

„דריי!"

פארדריסט עס שוין ביז גאָר! אזא געשליירטע האַנדזיע אין גילדענע פעדערן! זיך פאראַקשנט ווי א יאָגהונט צום פייגערן! עפשער ווייסטו וואָס. ווילסט ניט געבן קיין פעדערל — זאָג! רעד! וואָס דרייסטו א מויעך, וואָס? מיינט, כע וועט איר אָפּגיין גלאַטיק... ניט גע־טראָפן דאָס אָרט! איך זאָל וויסן, מיין טויט זאָל זיין, דעמבעס זאָלן פּלאַצן, נעסטן פון דיביימער פאלן — און מיינס וועל איך אויספירן!

און דער נאָווי נעמט זיך אָן מיט האַרץ:

„איך באַשטיי!" שרייט ער אויס מיטאמאָל, „איך באַשטיי! נאָר געדענק: א וואָרט איז א וואָרט!"

„ווי ביי וועמען" ענפערט די פּאַווע שטאָלץ, „ביי מיר א וואָרט — א שוווּע!"

און ביידע, דער נאָווי און די פּאווע, פליען לאָזן זיי זיך. פליען, פליען זיי ביז א ערשט צעגרינטן דעמב מיט פרישע גרינע כאזערניסעלעך זוכן זיי אָפּ. אָפּגעזוכט — פארשליסט דער נאָווי די אויגן, און דריי כאזערניסעלעך שלינגט ער אראָפּ, איינס נאָך דאָס אנדערע. די פּאווע א

פּאטש געטון מיט די פליגל: ביז דער לעצטער מינוט ניט געקענט זיך אויסמאָלן, דער נאָווי אזוינס זאָל טון! אזוי זיך מעטאמע זיין צוליב א גילדן פעדערל! נאָר פארפאלן — געשווירן! א וואָרט — א שוווע! סע טוט וויי, ביים הארץ פארקלעמט, און א פעדער רייסט זי אויס, גיט דעם נאָווי.

און — א וווּנדער! ערשט די פעדער אזוי געפינקלט, אזוי דאָס אויג פונעם נאָווי גערייצט, א שפּילכיין, א

ליכטפרייד, און איצט מיטאמאָל קויטיק, אויסגע-לאָשן, טויט.

האלט דער נאָווי זיך מיטן פעדערל אין מויל און ווייסט ניט, נעבעך, וואָס מיט אים צו טון: אוועקוואַרפן? א שאָד!

פאָרט א גילדן פעדערל! זיך טראָגן מיט אים? ווּהין? צוליב וואָס: און איקער: וויאזוי? וויאזוי זיך מיט אים ארומטראָגן, אז סע ציט גאָר צו דער ערד אראָפּ? צו דער ערד און נאָך טיפער. מאָדנע, א פעדערל און אזוי שווער!

און די פּאווע? זי עקט זיך, מיינע סאָנים, שיר ניט פאר ווייטיק. ערשט איצט איר קלאָר געוואָרן וואָס זי האָט פארמאָגט.

„ריבוינע־שעל־אוילעם! דאָס איז דאָך איר שענסטע פעדער געווען! ווי גיט מען אזוינס אוועק? אזא אויצער! אזא אויגברען! און אוועקגעגעבן! און פארוואָס?"

„פּאווע, ווילסט אָפּ דיין פעדער?" טוט פלוצים דער נאָווי א פרעג.

„אוי, קראָ־קרוין! אוי, הייליקער נאָווי! כ'האָב דיך שוין טאקע געוואָלט בעטן...“

„מע דארף ניט... מע דארף ניט בעטן — דריי ניסעלעך...“

„וואָס?“

„דאָס! דאָס וואָס דו הערסט! עסטו דריי ניסעלעך אויף — באקומסטו די פעדער צוריק.“

„דריי? גאנצע דריי?“ שטאמלט זי נעבעכדיק, „עפשער איינס?“

דער נאָווי שווייגט.

„צוויי!“ שרייט אויס די פּאווע מיט פארדראָס, „איך עס אויף צוויי — און געננוג!... נו, וואָס זאָגסטו, הייליקער נאָווי?“

דער נאָווי ענפערט ניט.

און נאָך דער פעדער טוט דער פּאווע אזוי באנג! אלע אירע פעדערן איר איצט ניט צום הארץ, אלע איבעריק! צוואָס זיי אלע אָן יענער? אָן דער סאמע ליכטיקסטער? אָן דער איינאונאיינציקער? זי איינע דאָך זיי אלע באשיינט! ערשט איצט זעט זי.

און די פּאווע פארשליסט די אויגן און דריי ניסעלעך שלינגט זי אראָפּ. איינס נאָכס אנדערע, גאנצע דריי אראָפּגעשלונגען!

„קאך, קאך, קאָכאָ!“ גרילצט אויס דער נאָווי פרייליעך, און אף לאָשן־קוידעש — קאך, קאך, קאָכאָ, נעם, הייסט עס, נעם!

און ער ווארפט דער פּאווע איר גילדן פעדערל אין פּאָנעם.

שאלט דער נאָווי,
זינגט די פּאווע:

לאָמיר דינען
גאָט מעאהאווע,
וועל'מיר בלייבן
פייגל בראווע!

ערשט — טרערעלעך! טרערעלעך ווארגן אין די העלדזעלעך זיי ביידע, אי דעם נאָווי, אי די פּאווע.

„נאָווי, נאָווי, וואָס ווייגסטו?" פרעגט די פּאווע, „עפשער נאָך דער פעדער דיר באנג? האָסטו דען אמאָל געהאט א גילדענע פעדער? ווי דו האָסט ניט געהאט, אזוי האָסטו ניט! גאָרניט פארלוירן!"

„יאָ, גערעכט... אָבער... אָבער כאזערניסעלעך... כאזערניסעלעך נאָכוואָס האָב איך געגעסן?"

„הערסט! האָט דאָס־אָ פרעג איך דאָך אויכעט זיך אליין: לעמיי האָב איך געגעסן?"

„האָסטו כאָטש די גילדענע פעדער!"

„וואָס זאָגט מען אף אים! די גילדענע פעדער! זאָג מיר נאָר, הייליקער נאָווי, איך בעט דיך: ווער פון טאָמיד אָן געהאט גילדענע פעדערן, איך צי דו?"

„דו!"

„אזוי־זשע רעד!"

„האָסטו דאָך אָבער מיר אוועקגעגעבן זי!"

„אוועקגעגעבן? פארוואָס?"

„ווייל איך האָב..."

„אהא! איצט ווייסטו שוין פארוואָס כאזערניסעלעך האָסטו געגעסן? די גילדענע פעדער דערפאר באקומען!"

„באקומען?... איך?...א גילדענע פעדער?...ווו? ווו איז זי?"

„אָט! אָט האָסטו זי! אָט איז זי!" טאנצט אונטער די פּאווע האלטנדיק דאָס גילדענע פעדערל בארימעריש אין מויל.

„קרע! קרע! שטן!"* קראקעט דער נאָווי מיט פּאר־
דראָס, „אָט האָסטו זי!... ווער האָט זי? איך צי דו?"
„איך, איך!" בארימט זיך די פּאווע.
„נו, פארוואָס־זשע האָב איך כאזערניסעלעך..."
„לעמיי איך? פארוואָס איך?"
„און פארוואָס איך?"
„און פארוואָס איך?"

* * *

פּאטשט דער ווינט און שמייסט דער רעגן —
און זיי שטייען אלץ און פרעגן!...

* קרא! קרא! סאָטן!

אַהאַווע

אַהאַווע, אַהאַווע, אַהאַווע!" אַהאַווקעט אַ הונט איבער אַלע גאַסן, „אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף אַהאַווע, אויף אַהאַווע און אויף אַהאַווע. אַהאַווע דאָס איז דאָך דער טאָך, דער טאַמצעס, דער פעסטסטער מאַרכבײַן פון גאָר דער וועלט; דער ביין וויפל דו זאָלסט אים ניט לעקן, וויפל די זאָלסט אים ניט רידזען, אַלץ מער געפינסטו אין אים טאַם, געשמאַק. סע האָט דען אַ שיר און אַן אײַרעך!... אַהאַוו, אַהאַוו, אַהאַוו! האָב ליב! האָב ליב דײַן כאַווער ווי זיך אַליין! ער איז אויך אַ הונט ווי דו! ער האָט אויך אַ הינטישע נעשאָמע ווי דו! אַז דו רידזעסט אַ ביין און דײַן כאַווער קומט צו דיר צו אַ הונגעריקער, אַן אויסגעמאַטערטער און בעטלט מיט די אויגן און רעדט צו דיר ווי אַ הונט, איידל, פײַן — האַוו, האַוו, האַוו! מאַך דיך ניט טויב אויפן לינקן אויער, פאַרשטעל זיך ניט פאַר אַ טאַם, אַן אַמאָרעץ, וואָס פאַרשטייט קיין לאָשן־קוידעש ניט, ווייס וואָס „האַוו" הייסט; „האַוו" הייסט: גיב! און געבן זאָלסטו, געבן! היינט גיסטו אים, מאָרגן גיט ער דיר! „ונתנו"* מאַכט צוריק „ונתנו"... ס'איז אַ גאַלגל־האַכויזער, אַ רעדעלע, וואָס דרייט זיך טאָ אַהין, טאָ צוריק. און די אַקס, וואָס אַרום איר דרייט

* וועניאָסנו

זיך דאָס רעדעלע, וויאזוי הייסט זי? אהאווע, אהאווע, אהאווע!

אהאוו, אהאוו, אהאוו! האָב ליב דיין כאווער ווי זיך אליין און דיין באלעבאָס נאָך מער ווי זיך אליין!

דיין באלעבאָס, ער איז דאָך דיין האר, דיין מעפּאר־נעס, דיין ברויטגעבער! פון זיין האנט לעבסטו דאָך, דו הונט איינער, וואָס דו ביסט!

געדענק, ווען ניט ער, וואָס ער זאָרגט זיך פאר דיר, ווען ניט זיין גענאָד, זיין ראכמאָנעס, ווען ניט ער, דיין באלטויווע, וואָס ער ווארפט א הונט א ביין — וואָלסטו דאָך געפּעכנעט אפן פּיסק! וואָלט דאָך דיר אויסגעקר־מען, זיך אויסצושטרעקן פאר הונגער אינמיטן דער גאס!

אהאוו, אהאוו! האָב ליב זאָג איך דיר! האָב ליב דיין באלעבאָס, ווען ער גלעט דיך, האָב אים ליב ווען ער שטראָפט דיך! א הונט דארף דאנקען זיין באלעבאָס פארן שטעקל, ווי ער דאנקט אים פארן ביין און פארן ברעקל. כאפּסט א שטעקן טראָג זיך אָפּ! טראָג זיך אָפּ און שריי: אהאווע, אהאווע, אהאווע! א הונט דארף אָננעמען דעם שטעקן בעאהאווע...

און זאָל אייך, הינט, אייער הינטיש הארץ צו קיין בייז ניט אָנרעדן! און היט אייך און זייט געוואָרנט! טאָמער, ניט די שאָ זאָל עס זיין, וועט איר אקעגן אייערע באלעבאטים, באלטויוועס, א הינטיש מויל עפענען — זאָל דער אין הימל שוימער אומאצל זיין!

אפילע ביי זיך אין דער קאָליבע ביינאכט, ווען גאָט אליין שלאָפט, טאָר א הונט אף זיין באלעבאָס ניט בילן! די הינטישע בלוטן זיך אין דיר צעקאָכט? ווילסט ביל און ווייסט ניט אף ועמען? דו מוזט דיר אָפּהאווקען פונעם הארץ? האווקע אקעגן דער לעוואָנע, ביל אקעגן

די שטערן — אָבער אקעגן דעם באלעבאָס? האס־מיל־האסקער! א הונט — דער באלעבאָס מעג אים וויאזוי מאזיקן, האקן און בראָקן, וועט ער ניט ווידערשפעניקן, ניט אקעגנרעדן כאס־וועכאָלילע, פארקערט, אדעראבע: מער דער באלעבאָס שלאָגט אים, מער פילט ער זיך שולדיק. וואָס מער קלעפּ — אלץ מער האכנאָע און כאראָטע; מער געיאָמערט און געקלאָגט: אָוו, אָוו, אָוו! פאָטערניו, טאטעניו, דו ביסט גערעכט און איך — א קנעכט! א הונט האָט ליב זיין באלעבאָס און נאָך מער — זיין באלעבאָס שטעקן! וואָס איז מעשטיינסגעזאָגט א באלעבאָס אָן א שטעקן? שוין א שיין מין באלעבאָס! א שטעקן, ברודער, האָט צוויי עקן. איין עק הייסט: „אָוו", דער אנדערער: „אהאווע."

„אָוו, אָוו, אָוו! אהאווע, אהאווע, אהאווע!" אווקעט ער און אהאווקעט ער, דער הונט, אזוי ברייט ביז — ביז א שטיין פאלט אראָפּ פונעם הימל און טרעפט אים גלייך אין פּיסק אריין!

„ווי, ווי, ווי! ווי געשריגן! פארוואָס? זו תורה וזו שכרה*?!"

„א מיצווע!" שרייט דער שטיין, „א מיצווע! זאָל א הונט קיין לאָשן־קוידעש ניט רעדן און זאָל א קיילעוו וועגן אהאווע ניט בילן!"

---

* זו טוירע וועזו סכאָראָ?!

קוקו און קוקורייקו!

קוקו רייקו! קוקורייקו!״
(שרייט דער האָן)

„קוקו! קוקו! קוקו!״
(שרייט די קוקווייקע)

„ניין! ניט קוקו נאָר קוקורייקו!״
„ניט קוקורייקו נאָר קוקו!״
„נאָר קוקורייקו!״
„נאָר קוקו!״
„קוקורייקו!״
„קוקו...״
„...רייקו!״

און אזוי פון אייביק אָן אמפּערט זיך דער האָן מיט דער קוקווייקע איבער קוקו און קוקורייקו.

דאָס גלעקעלע

"דין, דין, דין!" האָט א קליין גלעקעלע גע־
קלונגען, „ניט קיין ראכמים נאָר — דין,
דין, דין! אויס ראכמים! ניטאָ קיין ראכמאָנעס! אן עק
זאָל עס נעמען! שטומט, איר גרויסע שייקער־גלעקער!
„ראכמים", „ליבע" שרייט איר און בלוט און טויט מיינט
איר! שטומט! א יאָם־האדין זאָל קומען! דין, דין, דין!"

וואָס־זשע האָט מען געטון? מע האָט גענומען דאָס
גלעקעלע, דאָס כאָצעפל, און מע האָט עס אויפגעהאָנגען
הויך, הויך איבער דער טיר: ווער סע קומט אריין, און
ווער סע גייט ארויס, ווער סע עפנט די טיר, גיט דעם
גלעקעלע א קלאפּ.

דאָס גלעקעלע אָבער טוט זיך זיינס. פון דער טליע
אראָפּ הערט עס ניט אויף צו שרייען:

„דין, דין, דין!"

מער מע שלאָגט עס, מער רופט עס: „דין, דין, דין!"

בילבול

ביל־בול... ביל־בול... א בילבול!" זאָגט די פלאַש בולבענדיק אין גלעזל אריין, „א בילבול אף אונ־דזער באלעבאָס. קארג איז ער? שלעכט איז ער? א?! זאָג, גלעזעלע, ניט א בילבול? קארגט ער דיר עפּשער? גיסט ער דיר ניט אלעמאָל אונטער? איז ער דיר ניט אלעמאָל מויסעף?"

„מויסעף, מויסעף" זאָגט דאָס גלעזל, „אָבער וווהין גייען די אלע הויסאָפּעס? צוריק צו אים! צו אים אין האלדז!"

בשותּפעסדיקס'



קוויק! קוויק! קוויק!" זינגט דאָס שפּילפייגעלע פונעם בוים. „קוואַק! קוואַק! קוואַק!" קוואַקעט די זשאַבע פון דער נאָענטער בלאָטע.

„שוועסטערל", זאָגט דאָס שפּילפייגעלע צו דער זשאַבע, „פאַרוואָס זאָגסטו ניט ווי איך: קוויק, קוויק?"

„ווייל איך קען ניט."

„פּרוּוו!"

„שוין געפּרוּווט און סע גייט ניט: קווא... קווע... קוועק, קוועק... איז ניט דאָס?"

„ניין!"

„און פאַרוואָס זאָגסטו ניט ווי איך: קוואַק, קוואַק?"

„איך קען אויך ניט: קווי... קווע... קוועק... קוועק..."

„מאַזלטאָוו"! שרייט אויס די זשאַבע, „געפונען! ס'איז דאָ א בשותּפעסדיקס צווישן מיר און דיר — קוועק! ווילסט, ברודערל! לאָמיר ביידע זינגען אינאיינעם: קוועק, קוועק!"

„גוט!"

„היידא! מיט מאַזל!"

זינגט מען:

„קוועק, קוועק!"

„קוועק, קוועק!"

„קוועק, קוועק, קוועק!“

„קוועק, קוועק, קוועק!“

„קוועק, קוועק, קווא!...“

„קוועק, קוועק, קווי!...“

„קוואק, קוואק, קוואק!“

„קוויק, קוויק, קוויק!“

„וואָס איז דאָס?“ פרעגט די זשאבע.

„אדעראבעּ, איך פרעג דיך: וואָס איז דאָס?“ זאָגט דאָס שפּילפּייגעלע.

„נאָכאמאָל! איבערגיין!“

נאָכאמאָל און נאָכאמאָל גייט מען זיך איבער, מע הייבט אלעמאָל אָן פון „קוועק!“ און אלעמאָל קומט יעדער באלד ארויף אף זיינעם.

סע קוועקעט ניט.

דאָס געלעכטער פֿון דער קראָ

„קכא־כא, קכא!"

„קכא־כא, קכא!"

„וואָס לאכסטו, קראָ!"

„איך לאך? ניין, איך לאך ניט! איך וויין: קכא־כא, קכא!"

„ניין, לאַכסט!"

„ניין, איך וויין: קכא־כא, קכא!"

„לאכסט, לאכסט!"

„איך וויין! איך וויין און מע זאָגט גאָר איך לאך... קכא־כא, קכא!"

„קכא־כא, קכא!"

אין יענער נאכט איז טאקע אין דער שטוב, וואָס אף איר דאך האָט די קראָ געלאכט, אן אומגליק געשען: עמיצער האָט זיך, ניט דאָ געדאכט, געפּעלט. פון דעמאָלט אָן האָט מען פיינט באקומען די קראָ.

אומזיסט! אומזיסט! א סוואָרע אז די קראָ, לאכנדיק, האָט דעם ניפטער בעסער באוויינט ווי אלע קלאָגווייבער וויינענדיק.

נאַרישע ציג

יג, ציג, ווייסט: א בער און אונדזער וואלד!"

„בע, מע!"

„נעכטן האָט ער פון נאָענטן וועלדל א קאלב אוועקגעטראָגן!"

„בע, מע!"

„היינט ביינאכט, זאָגט מען, קומט ער צו אונדז!"

„בע, מע!"

א נארישע ציג. ביינאכט האָט דער בער זי אויפ־געגעסן, האָט אים דערפאר א נאריש בערדל אָנגעהויבן שפראָצן.

פאַרוואָס זענען די פיש שטום

ווען גאָט האָט באשאפן די וועלט האָט ער א זאָג געטון: „זאָל ווערן א הימל און ער זאָל אָפּטיילן וואסער פון וואסער!"

איז געוואָרן א הימל און וואסערן זענען געבליבן א טייל אונטערן הימל און א טייל אפן הימל.

די אונטערשטע וואסערן זענען דער יאם און די טייכן.

*

זענען די וואסערן פון אונטן ניט צופרידן געווען און געפרעגט:

„פארוואָס מיר אונטן אין דער ערד און אונדזערע ברידער, וואסערן ווי מיר, אויבן אפן הימל?"

און דורך די נעכט האָבן די וואסערן געמורמלט, גערעדט, גערעדט שטילערהייט קעגן גאָט.

האָבן דאָס די פיש איינגעהערט.

*

איינמאָל אינדערפרי, ווען די זון איז נאָר אויפגע־גאנגען, האָבן די פיש געטון א טאנץ אונטער, ארויס פונעם וואסער און אויסגעשריגן:

17 — 3182

„ריבוינע־שעל־אוילעם! דו ווייסט: דו וואסערן רעדן דיר אקעגן!...“

האָט גאָט א שמייכל געטון און געזאָגט: „איך ווייס: איך האָב מיינע קינדער פארשעמט און איך וועל זיי איבערבעטן.“

וואָס־זשע האָט גאָט געטון? ער האָט אין הארץ פונעם יאם באשאפן א הימל מיט א זון, מיט א לעוואָנע און מיט שטערן...

און צו די פיש האָט ער געזאָגט:

„ווייל די וואסערן האָבן אייך געגעבן א היים ביי זיך און איר האָט זיי פארמאסערט פאר מיר, דערפאר — שטום זאָלט איר ווערן!“

פון דעמאָלט אָן זענען די פיש שטום; שטומע מאָסרים וואָס שלינגען איין איינס דאָס אנדערע לעבעדיקערהייט.

פאַרוואָס קרייט דער האָן

דער ערשטער מענטש האָט געהייסן אָ ד ע ם. אָדעם האָט געהאט צוויי זין. איינער האָט געהייסן ק א י ע ן און איינער ה ע ו ו ל.

איינמאָל זאָגט קאַיען צו העוולען:

„ברודער העוול, לאָמיר צווישן זיך צעטיילן דו וועלט!"

„גוט!" זאָגט העוול, „אַז דו ווילסט, זאָל זיין אזוי!"

האָט קאַיען גענומען די פעלדער און וועלדער, און העוול די שאָף און רינדער.

★

אף מאָרגן פירט העוול ארויס זיינע שעפּעלעך פאַסען. שרייט קאַיען: „אוועק!, וואָס טוסטו אף מיין פעלד?" שרייט העוול: די וואָל פון דיין קלייד — פון מיינע שעפעלעך האָסטו געשוירן! גיב אָפּ! טו אויס!"

האָבן זיי זיך געקריגט, געקריגט, ביז קאַיען האָט געכאפּט א שטיין, געוואָרפן אין זיין ברודער העוול און אים דערהארגעט.

★

האָט גאָט פארשאָלטן קאַיענען, ער זאָל אומוואנדערן ווי א ווינט אף דער וועלט.

האָט קאיען געגומען וואנדערן וואלדיין, וואלדאויס, און ער איז געוואָרן דער טאטע פון אלע וואלדגאזלאָנים.

רופט מען אלע קאיענס קינדער און קאיענס אייניקלעך — רוכעס; רוכעס הייסט ווינטן.

בייזע ווינטן, שלעכטע ווינטן.
הוליען, קערן וועלטן,
רייסן דעכער, מאכן כאָרעוו
אָרעמע געצעלטן.

און די רוכעס, קאיענס קינדער, מאכן כאָרעוו די שטיבעלעך פון אָרעמע לייט, הארגענען, פארגיסן בלוט...

אסאך, אסאך בלוט האָבן שוין די רוכעס פארגאָסן. נאָר דאָס בלוט, קינדערלעך, גייט ניט פארלוירן.

די זון שיקט אראָפּ אויף דער ערד אירע ליכטיקע שטראלן און זיי קלייבן צונויף איעדן טראָפּן בלוט. און וואָס טוט די זון מיט דעם בלוט? זי מאכט פון אים א רויטן, א פייערדיקן יאם. און יעדן אינדערפרי קאָכט זי אין אים אָפּ אנאנדערן רועך.

דערפאר, אז איר וועט אויפשטיין אינדערפרי, וועט איר זעען: אין מיזרעך ברענט א רויטער, בלוטיקער יאם.

און ווען קאיען האָט געהארגעט העוולען, האָט א טראָפּן פון העוולס בלוט א שפריץ געטון און געטראָפן דעם האָן פונקט אין קאם.

איז דער קאם געוואָרן רויט ווי פייער.

און אלע פרימאָרגן, איידער די זון גייט אויף, פונקט אין דער מינוט ווען העוולס בלוט האָט א שפריץ געטון אפן קאם פונעם האָן, טוט דעם האָן א ברי אין קאם, כאפט זיך דער האָן אויף און שרייט: „זון, זון, קום ארויס! קאָך א רועך אָפּ! קאָך א ר־ו־ו־עך אָפּ!"

דער
פאַרזיכטיקער האָן

דער פאָרזיכטיקער האָן

ערגעצווו־ ניט נאָענט, ניט ווייט,
אף א בערגל אין דער זייט,
אָפּגערוקט פון ברייטן שליאך
שטייט א שטיבעלע פון סכאך,
ווי פון דרערד ארויסגעוואקסן,
צווישן מאָן און הויכע פלאקסן.

דאָרטן צווישן פלאקס און מאָן
וווינט א קאָטער מיט א האָן;



הייסט דער קאָטער פעטער קיץ
און דער האָן רעב מיצלמיץ.
ניט פון היינט — שוין זיבן יאָר
דאָרט אין שטיבל וווינט דאָס פּאָר
און ס'האָט קיינער ניט געוווסט.

פלוצעם קיצן זיך פארגלוסט
גאָר א פעסקע מיט א טראָלד
און אן אוירינגל פון גאָלד,
(ווער־זשע וואָלט דאָס ניט געוואָלט!)
פאָרט ער אפן יאָר־יאריד,
(אז מע קען, פארוואָס־זשע ניט?)
פאָרט און נעמט דעם האָן ניט מיט.
ביי דער שטוב געלאָזט דעם האָן
און ער זאָגט אזוי אים אָן:
„לעבן שטיבעלע ארום
דרייט דער פוקס, דער פוקס זיך אום;
מיט א גראָבן קאנטשיק שמייסט ער,
איבער בארג־און־טאָלן רייזט ער,
ווו א האָן כאפּ־כאפּ אין טייסטער.
זיך־זשע שטיל און זיי־זשע קלוג,
טו אין פענצטער ניט קיין קוק,
מיט די פליגל טו קיין פּליעסקע
און זיך גאָרגלען דארף מען ניט!
נו, איך אייל זיך צום יאריד:
איך מוז קויפן מיר א פעסקע
און א רינג צום רעכטן אויערל,
זיי געזונט! פארשליס דאָס טויערל!“
„זיי געזונט און פאָר געזונט!
שטעל ניט אָפּ זיך מיטן הונט!“

*

הייס; אינדרויסן ברענט די היץ,
אפן מארק דרייט אום זיך קיץ
אין דער טערקיש־רויטער פעס.

באלד וועט ווערן א מעסלעס,
ער דאָס אוירינגל נאָך דינגט:
„קויף מיך!" רעדט עס און סע ווינקט,
נאָר דער פרייז! פס, פס, א פרייזל!...

און דער פוקס דאָרט לעבן הייזל
שווייגט דערווייל ניט, ניין, ער קלינגט
מיט צוויי טעצלעך און ער זינגט:

„צאדיקל, צאדיקל,
פייער־רויטיק ספּאָדיקל,
ראָצעמאָרענע זשופּעצע,
סאמעטגרינע יופּעצע,
שטעק ארויס דאָס פּיסקעלע,
שענק איך דיר א קרישקעלע!
קינדער, געזעסן,
קוילעטשלעך געגעסן,

קרישקעלעך געבליבן,
קיינער ניט געקליבן.“

ווײ, דער האָן ער האלט ניט אויס,
שטעקט דאָס פּיסקעלע ארויס,
שפּרינגט דאָס פּיקסל אף די טרעפּ
און — דאָס הענדעלע שליפּ־שלעפּ!

*

נאָך פון יאָרן, אלטע טעג,
היט א ציילעם יענעם וועג,
שטייט אף אים א קוקווײקע.
שרייט דער האָן אויס: „קוקורײקע!“
אוי, וואָס שטייסטו אפן ציילעם?
פלי צום קאָטער אוז דערצייל אים:
„נאריש פּיקסל מיט א ברעקל
קלוגן האָן פארנארט אין זעקל.“

*

און רעב קיץ פארשטויבט, פיטשנאס ער
לעשט דעם דאָרשט מיט זאָדעוואסער,



און ער וואָרטשעט: „ניט קיין קאלטס!“
און דאָס רינגל דינגט ער אלץ;
וויל מען פופצן גיט ער פערצן.

נו, אקלאל, אן עק, אינקורצן:
אָט, אָט, אָ, סע האלט ביים קויפן —
הענדעם־פענדעם נעמט ער לויפן
איבער דעכער, איבער שטיבער,
איבער קוימענס, איבער גריבער,
ווי א קײלעכל פון ביקסל
פליט ער — טרעפט דאָס כיטרע פיקסל.

זיך מיט שטייפקייט איינגעצויגן,
און א שפּרונג דעם פוקס אין ד'אויגן!
טראָגן פייער גרינע שפּינען —
ביידע אויגן אויסגערונען!

(נו, דער פוקס געדעווועט, קינדער!)
לאָזט שוין אָפּ דעם האָן, דער בלינדער.

און דער האָן פארכאלעשט נעבעך,
קוים, קוים פרעגט ער: „טויט, צי לעב איך?“
ענפערט אים רעב קיין קיין וואָרט ניט,
שפעט, די זון שטייט אף קיין אָרט ניט,
שוין געזעצט זיך, באלד פארגייט זי;
כאפט דעם האָן ער אף דער פלייצע
און — אוועק, אין דאָרף געלאָפן.
איז נאָך דאָס אפטייקל אָפן,
קויפט ער דאָרטן אין אפטייקל,
וואסערלעך פון טייך כידעקל
אין צוויי גרויסע גרינע פלאשן
און ער נעמט דעם כאווער וואשן.

ווערט דער האָן ווי ניי געבוירן
און קריצט אויס אף אלע טוי'רן

מיט זיין שפּיציק־שאַרפן נאָגל:
„גוט צום הוסט א גאָגלמאָגל.
נעמט דיך א פארקילונג שטעכן —
רוף דעם שפּרעכער זאָל ער שפּרעכן!
זאָגט מען דריימאָל „האָרע־קאָרע״,
פּעלט זיך אויכעט א נעהאָרע,
און אפילע א „זאדישקע״.
וואָס געפּערלעך? נאָר א קרישקע!״

אָט אזוי דער האָן פארשריבן,
און אליין זיך וואָרט געגעבן:
ער קיין קרישקע עסט ניט מער,
און אפילע ניט קיין קער...

און דעם צווייטן טאָג שוין פאסט ער,
און ער לייגט צו „הופּקע־פּלאסטער״,
זיך די ווונדן צו פארהיילן...
ווער ווייסט שענערס — זאָל דערציילן!

דערשינען אונטער דער אויפזיכט פון
מאיר ריספלער

נאָכוואָרט

דער גרויסער פאבל־דיכטער, דער אויסער געוויינלעכער שפּראַך־מייסטער און אויסער אָרדנטלעכער גרויסער פּעדאגאָג, אליעזר שטיינבארג, איז איצט 79 יאָר געבוירן געוואָרן אין שטעטל ליפּקאַן.

אין זיין פריסטער יוגנט איז ער לערער געוואָרן. באַזוכנדיק אסך שטעט און שטעטלעך פון באסאראביע און אנדערע געגנטן, האָט ער געזען מיט זיינע דיכטערישע אויגן דאָס לעבן מיט אלע זיינע גרוילעכקייטן: נויט און פּיין, רעכטלאָזיקייט, פארפאָלגונגען, צוריקגעשטאַנענקייט און אמעראַציִשקייט. ער האָט געזען דעם צארישן שטיוול און די יידישע „בעלי־טובהניקעס" ווי זיי טרעטן אויף דער אָרעמער שוצלאָזער מאסע.

דער פאבל־דיכטער אליעזר שטיינבארג, האָט זיך געשטעלט אין דינסט פונעם פאָלק. זיינע משלים, זיינע דראמאטישע לעגענדן, קינדער־פּיעסן און אסך אנדערע ווערק אין וועלכע ס'האָט געשפּרודלט זיין גרויסער טאלאנט און ערודיציע זענען געווען א ברכה פאר די ברייטע פאָלקס־מאסן.

זיינע משלים זענען געווען פּאָפּולער אין פארשידענע שטעט און שטעטלעך, נאָך איידער זיי זענען דערשינען.

גרויס איז געווען די פרייד ווען זיינע משלים האָבן אָנגעהויבן צו זען די שיין אין פארשידענע צייטשריפטן פון יענער צייט. א ריזיקן רושם האָט געמאכט שטיינבארגס ווערק ווען ס'איז דערשינען אין א בוך פאָרם. ווייל דאָ האָט מען געזען דעם ריז פון דער פאבל ליטעראטור וועלכע איז אין אלגעמיין א זעלטענע דערשיינונג. ווייל משלים שרייבן איז נישט אזא גרינגער זשאנער ווען ס'איז די רייד אז זיי זאָלן בלייבן אין דער וועלט־ליטעראטור.

אין זיינע משלים שטראלן ארויס: עפּאָס און דראמע, ליריק און סאָציאלער אויפברויז, פאנטאזיע און טאָג־טעגלעכקייט, בענקעניש און קעמפערישקייט, סאטירע און הומאָר, בילדערישקייט און חריפות.

דאָס אלץ איז געלונגען אליעזר שטיינבארגן צונויפצוועבן אין זיינע משלים מיט זיין מייסטערישן אייגנאַרטיקן רייכן סטיל און דיכטערישער דערהויבנקייט וואָס ווירקן אזוי פּאָזיטיוו אויף דעם לייענער, וועקן אויף די מאסן. און ווייזן זיי דעם וועג צו זייער באפרייונג, דורך אקציע, דורך קאמף.

א חוץ זיין גרויסן טאלאנט איז שטיינבארגן בייגעשטאנען די פאָלקס=חכמה, וואָס ער האָט זי געזוכט און געפונען אין די טיפעניש פון די יידישע לעגענדן, אין די פאלדן פון דער פאָלקס=שפּראַך וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט דורותדיקן טרויער, ליבע, האָפענונג, ווידערשפּעניקייט, רעוואָלט און שלום. ער האָט געהאט דעם כוח צונויפצוקנופּן דאָס אלטע מיט דעם נייעם, ווייל ער איז געווען א גרויסער בקי אין דער אלטער ווי אין דער נייער ליטעראַטור. זיין גרויסן שפּראַך דערפאָלג האָט ער צו פארדאנקען א חוץ זיינע פּערזענלעכע אייגנשאפטן אויך די פאָלקס=מאסן פון וועלכע ער האָט געשעפּט מיט פולע עמערס אויף זיינע באזוכן אין פארשידענע געגנטן, ווי אויך זיין שטענדיק שלייפן און גריבלען ארויסצוברענגען דעם שענסטן וואריאנט.

דאָס אלץ האָט באַרייכערט און באַפּוצט זיינע משלים וועלכע זענען אזוי אָפּגעטאָקט אזוי באטעמט און אזוי אָנרעגנד פאר דעם לייענער און צוהערער.

שטיינבארגס גאוניש ווזיע, זיין איראָניע, סאטירע און הומאָר, פּילאָזאָפיע און ליריק. זיין ארייַנדרינגען אין די בעלי=חיים, זיינע פּשוטע שטריכן וואָס מאכן לעבעדיק די דוממים פארכיש פון דעם לייענער און צוהערער, זיין שארפזיניקייט איבעראַשט. א טייל פון זיינע מוסר=השכלס זענען אויפרייס=שטאָפּן.

גרויס איז געווען זיין ליבשאפט צו די קינדער. ער האָט געלייענט אין זייערע נשמהלעך, ער האָט געעפנט פאר זיי די פאנטאסטישע טויערן פון דער לעגענדע, שפּאצירנדיק זיך דאָרט מיט זיי אויף סטעזשקעס און אויף וועגן ארויספירנדיק זיי אויפן ברייטן און גרויסן שליאַך אויף וועלכן אלע קינדער פון דער גאָרער וועלט דארפן זיך צונויפקומען: דער ברייטער שליאַך פון גערכטיקייט און גליק. דאָס האָט ער געוויזן אין זיינע „מייסעלעך" וועלכע האָבן געבראכט א גרויסן צושטייער צום יידישן פאָלקס אוצר.

אויך אין די „מייסעלעך" באנוצט זיך שטיינבארג מיטן משל וואָס איז פול מיט דיכטונג, דראמע, לעגענדע, ראָמאנטיק, ליריק און פאנטאַזיע. אויך דאָ האָט זיך אנטפּלעקט דער גרויסער קינסטלער וואָס האָט געקאָנט באהעפטן די דורותדיקע ליידן וועלכע זענען פארקערפּערט אין לעגענדעס און אין גלייכווערטלעך — צו די ליידן פון זיין דור. כדי צו צעפּלאקערן דעם סאָציאלן ברען, מיטן מיין איבערצוגעשטאלטיקן דעם נייעם דור, מאכן זיי פאר קעמפער פאר א בעסער לעבן.

שטיינבארג איז נישט נאָר געווען א גרויסער דיכטער און אויסערגעוויינטלעכער פּעדאגאָג, ער איז אויך געווען א קולטור=פארשפּרייטער.

זיינע טורנייען איבער שטעט און שטעטלעך פון אונדזער היימלאנד זענען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ליבשאפט פון די ברייטע פאָלקס=מאסן און פון די פּראָגרעסיווע באוווסטזיניקע ארבעטער.

זיינע משלים זענען געלייענט געוואָרן אין די פינצטערע יאָרן פון פאשיזם, אין די יידישע געטאָס און אין די פּארטיזאנען אָפּטיילונגען. זיינע משלים האָבן געטרייסט, געוועקט, דערהויבן די קעמפער קעגן דעם בלוטיקן פאשיזם.

מאיר ריספּלער

פאַרטייטשונגען

א

אזעם-פּאָנעם = עזות-פּנים — פרעכהייט, אומפאַרשעמטקייט, פרעכער, אומפאַרשעמטער.
אכילע = אכילה — עסן.
איירעך = ערך — ווערט, פאַרגלייך, פאַרהעלטעניש, טראַכט, אנצוג, רייע, אָרדענונג.
אָדעם = אָדם — מענטש. דער ערשטער מענטש לויט דער ביבל.

ב

באַלעבאָסטע = בעל-הביתטע — הויזווירטן, הארן, בירגערן, הויזאייגנטימערן.
בושע = בושה — שאַנדע, שעמען זיך.
בענעמאָנעס = בנאמנות — אויף ערנוואָרט, גלויבווירדיקייט.
ברויגעס = ברוגז — מיט פאַרדראָס, אויפגערעגט, בייז, נישט צופרידן, צעקריגט.
באָכערל = בחורל — ייִנגעלע.
בראָכע = ברכה — דאַנק; א גליק, לויבגעזאַנג, גוטער ווונטש, אַלדעס גוטס.
בסורע = בשורה — נאַכריכט, ידיעה.
באַלעבאָס = בעל-הבית — הויזאייגנטימער, האַר, בירגער.
בעריע = בריה — גראָטעמנער (נע), טויגער (ז).
ביזאָיען = בזיון — שאַנד, באַליידיקונג, בושה.
בעסאָמים = בשמים — שמעקנדיקע פלאַנצן, געווירצן.
באַסקאָל = בת קול — ווידער-קול, עכאָ.

באר = בר — זון.
בעסאָד = בסוד — אויפן אויער, קיינער זאָל נישט הערן.
באַלטויוועס = בעל טובה.
בילבול = בלבול — אויסטראכטעניש, באשולדיקונג.
בעשוטפעסדיק = בשותפותדיק — מיטבאטייליקט.

ג

גוזמע-גוזמאָעס = גוזמאָ גוזמאָות — איבערגעטריבן.
געפּויעלט = געפּועלט — געווירקט, אויסגעפירט.
גאדלעס = גדלות — שטאָלצקייט, בארימעריי, פאריסנקייט.
געכאָלעמט = געחלומט — געטרוימט.
גוילעם = גולם — אידיאָט.
גאזלען = גזלן — רויבער.
גאניידנעפּעלע = גן־עדן עפּעלע — פּאראדיס־עפּעלע.
געדולע = גדולה — גרויסע פרייד, גרויסקייט, רייכקייט.
געניייוועס = גנבות — צונעמען פרעמדס, שווינדלען.
געירים = גרים — פרעמדע.
גויזער = גוזר — באפעלט.
גזיירעס = גזרות — בייזע פאראָרדענונגען.
גאָליל = גליל — א פּראָווינץ אין ישראל.
גענעם שמש = גיהנום־שמש — גיהנום דינער.
געמאָרע־ניגנדל = גמרא-ניגנדל — אן אייגנארטיקע מעלאָדיע
וואָס די גמרא-לערנערס זינגען זיך צו בשעתן לערנען.
גאלעך = גלח — פּריסטער, קריסטלעכער גייסטלעכער.
גיבוירעם = גבורים — העלדן, שטארקע, אטלעטן.
גאלגעל-האכויזער = גלגל החוזר — א ראָד וואָס דרייט זיך.

ד

דאווקע = דוקא — גראָד, נאָר אזוי, פּונקט.
דעצאך = דצ"ך — איניציאלן פון „דם, צפרדע, כנים". דאָס
הייסט: בלוט, פרעש, לייז. א טייל פון די צען מכות
מיט וועלכע גאָט האָט געשטראָפט די מצריים ווייל
זיי האָבן פארשקלאפט די יידן. (לויט דער ביבל).
דין = דין — רעליגיעז געזעץ, אורטייל, גערוכט, פּראָצעס, רעכט.
דאיען = דיין — ריכטער.
דוירעס = דורס — צעטרעטן, צעשעדיקן, צערייסן, אומברענגען.
דייע = דעה — געדאנק, מיינונג, באשלוס, מאכט, שטימע.

ה

העפקער = הפקר.
הארוגים = הרוגים — דערהרגעטע, טויטע.
האָמען = המן — אחשורושעס ערשטער מיניסטער.
האָמען האָראָשע = המן הרשע — דער שלעכטער המן.
האנאָע = הנאה — פארגעניגן, געניס, באפרידיקונג.
האמויצע = המוציא — רעפטל ברויט אָדער חלה, א ברכה וואָס פרומע יידן מאכן איידער זיי עסן ברויט.
האכנאָע = הכנעה — אונטערטעניקייט, געבויגנקייט, אנטמוטיקייט.
העוועל = הבל — נארישקייט, נישטיקייט, אומזין, הויך, ווארעמקייט.

וו

וואלדמאכשייפע = וואלד־מכשפה — וואלד כשוף-מאכערן.
ווייזאָסע = ויזתא — המנס נארישער זון, גרויסער נאר.
ווענוימאר אָמיין = ונאמר אָמן — לאָמיר זאָגן אָמן.
וועאכאוו = באח״ב — איניציאלן פון ברד, ארבה, חשך און בכורות; א טייל פון די צען מכות מיט וועלכע גאָט האָט געשטראָפט די מצריים ווייל זיי האָבן פארשקלאפט די יידן. (לויט דער ביבל).

ז

זיכרויגנוי ליווראָכע = זכרונו לברכה — זיין אָנדענק זאָל גע־בענטשט זיין.
זקיינים = זקנים — אלטע מענטשן, חשובע לייט.
זמאן = זמן — צייט, די צייט פון פסח ביז ראש השנה, ווי אויך פון ראש השנה ביז פסח.
זאָעווטאָער = זהב טהור — ריין גאָלד.

ט

טוירע = תורה — לערע.
טאלמידים = תלמידים — שילער.
טאָמיד = תמיד — שטענדיק.
טיינעס = טענות — פרעטענציעס, פאָדערונגען, זאָגן, שמועסן.
טוירע זאָגן = תורה זאָגן — רעדן וועגן תנ״ך, תלמוד, פוס־קים, חסידישע המצאותלעך א. ד. ג.
טוישווים = תושבים — אלטגעזעסענע, בירגער.

טאנאָים = תנאים — יידישע געלערנטע וואָס האָבן געשאפן דעם משניות.
טאנע = תנא — געלערנטער.
טוועס = תבואות — ווייץ, קאָרן, גערשטן א. ד. ג.
טאלמיד כאָכעם = תלמיד חכם — געלערנטער.
טאליאָנים = תלינים — הענקער.
טליע = תליה — הענג־שלופ.
טעווע = טבע — נאטור, כאראקטער.
טארגים = תרגום — טייטש, איבערזעצונג.
טפילין = תפילין. — אזעלכע שיידעלעך אין וועלכע ס׳געפונען זיך פראגמענטן פון דער ביבל געשריבן אויף פארמעט.
טאָעס = טעות — פעלער, גרייז.
טערכע = טרחה — באמיונג.
טייקעף = תיכף — באלד, זאָפאָרט, שוין.
טויווע = טובה — גוטסקייט, געפעליקייט.
טאָמע זיבן = טמא זיבן — זיבן טעג טמא, אומריין.
טאם = טעם — געשמאק, אורזאך, מאָטיוו, זין, באדייט, פאר־שטאנד, באפעל, גרונד טאָן, אקצענט.
טאם = תם — פראָסטאק, אידיאָט, נאר, נאיווער, נישט אי־בערגעשפיצטער, ערלעכער ייד.

י

יאם = ים — מער.
יאבאָשע = יבשה — טרוקעניש. דאָ מיינט מען אויף דער ערד.
יוישעוו — יושב — זיצט, וווינט.
יסראָעל = ישראל — נאָמען, ארץ ישראל, פאָלק ישראל.
יעשיווע = ישיבה — הויכע רעליגיעזע שול.
יעסורימשוים = יסורים־שוים — שוים פון יסורים, פון פיין, ליידן, ווייטיקן, ערגעניש.
יעהודע = יהודה — נאָמען, א געגנט אין ישראל.
יוינעסן דויד צאך = יהונתן דוד־צח — יהונתן דער ליכטיקער פעטער.
ירושע = ירושה — געירשנט פארמעגן, ארבשאפט.
יאָמקיפער = יום כפור — לויט דעם יידישן גלויבן דער הייליקסטער יידישער יום־טוב. דער טאָג פון מוחל זיין די עבירות, דער טאָג ווען גאָט משפט די וועלט.
יאָם־האדין = יום הדין — דער טאָג פון גערעכטיקייט.

כ

כאָרעוו = חרוב — רויִנירט, צערשטערט, פארוויסט.
כאָשעוו = חשוב — געאכט, וויכטיק.
כאָסן קאַלע = חתן כלה.
כאסונע = חתונה — הייראט.
כופּע = חופּה.
כאַלע = חלה — קוילעטש.
כאיע = חיה — פיר פיסיקע זויגנדיקע באשעפענישן.
כאָלילע = חלילה — גאָט באהיט.
כאַלעף = חלף — שארף מעסער.
כאזיירים = חזירים — שוויינען.
כיינעוודיק = חנעוודיק — סימפּאטיש, רייצענד.
כידושים = חדושים — אויפטוען מערקווירדיקע זאכן, וווּנדער.
כאָכעם = חכם — קלוגער, געלערנטער.
כייעס (א) = חיות — א פארגעניגען.
כאס וועשאָלעם = חס ושלום — מ'זאָל אָפּגעהיט ווערן.
כומעש = חומש — די תורה וואָס אנטהאלט פינף ביכער.
טעקסט פון די פינעף תורה־ביכער.
ביידער = הדר — רעליגיעזע שול, צימער.
כידעקעל = חדקל — א טייך וואָס געפינט זיך אין אָריענט.
כאראָטע = חרטה — באנג טון.
כאווערל = חברל — יונגער קאָלעגע. יינגער פריינט.
כאנוקע-געלט = חנוכה געלט — געלט מתנות וואָס עלטערן און נאָענטע טיילן קינדער חנוכה צייט.
כאיאָלעס = חילות — מחנות מיליטער.
בעלעם מעדרעש נעלעם = חלם מדרש נעלם — דער זין דאָ איז; אזוי ווי כעלם איז א נארישע שטאָט, קאָנען די באַלעבאטים זיך נישט אויספּלאָנטערן — דער מדרש איז פאר זיי פארהוילן — מוזן זיי אָנקומען צום אינדיק.
כיי-וועקאיעם = חי וקים — דאָ; כאָטש שריי צו דעם וואָס אייביק לעבט.
כיסאָרן = חסרון — פעלער, בלויז. מינוס.
כארטומים = חרטומים — כשוף־מאכער, צויבערער.
כאָכמעס האיאד = חכמת היד — כיראָמאנטיק.
כאדאָשים — חדשים — מאָנאטן.
כייעס ראָעס = חיות רעות — שלעכטע חיות, ווילדע חיות.
כאד-גאדיע = חד גדיא — א ציגעלע, אן אלטע לעגענדע וועגן א ציגעלע.
כארעף = חריף — שארפזיניקער.

באלאָשעס = חלשות — פאַרלירן די כוחות. פאַרשלאָפּט ווערן.
בערפּע = חרפה — שאַנד, באַליידיקונג.
כשיווּעס = חשיבות — אָנזען, בכבודיקייט.
כאָצעפּל = חצופל — פאַרשייטער, אומפאַרשעמטער (קליינער).

ל

לעוואָנע = לבנה — מאָנד.
לעמיי = למאי — צו וואָס?
לעכו נעראַנענו = לכו נרננה — טיטל פון א תפלה וואָס ווערט געזאָגט אָדער געזינגען לויט א געווּיסן נוסח.
לאָשען = לשון — שפּראַך, צונג.
לאַמעדוואָוו = למד וואָווניק — איינער פון די 36 צדיקים אין וועמענס זכות ס'שטייט די וועלט.

מ

מייסעלע = מעשהלע — דערציילונג, מערצאָל מעשות.
מאַזעל-טאָוו = מזל טוב — גליק ווּנטש.
מוירע = מורא — שרעק.
מייכל = מאכל — שפּייז, עסנוואַרג.
מיילעס = מעלות — גוטע זייטן.
מאַזיקל = מזיקל — קליין רוחל.
מויכעל = מוחל — אַנטשולדיקן, פאַרגיבן זינד, שענקען.
מאַכמעס = מחמת — צוליב, פון, נאָר, וועגן, ווייל דורך דעם.
מאַזל = מזל — גליק.
מינעסטאַם = מן הסתם — זעלבסט פאַרשטענדליך, וואַרשיינלעך.
מאַסקים = מסכים — איינפאַרשטאַנען, איינשטימיק.
מעסוקן = מסוכן — געפערלעך, געפערלעך קראַנק.
מאַלעכל = מלאכל — לויט דער לעגענדע זענען פאַראַן מלאכים, דאָס הייסט אַזעלכע באַשעפענישן, גוטע און שלעכטע, וואָס לעבן אויפן הימל און קומען צומאָל אויף דער וועלט מיט אַזוי גערופענע שליחותן.
מעכאַדעש זיין די לעוואָנע = מחדש זיין די לבנה — א געבעט וואָס ווערט געמאַכט בשעת די לבנה באַנייט זיך.
מעשוגאָים = משוגעים — צעמישטע, דולע, די וואָס זענען אַראָפּ פונעם זין.
מוישע = משה — א נאָמען.
מאָפּסים = מופתים — ווּנדער, נסים.
מאַטריעך = מטריח (זיין) — זיך באַמיען.

מייסע נוירע = מעשה נורא — א שרעקלעכע פּאסירונג; דערציילונג.
מעדינעס = מדינות — מלוכות, לענדער.
מאַלבושים = מלבושים — קליידער.
מאלכעס וויין = מלכות-וויין — קעניגלעכער וויין.
מיילעכס אויצער = מלכס-אוצר — שאַץ-קאמער.
מיצראים = מצרים — עגיפּטן.
מאָלע רעציכע = מלא רציחה — פול מיט צאָרן, בייז.
מעגילע = מגלה — פורים דערציילונג, א לאנגע דערציילונג.
מאָשל = משל — פארגלייך, פאבל, ביישפּיל, אַלעגאָריע.
מויעך = מוח — געהירן, קאָפּ, לאָגיק.
מעווינים = מבינים — פאַכקענער.
מאבל = מבול — וועלט פארפלייצונג.
מאזיק = מזיק — שעדלעכער, שד, רוח.
מיסכער = מסחר — האנדל, געשעפט.
מאכטייסע = מהיכא תיתי — פארוואָס נישט, ס'קען זיין אזוי אויך, ריכטיק.
מאזעל און בראָכע = מזל און ברכה — גרויס גליק.
מעציע = מציאה — ביליקע זאך, געפונענע זאך, וואזשנע זאך אין איראָנישן זין.
מעשומעד = משומד — רענעגאט, דער וואָס איז איבערגע-גאנגען פון יידישן גלויבן צו אן אנדערן.
מוידע = מודה (זיין) — אָנערקענען, זאָגן דעם אמת.
מאכנעס-ווייז = מחנות-וויז — גרופּנווייז.
מאבלט = מבולט — גיסט כמעט אָן אויפהער.
מעגילגל = מגולגל (ווערן) — פארוואנדלט ווערן. לויט מיס-טישע פאָרשטעלונגען גייט אריין די נשמה פון איין באשעפעניש אין אן אנדערן.
מעאהאווע = מאהבה — פאר ליבשאפט.
מאזיקן = מזיקן — שלאָגן, שעדיקן.
מיצווע = מצוה — רעליגיעז געבאָט.
מאָסרים = מוסרים — דענונצירער, צוטראָגער, אויסגעבער.
מעסלעס = מעת לעת — א טאָג און א נאכט, 24 שעה.

נ

נאווענאד = נע ונד (זיין) — פארוואָגעלט זיין, ארומוואנדערנדיק זיך.
נעסיע = נסיעה — רייזע.
נאָסי = נשיא — פרעזידענט — פירשט.

נעשאָמע = נשמה — לעבן, גייסט, חיות, אָטעם.
נעווײלע-שינדער = נבילה־שינדער — די וואָס שינדן די הויט פון טויטע בהמות און חיות.
נעווײרע = עבירה — זינד, פארברעכן, א שאָד.
ניפטער = נפטר — געשטאָרבענער.
נעהאָרע = עין-הרע — „א גוט אויג“, מ׳מיינט א בייז אויג.

ס

סימכע = שמחה — פרייד, פארוויילונג, יום-טוב.
סאָף = סוף — ענדע.
סכאר-טערכע = שכר־טרחה — באלוינונג.
סייכל = שכל — פארשטאנד, דאָ; פאלט אים איין א געדאנק.
סאָנים = שונאים — פיינט.
סייפערל = ספרל — ביכל.
סוידעס = סודות — סעקרעטן, באהאלטענע געדאנקען, גע-היימנישן.
סימען = סימן — א באוויז, א צייכן.
סודעלעך = סעודהלעך — קערמעשלך, פייערלעכע מאָלצייטן אויף חתונות, בריתן, א. ד. ג.
סאָכרים = סוחרים — הענדלער.
סרייפע = שרפה — פייער.
סידערל = סידורל — תפלה-בוך.
סוקעלע = סוכהלע —ביידעלע אין וועלכע פרומע יידן עסן אום סוכות.
סכאך = סכך — משעטענע אָדער אנדערע צווייגן מיט וועלכע מען דעקט צו די סוכה.
סעקאָנעס נעפאָשעס = סכנות-נפשות — לעבנס געפערלעך, שרעקלעך.
סוואָרע = סברה — מיינונג, געדאנק, היפּאָטעזע, רעזאָן.

ע

עמעס = אמת — וואָרהייט, ריכטיק, ווירקלעך.
עפשער = אפשר — מאָמער, פּיליכט.
ערעץ־יסראָעל = ארץ ישראל — יידיש לאנד.
עליאָהו האנאָווי = אליהו הנביא — פּראָפעט, לעגענדארע גע-שטאלט.

פּ

פּאָראַס = פּרס — פּערסיען.
פּאָנים = פּנים — געזיכט, אויסזע.
פּאַכעד = פּחד — שרעק, מורא.
פּאָסעק = פּסוק — תנ"ך, ביבל, פּערז, זאַץ פונעם תנ"ך.
פּאָראַס-אומאָדאַי = פּרס ומדי — לענדער אין אָריענט.
פּאָשעטער = פּשוטער — פּראָסטער, איינפאַכער.
פּיירעק מישנאַיעס = פּרק משניות — א קאַפּיטל משניות.
פּאַרנאָסע = פּרנסה — עקזיסטענץ, מעגלעכקייט, חיונה, טאָג-טעגלעכע באַדערפעניש.
פּויעלט מען = פּועלט מען — טוט מען אויף, פירט מען אויס, דערגרייכט מען.
פּסאַק = פּסק — שוואַרצן סוף, אורטייל, אָפּשניט, שטראָף.
פּעגאָרים = פּגרים הרוגים — געהרגעטע מענטשן, מתים.
פּידיען = פּדיון — אויסלייזונג, געלט וואָס רבים נעמען ביי די חסידים, אויסלייז געלט, לייזעניץ.
פּאָטער ווערן = פּטור ווערן — פריי, אָפּטשעפּען.

פ

פאַרכאַסמעט = פארחתמעט — פאַרזיגעלט.
פאַראַקשענט = פארעקשנט — איינגעשפּאַרט.
פאַרמאַסערט = פארמסרט — דענונצירט, צוגעטראָגן, אויסגעגעבן.

צ

צולעהאַכעס = צו להכעיס — כדי צו דערצערענען, כדי אויפצורעגן.
צאַר באַל כיי = צער בעל חי — מיטלייד מיט לעבעדיקע באַשעפענישן.
צאָרע = צרה — אומגליק,ליידן.
צאַדיק = צדיק — פרומער ייד, חסידישער רבי.
צוין קאָדעשעם = צאן קדשים — הייליקע לעמעלעך.
ציילעם = צלם — קרייץ, בילד, געצנבילד.

ק

קאָל = קול — שטימע.
קלעזמער = כלי זמר — מוזיקאַנטן.

קויעך = כוח — קראפט.
קרויווים = קרובים — פריינט, נאָענטע.
קאס = כעס — אויפרעגונג, אויפגעבראכט, צאָרנדיק.
קיילעוו = כלב — הונט.
קסאוו = כסב — דאָקומענט, א געשריבנס, שריפט.
קלוימערשט = כלומרשט — אזוי צו זאָגן, גלייך ווי, דאָס הייסט.
קאָדויש = קדוש — הייליקער, קרבן, גאָט.
קרווו = כרוב — יינגער באפליגלטער מלאָך.
קאלע = כלה — א מיידל וואָס האָט א חתן.
קינים = כנים — לייז.
קאָל דיכפין ייסיי וועייכויל = כל דכפין ייתי ויכול — ווער ס'איז הונגעריק זאָל אריינקומען און עסן.
קאָס = כוס — גלאָז, בעכער.
קאדיישימלעך = קדישימלעך — נאָכפאָלגער, זונדעלעך. לויט דעם יידישן גלויבן דארפן קינדער זכרים זאָגן קדיש נאָך זייערע עלטערן.
קאיאָר = כאור — גאנץ פרי, ווען ס'הויבט אָן צו טאָגן.
קעהילע = קהלה — געמיינדע.
קאָפל-שמוינע ציצעס = כפול שמונה ציצית — אכטפאכיקע ציצית.
קאצן-שווועס = קאצן-שבועה — דאָס שווערן פון א קאץ.
קאפדן = קפדן — בייזער, שטרענגער, פעדאנטער.
קלאָלע = קללה — שימפוואָרט, אומגליק.
קרירע = קרירה — קעלט.
קאך = קח — נעם.
קרא = קרע — צעריים.
קאיען — קין — אָדמס זון, מערדער.

ר

ראכמאָנעס = רחמנות — מיטלייד.
רעגע = רגע — מינוט, א וויילע.
רעפוע = רפואה — היילונג, מעדיקאמענט, רעצעפט, היילמיטל.
רעבע = ראבי — לערער, מלמד, וונדער רבי, וועגווייזער, העד, מיטל פון א געלערנטן.
ראיע = ראיה — באוויז.
ראָש יעשיווע = ראש ישיבה — אָנפירער פון א העכערער רע-ליגיעזער שול.
ראכמים = רחמים — גאָט זאָל זיך דערבארעמען, רחמנות.
ראָשע מערושע = רשע מרושע — גאָר א שלעכטער מענטש.

רויש כוידעש — ראש חדש — אָנהויב חודש.
רועך = רוח — שד, נישט גוטער, טייוול, בייזער גייסט, לופט, ווינט.
ראכמים = רחמים — דערבארעמקייט, רחמנות.

ש

שאָ = שעה — זעכציק מינוט.
שכיינעם = שכנים — נאכבארן, איינגוווינער.
שטאָט-געוויר = שטאָט גביר — שטאָט עושר.
שושאן האבירא = שושן הבירה — הויפטשטאָט פון פרס ומדי.
שיקערן = שכורן — זויפן.
שאָלעם = שלום — פרידן.
שאלאכמאָנעס = שלח מנות — געבעקס און אנדערע מתנות וואָס יידן שיקן זיך פורים צייט.
שוועע = שבועה — דאָ; געשווירן.
שעם = שם — באריטמער נאָמען, טיטל, איינער פון נחס זין.
שליטע = שליטה — צוטריט, מאכט, כוח.
שאָלעם-אלייכעם = שלום עליכם — באגריסונג, א מנהג ביי יידן צו באגריסן א פרעמדן אָדער אן אייגענעם וואָס קומען פון דער פרעמד; פסעוודאָנים פון שלום ראבינאָוויץ, דער גרויסער יידישער הומאָריסט און סאטיריקער.
שורעסוויים = שורות וויז — רייענווייז.
שיר = שיעור — מאָס, צאָל, עק, לעקציע.
שוימער אומאצל זיין = שומר ומציל זיין — אָפהיטן און אָפרעטן.
שייקער = שקר — ליגן.

אינהאלט

זייט

I.

דער קאַטער אלדעסוויסער 9
פארוואָס די קאַץ שפּײַט דעם הונט אין פּאָנעם אריין . . 31
דער הינט און די קאַץ 36
א מייסעלע מיט א ציגעלע, א וועלפעלע און א וואָלף. . 41

II.

מיכעלע מיטן ביכעלע 59
דאָס מייסעלע מיט דער קוף 76
דאָס צאדיקל 96
וויאזוי די פייגעלעך האָבן געלערנט כומעש . . . 101

III.

די קרומע נון 125
כויקערל־הויקערל 139
דאָס פינגערל 162
דעצאך, אדאש, בעאכאוו 176
כאדגאדיע 198
„לעק בוימער" 215
די סוקעשער 226

זייט

VI.

פארוואָס די פּאווע און די קראָ האָבן געגעסן כאַזערניסעלעך . 237
אהאווע 247
קוקו און קוקורייקו 250
דאָס גלעקעלע 251
בילבול 252
בעשוטפּעסדיקס 253
דאָס געלעכטער פון דער קראָ 255
נארישע ציג 256
פארוואָס זענען די פיש שטום 257
פארוואָס קרייט דער האָן 259

דער פאָרזיכטיקער האָן

דער פאָרזיכטיקער האָן 263

נ אָ כ ו ו אָ ר ט 271
פארטייטשונגען 275

צ י י כ ע נ ו נ ג ע ן :

70 צייכענונגען — 39 איניציאלן

ארויספיר=ווינייעטע

בוך=פאראנטוואָרטלעכער און קאָרעקטאָר : מ. ריספלער.
טעכנישער רעדאקטאָר : וו. באסאראב.

איבערגעגעבן צום דרוק דעם 18. 11. 58. דרוק-פעיק 28. 05. 59. טיראזש 600 עקס. האלב-ווערין מאט-פאפיר. ערשטע אויסגאבע, באשטעלונג A 3796 נומער 03999. וועגן קליינע ביבלאָטעקן קלאסיפיצירונגס אינדעקס (08) 32 — A 8.

דער דרוק איז אויסגעפירט לויט דער באשטעלונג 3182 אין דער פּאָליגראפישער אונטערנעמונג „דער 13-טער דעצעמבער 1918“, גריגאָרע אלעקסאנדרעסקו-גאס 93—95 בוקארעשט. רומענישע פאָלקס רעפובליק.